STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04528

SHTUDYES IN LEYVIK

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Harold White
in memory of
Abraham & Jennie White

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטודיעס אין לייוויק

פאָרשונגען וועגן זײַן לעבן און שאַפן

ביז איצט זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ייִדיש-קאַטעדרע
בײַם בר-אילן אוניווערסיטעט די ווײַטערדיקע ביכער:

ב. יאושזאָן — נעכטן, געקליבענע עסייען און פעליעטאָנען פון באַרימטן פובליציסט אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע.

אהרן ראַסקין — ליטעראַרישע עסייען פון סאָוועטיש־ייִדישן ליטעראַטור־פאָרשער, רעדאַגירט פון ג. ווײַנער און א. שעדלעצקי.

אברהם קרן — דאָס ייִדישע שפּריכוואָרט: אַ שפּיגל פון לעבן און שטייגער, רעדאַגירט פון דב נוי.

יהודה עלבערג: עסייען וועגן זײַן ליטעראַרישן שאַפן, רעדאַגירט פון ג. ווײַנער.

ש. גינזבורג און פ. מאַרעק — ייִדישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד, פאַטאָסטאַט פון דער אור־אויסגאַבע אין 1901, רעדאַגירט פון דב נוי.

כרעסטאָמאַטיע פאַר ייִדישער ליטעראַטור, פאַר די ייִדיש־סעמינאַרן אין רוסלאַנד, צוזאַמענגעשטעלט פון ג. ווײַנער.

שטודיעס אין לייוויק, רעדאַגירט פון ג. ווײַנער.

אין דרוק:

אהרן צייטלין: עסייען וועגן זײַן ליטעראַרישן שאַפן, רעדאַגירט פון ג. ווײַנער.

שטודיעס אין לייוויק

פֿאַרשונגען וועגן זײַן לעבן און שאַפֿן
געלייענט אויף דעם סימפּאָזיום
אין בר-אילן אוניווערסיטעט
צום דיכטערס הונדערטיאָריקן געבוירנטאָג

רעדאַגירט פֿון
גרשון ווײַנער

ייִדיש-קאַטעדרע א.נ. פֿון רינה קאָסטאַ
בר-אילן אוניווערסיטעט, רמת-גן תשנ"ב-1992

מחקרים ביצירות לייוויק

מסות ומחקרים שהושמעו בסימפוזיון באוניברסיטת בר-אילן
לציון מאה שנה להולדת המשורר

העורך: גרשון וויינער

הקתדרה ליידיש ע"ש רינה קוסטה
אוניברסיטת בר-אילן

רמת-גן — תשנ"ב
Printed in Israel
דפוס "צור-אות", ירושלים



ה. לייוויק

געבוירן דעם 8טן דעצעמבער 1888;

געשטאָרבן דעם 23סטן דעצעמבער 1962

סקולפּטור פון מיכאל מילבערג,

אויסגעשטעלט אין בית לייוויק אין תל-אביב

דאָס בוך דערשײַנט אַ דאַנק דעם
פינאַנציעלן בײַטראָג פון די פרײַנט
יחיאל און **רחל אָבאָרזשאַנעק**,
רמת-גן

אינהאַלט

	זייט
הקדמה	9
גרשון וויינער — שטריכן צו דער געשטאַלט	13
עמנואל ס. גאָלדסמיט — דער צונויפטרעף פון גייסטיקע און דיכטערישע זוכונגען	18
אַננאַ דרעסנער — מהר״ם פון רוטענבערג	34
דב נוי — ה. לייוויקס פּאַרניגונטע לידער	45
גרשון וויינער — מיסטיק און מעטאַפיזיק אין לייוויקס לידער	90
אביבה בערלינסקי־טל — ארץ־ישראל אין זיינע לידער	97
מרדכי יושקאָווסקי — לייוויק און די סאָוועטיש־יידישע פובליציסטיק	102
י. ח. בילעצקי — גרונט־מאָטיוון פון לייוויקס יצירה	109
לוי שאַליט — לייוויק ביי דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד	124
שמואל ראָזשאַנסקי — ה. לייוויק און י. ל. פרץ	131
תּמצית פון די אַרבעטן אין העברעאיש	135

המדור העברי

דב נוי — הירש לקרט במציאות, בבלדה העממית ובמחזהו של לייוויק	139
חיים שוהם — לייוויק על בימת ה״אוהל״	156
תמצית ההרצאות שהושמעו ביידיש	166
ספרים בתרגום לעברית	174

הוספות

כה אמר — אַזוי האָט געזאָגט לייוויק	177
ה. לייוויק — צוויי לידער געשריבן אין שפּיטאָל אין ירושלים (פאַקסימיליע)	194
וויכטיקע דאַטעס אינעם לעבן פון דיכטער	196
ביבליאָגראַפיע פון לייוויקס ווערק	198
לייוויקס דראַמעס אין טעאַטער	201
די מחברים וואָס באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג	203

הקדמה

אין דעצעמבער 1988 האָט די ייִדיש-קאַטעדרע בײַם בר-אילן אוניווערסיטעט צונויפֿגערופֿן אַן אַקאַדעמישע קאָנפֿערענץ אין ראָם פֿון דעם לאָרד פֿישער-קאַלאַקוויום, געווידמעט דעם דיכטער ה. לייוויק — צו דער דאַטע פֿון הונדערט יאָר פֿון זײַן געבוירן.

אין משך פֿון צוויי טעג זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פֿינף זיצונגען. עס זײַנען אויפֿגעטראָטן אַקאַדעמיקער אויף טעמעס פֿאַרבונדן מיט די שאַפֿונגען פֿון דיכטער, צווישן זיי פּראָפֿעסאָרן פֿון אוניווערסיטעטן אין ישראל און אין די תפֿוצות. אויך זײַנען געהערט געוואָרן דעם דיכטערס שאַפֿונגען רעציטירט דורכן וואָרט-קינסטלער הערץ גראָסבאַרד און אין דער אויספֿירונג פֿונעם סטודענטישן דראַמע-קרייז אויפֿן נאָמען פֿון דינה האַלפּערן בײַ דער קאַטעדרע, אָנגעפֿירט דורך פּראָפֿ' בנימין צמח.

די זאַמלונג איז כולל די פֿאָרשונגען וואָס זײַנען געלייענט געוואָרן בײַ דער קאָנפֿערענץ צוזאַמען מיט די צוגאָב-מאַטעריאַלן ספּעציעל צוגעגרייט. דער ציל איז געווען אויסצופֿילן בלויז אָדער דערגאַנצן די רײַכע ליטעראַטור פֿון דער לייוויק-פֿאָרשונג. צוויי פֿון די געהאַלטענע לעקציעס ווערן געבראַכט אין העברעאיש, ווי זיי זײַנען געהערט געוואָרן, בעת אַלע אַנדערע זײַנען אין ייִדיש.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיטן דאָזיקן באַנד פּרעטענדיקן מיר נישט אויף שלימות — צו באַהאַנדלען אַלע 34 ווערק לייוויקס אין פּראָזע, פּאָעזיע און דראַמע, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דער ביבליאָגראַפֿיע. יעדער איינער פֿון די לעקטאָרן האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציפֿישע טעמע אָדער שאַפֿונג פֿונעם דיכטער און זי באַהאַנדלט אין ליכט פֿון זײַנע פֿאָרשונגען. דער רוב שאַפֿונגען ווערן בכלל נישט באַרירט אין דער זאַמלונג. מאידך קומען דאָ אַרײַן פּיאָנערישע אַרבעטן אויף טעמעס וואָס זײַנען נאָך נישט געהעריק געפֿאָרשט געוואָרן עד היום — ווי למשל די אויספֿירלעכע און כוללדיקע פֿאַרצייכענונג פֿון לייוויקס געזונגענע לידער און די אָפּשפּיגלונג פֿון דיכטערס געשטאַלט אין דער סאָוויעטישער פּובליציסטיק.

מיט אָנערקענונג און ליבע פֿאַרצייכנט דער רעדאַקטאָר דעם וואָגיקן

בײַטראָג צו דער זאַמלונג מצד פּראָפּ׳ דב נוי — דאָס מחוץ זײַנע צוויי פאָרשונגס-אַרבעטן — ווי אויך די הילף פונעם סטודענט פון דער ייִדיש-קאַטעדרע מאָטל טיטשענקאָ בײַם פעסטשטעלן די ביבליאָגראַפיע. און אחרון אחרון, אפרים שעדלעצקי וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ סך מי, צײַט און אַרבעט צוצוגרייטן דעם באַנד צום דרוק.

אויב די זאַמלונג וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, ווי מיר מיינען, אַ וועזנטלעכן בײַטראָג צו דער לייוויק-ליטעראַטור, איז סוף-כל-סוף דערשינען, איז עס אַ דאַנק דער האַרציקער באַציאונג צום ייִדישן שעפערישן וואָרט און ברייט-האַרציקייט פונעם לייוויק-ענטוזיאַסט און חסיד, דער אינטעליגענט און קולטור-ליבהאָבער פר׳ יחיאל אַבראַזשאַנעק מיט זײַן פרוי רחל — תושבים פון רמת-גן, וואָס האָבן זיך אַליין אָנגעבאָטן צוצושטעלן די פינאַנציעלע מיטלען צו דערמעגלעכן די אויסגאַבע זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן.

ג. וו.

מחקרים בלייוויק

אוסף הרצאות שהושמעו בכנס האקדמאי לציון מאה שנה להולדתו של ה. לייוויק שנערך באוניברסיטת בר-אילן בדצמבר 1988, בתוספת מחקרים ביצירת המשורר אשר הוזמנו במיוחד בנושאים שטרם זכו לטיפול יסודי או בכלל לא דנו בהם בעבר, — ביניהם עבודות ביבליוגראפיות מקיפות.

שתיים מן ההרצאות אנו מביאים בעברית ויתרן ביידיש ותמציתיהן בעברית.

ההוצאה לאור נתאפשרה ע״י תרומתו האדיבה של חובב ספרות יידיש ומקוראיו הנאמנים של לייוויק, מר יחיאל אובורז׳נק ורעיתו רחל — תושבי רמת-גן. ועל כך תודתנו להם.

גרשון ווײַנער

שטריכן צו דער געשטאַלט

א

ס׳איז הײַנט צו טאָג ניט אַזוי לײַכט פולשטענדיק צו באַגרײַפן די ראָלע פון אַ שרײַבער אין ייִדיש אָדער העברעאיש אין לעבן און דענקען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. מיטן אויפקום פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליס־טישע באַוועגונגען אין מזרח־אייראָפּע און אויפבלי פון דער מאָדערנער ייִדישער און העברעאישער קולטור, האָט זיך באַוויזן דער שרײַבער ווי אַ גײַסטיקער בר־סמכא. דער דור וואָס האָט זיך באַפרײַט פון דער כּלומרשטער פאַרגליווערטער ייִדישקייט און פון דער געצוימטער רעליגיעזער סביבה און דיסציפּלין, איז דאָך פאַרבליבן מיט דער אײַנגעלעכער באַדערפעניש אַרויפצוקוקן צו אַ העכערער אויטאָ־ריטעט. דאָס אָרט פון ספר האָט געירשנט דאָס בוך, אָבער דער לייענער דערצויגן אויף דעם מאי קא משמע לן פון געדרוקטן וואָרט, האָט זיך ניט געקאָנט באַנוגענען מיטן עסטעטישן געניוס, נאָר האָט אויך געפאָדערט דעם עטישן און פילאָזאָפישן דערהער. דאָס האָט אַרויפגעלייגט אַ גאָר גרויסע אחריות אויף דעם פּראָזאַיִקער, דיכטער און דראַמאַטורג. אָט די באַציאונג צום קינסטלער, פאַרוואַנדלט אין אַ יראת כּבוד, האָט דעם שרײַבער גופא דערהויבן צום מעמד פון אַ מורה־דרך. האָט פּרץ טאַקע געפירט ״טיש״, ענלעך צו אַ חסידישן רבין און סטודענטן, אינטע־לעקטואַלן און יונגע שרײַבער פלעגן זיך קומען אָנוואַרעמען אין זײַן מחיצה. וועגן מענדעלע מוכר־ספרים דערציילט דער ליטעראַטור־קריטיקער יהושע ראַפּאָפּאָרט[1]:

> ״דאָס איז געווען אין ביאַליסטאָק אין 1910. מענדעלע האָט דאַן דורכ־געמאַכט זײַן טריאומף־רײַזע איבער די שטעט פון ייִדישן תּחום המושב. די ייִדישע יוגנט פלעגט אויסשפּאַנען די פערד פון זײַן קאַטש און אַליין זיך אײַנשפּאַנען אין איר, כּדי אָפּצופירן דעם אַלטן שרײַבער פונעם זאַל וואו ער פלעגט פאָרלייענען זײַנע ווערק״.

אַ בילד וואָס דערמאָנט ווי אַזוי חסידים פלעגן מקבל פּנים זײַן זייער רבין בײַ זײַן אָנקומען אין זייער שטעטל...

אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט דער שרײַבער אויסגעפילט די זעלבע פונקציע. גענוג בלויז אָנצווײַזן אויף די באַמיאונגען אָנצומעסטן דעם

נביאישן מאַנטל אויף די דיכטערשע פּלייצעס פון אַ ביאַליקן און ביאַליקס אייגענע באַצייכענונג פון אחד־העם:

מיר האָבן דאָן אַ נביא געפּאָדערט
אַן אמתער נביא... וואָס זאָל אַנצינדן
איבער אונדז זיַין שטערן אין דער הייך..
און בלאָנדזשענדיק, פאַרצווייפלט מיט ווייניק גלויבן
...אויפן שיידוועג געהאַלטן אין פרעגן... וואוהין?...
...האָט דיַין שטערן אויפגעפינקלט...[2]

אַזוי האָט דער וועלטלעכער שריַיבער זיך אונטערגענומען דורכצופירן די גיַיסטיקע שליחות.

דער קינסטלער פון ווערטער איז געוואָרן דער שעפער פון ווערטן, פון באַגרינדן און פאַרטיפן זייער מהות. ווי האָט עס פרץ אַמאָל פאַרמולירט: "ניט געוווּג יידיש רעדן, מע דאַרף אויך עפּעס אויף יידיש זאָגן". מיט דעם האָט ער געמיינט צו לייגן דעם טראָפּ אויף דער גיַיסטיק־מאָראַלישער דימענסיע פון דער קינסטלערישער שאַפונג. מנחם באָריישאַ האָט עס אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן:

"אין דער ליטעראַטור פון מיַין דור — דער פּראָזע ווי דער פּאָעזיע — איז דאָ אַ שלל עלעמענטן פון קדושה, פון אמונה און בטחון, פון משיחישע וויזיעס".

דאָן גיט ער זיַין אייגענעם אני־מאמין וועגן דער אייגנאַרטיקער אַנדערשקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שטעלט איר אוועק, טראָץ אירע וועלטלעכע שטרעמונגען, אויפן דרך־המלך פון רעליגיעזן שאַפונגס־פּראָצעס פון דורות:

"פונקט ווי ס'איז אַנדערש אונדזער גורל און גאַנג אין דער וועלט, מוז אויך זיַין אַנדערש אונדזער באַנעם פון קונסט... דער פּאָעט איז דער יורש פון נאַציאָנאַלער וויזיע און כוחות פון אַנטפּלעקונג, דער יורש פון אמונה און בטחון, דער יורש פון דראַנג צו קדושה... אַ המשך פון תנ"ך"[3].

איז געקומען לייוויק און געמאַכט אַ ריזנשריט אויף דעם דאָזיקן גיַיסטיקן מאַרשרוט מיט זיַין איבערציַיגונג, אַז מען דאַרף תמיד אַנהייבן מיט זיך... געמיינט האָט עס ניט בלויז זיַין אַ מטיף, אַ פּרעדיקער צו אַנדערע, נאָר אויך דינען אַליין ווי אַ מוסטער. דאָס שריַיבן איז געוואָרן אַן עבודת־הקודש מיטן צוועק אויפצוהייבן זיך אַליין און אַנדערע, אויסצופורעמען און דערליַיטערן דאָס לעבן אין דער קעגנוואָרט, און האָפן, וועקן, שטרעבן און קעמפן פאַר אַ בעסערער צוקונפט. ער האָט דעריבער געהאַלטן אַז "יידישע דיכטונג איז אָן ספק אויך היַינט... אין תוך

אַ רעליגיעזע איבערלעבונג״ [4]. אין דעם פּראָצעס איז דאָס ליד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תּפֿילה, דער שרײַבטיש אין אַן עמוד, דאָס בוך אין אַ ספֿר, און דער מחבר אין אַ סופֿר, וואָס צוזאַמען מיט אַנדערע יחידי סגולה פֿון שעפֿערישן וואָרט קאָנסטאַטירן די אַנשי כּנסת הגדולה פֿון דור [5]. בראש פֿון אַזאַ אויסדערוויילטן מעמד האָט זיך געפֿאָדערט די קאָמבינאַציע פֿון דער פּאָסיקער פּערזענלעכקייט, די דערוואָרטונגען פֿון אַ ברייטן קרײַז אין דער געזעלשאַפֿט און אומשטענדן פֿון צײַט און סביבה. אין די באַדינגונגען איז אויסגעפֿורעמט געוואָרן די לייוויק־געשטאַלט, ווי עס הייבט אַזוי טרעפֿלעך אַרויס דער לינגוויסט און ליטעראַטור־עסייאיסט יודל מאַרק:

„און אונדזער דור האָט אים געהויבן און אַרויפֿגעקוקט צו אים און אים געמאַכט פֿאַר אונדזער געוויסן, און געגאַרט נאָך זײַן קלאָר און דורכ־זיכטיק וואָרט, און זיך געטרייסט מיט די מיטאָסן וואָס ער האָט געשאַפֿן — און דערבײַ אַליין באַשאַפֿן פֿאַר זיך די געשטאַלט לייוויק...״ [6].

ב

אין אַ שמועס מיטן דיכטער חיים גראַדע האָט ער מיר אַמאָל דערציילט, אַז בשעת אַ באַגעגעניש מיט לייוויקן האָט גראַדע צופֿעליק דערמאָנט זײַנעם אַ חבר פֿון פֿריערדיקע יאָרן. שטעלט אים לייוויק אָפּ און גיט אים אַ זאָג: איר האָט טאַקע געהאַט אַ חבר? ס׳איז אַ גאָר גרויסע זכיה. איך האָב קיינמאָל קיין חבר ניט געהאַט...

האָט לייוויק אפֿשר קיין נאָענטן חבר ניט געהאַט. אָבער דערפֿאַר האָבן טויזנטער במשך פֿון צענדליקער יאָרן געשפּירט צו אים אַ גײַסטיקע נאָענטקייט, אַרויפֿגעקוקט צו אים מיט ליבע און יראת הכּבֿוד, ווי זייער געוויסן און שליח־ציבור, ספּעציעל בעת די שטורמישע געשעענישן פֿון אונדזער תּקופֿה.

לייוויקס שעפֿעריש וואָרט האָט באַגלייט די טראַגישע געשעענישן און די היסטאָרישע דערשײַנונגען פֿון אונדזער עפּאָכע און באַלויכטן די דראַמאַטישע מאָמענטן פֿון פֿריערדיקע דורות. אויף וועגן סיבירער האָט ער איבערגעלאָזן דויערנדיקע סימנים פֿון יענע ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט־יאָרן. אין גע־שטאַלט פֿון גולם האָט ער אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דעם אויפֿברויז און די גײַסטיקע צערודערונג נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און נאָכן חורבן אוקראַיִנע און אַרויסגעשטעלט עטישע פֿאָדערונגען אין גײַסט פֿון ייִדישן היסטאָרישן געדאַנקען־גאַנג. צוזאַמען מיטן דיכטער זײַנען מיר אין טרעבלינקע ניט געווען, ער האָט אונדז אָבער בשום־אופֿן ניט געלאָזט זיך באַפֿרייען פֿון קאָשמאַר און פֿון אָפּגעבן זיך אַ חשבון דאָ אונטן און פֿאָדערן דעם חשבון... מיט דיר באַשעפֿער דאָרט אויבן.

ג

די לייוויק־געשטאַלט האָט דערוועקט באַזונדער אָפּשײַ און פֿאַרערונג. איך דערמאָן זיך דרײַ עפּיזאָדן וואָס זײַנען פֿאַרקריצט אין מײַן זכּרון. די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט: איך בין דאָן געווען אַ קינד פֿון קוים צען יאָר אין טאָראָנטאָ. געהערט האָב איך, אַז לייוויק דאַרף אויפֿטרעטן בײַ אונדז אין שטאָט. פֿאַרכאַפּט פֿון דער אַלגעמיינער שטימונג אין באַצוג צו דעם נאָמען לייוויק, האָב איך זיך אין אַ קאַלטן פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט אַרײַנגעכאַפּט אין זאַל וואו דער דיכטער האָט געדאַרפֿט פֿאַרלייענען. אַ סך האָב איך דאַן ניט פֿאַרשטאַנען, אָבער די אַטמאָספֿערע, ווי אויך די געשטאַלט פֿון דיכטער, האָבן אויף מיר איבערגעלאָזן אַן אומפֿאַר־געסלעכן רושם. ער האָט דאַן געלייענט די דראַמע דער דיכטער איז געוואָרן בלינד, באַזירט אויף אַן עפּיזאָד אין לעבן פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד.

אַ צווייטער פֿאַל, שוין מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער: לייוויק טרעט אויף אין אונדזער קליינער קהילה, ערגעץ־וואו אין מיטל־מערב פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואו איך האָב אָנגעהאַלטן אַ רבנות־שטעלע. עס קומט אַן עולם פֿון ענגליש־ריידנדיקע. איך שטעל אים פֿאָר אין ענגליש און לייוויק רעדט אויף ייִדיש. צו פֿיל פֿאַרשטאַנען האָט מען אים ניט, אָבער דער אײַנדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. מיט נשמהדיקע פּעדים, אויב ניט שפּראַכלעכע מיטלען, האָט ער צוגעשמידט די צוהערער צו זײַן וואָרט, וואָס זיי האָבן בוכשטעבלעך אפֿשר ניט באַגריפֿן, אָבער אין אַ טיפֿערן זין תּופֿס־געווען.

און דאַן צום לעצטן מאָל. דער דיכטער איז געווען קראַנק. ער איז געלעגן געליימט, צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט. כּמעט פֿיר יאָר איז ער פֿאַרבליבן שטום און אָפּגעשיידט פֿון דער וועלט. איך בין געקומען אים מבקר־חולה זײַן, אַרײַנ־געקומען אין זײַן צימער און דערזען דעם דיכטער ניט ווי אַ הילפֿלאָזן חולה מסוכּן, נאָר ווי אַ קעניג אויפֿן טראָן מיט אַן אַוראַל אויפֿן באַקרוינטן קאָפּ. איך האָב אים דערמאָנט די פֿריִערדיקע באַגעגעניש און די מאַסן געטרײַע לעזער וואָס ווינטשן אים אַ רפֿואה שלמה. געענטפֿערט האָט ער מיר בלויז מיט די אויגן. כ'האָב דערפֿילט אַ ציטער, אַ דערהויבענעם יראת הכּבֿוד אין זײַן קעגנוואַרט. דער ביקור חולים איז פֿאַר מיר פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין עולה רגל זײַן...

אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד האָט מיר איבערגעגעבן אַ ייִדישע קולטור־טוערין און לייוויקס אַ געטרײַע לעזערין [7]. דער דיכטער איז געקומען אויף אַ פֿאַרלעזונג אין שטאָט. אין יענע יאָרן איז מען ניט אײַנגעשטאַנען אין אַ האָטעל. ס'איז געווען אַ כּבֿוד אויפֿצונעמען אַ שרײַבער בײַ זיך אין הויז אויף אַ פּאָר טעג.

ס'איז פֿרײַטיק־צו־נאַכט. מענטשן דאַרפֿן זיך צונויפֿקומען אין הויז לכּבֿוד דעם חשובֿן גאַסט. אויפֿן שבתדיקן טיש שטייען צווײ לײַכטער, און לויט דער דעמאָלטי־קער מאָדע — אין מאָדערניסטישן סטיל. לייוויק באַקוקט די לײַכטער, און מיטאַמאָל דערזעט ער אין שאַנק אַ פּאָר אַלטמאָדישע לײַכטער. ער בעט אַ דערקלערונג און

געפינט אויס אַז יענע אין שאַנק זײַנען די אַמאַליקע, בירושה פון דער מאַמען. ער באַמערקט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף אַז די מאַמעס לײַכטער האָט מען ניט געדאַרפט פאַרשטופּן . . .

ס׳האָט זיך לכתּחילה געדוכט, אַז ס׳איז אומהעפלעך מצד דעם גאַסט זיך אַזוי אויסצודריקן. מען האָט אָבער דערשפּירט אין זײַן זאָג די אויפריכטיקייט פון דער עטישער שטויס־קראַפט אין דער געשטאַלט פון דיכטער, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן און איבערצײַגנדיקן רושם [8].

הערות

1 זע שריפטן, בוענאָס־אײַרעס 1960.
2 זע כל שירי ח. נ. ביאליק. "לאחד העם".
3 זע מנחם באָריישאָ, אַ דור, נ.י. 1947, ז׳ 303.
4 זע ה. לייוויק, עסייען און רעדעס, נ.י. 1963, ז׳ 47.
5 "איך פיל זיך אַ סך מאָל בײַם שרײַבן אַ ליד, ווי איך וואָלט תּפילה געטאָן. איך פיל דאָס ליד גופא ווי אַ תּפילה", אויבן.
6 זע יודל מאַרק אין קולטור און דערציאונג, פעברואַר 1959, ז׳ 1.
7 שרה פרידמאַן פון דעטראָיט.
8 דער עפּיזאָד איז דער הינטערגרונט פאַרן ליד "צוויי לײַכטער" אין לייוויקס בוך לידער אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים, בוענאָס־אײַרעס 1955.

עמנואל ס. גאָלדסמיט

דער צונויפטרעף פון גײַסטיקע און דיכטערישע זוכונגען

ווען די נביאי ישראל וואָלטן געווען נאָר משוררים, חכמים אָדער פּאָרויס־זאָגערס פון דער צוקונפט, וואָלט אונדזער אינטערעס צו זיי הײַנט־צו־טאָג געווען נאָר אַ ליטעראַרישער, געשיכטלעכער אָדער טעאָלאָגישער. דער עקזיסטענציעלער כוח פון די נביאים צו באַצווינגען אונדזער הארץ, מוח און געוויסן איז אַ פּועל־יוצא פון זייער אומפאַרמײַדלעכער אַרײַנדרינגלעכקייט, מוט און וויזיע, און פון דעם טיף־מאָראַלישן און ראַציאָנאַלן אינהאַלט פון זייערע ווערטער. אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור קאָן מען נאָר וועגן צוויי וואָרטמײַסטערס זאָגן אַז אויך זיי זײַנען ספּעציעל באַרירט געוואָרן פונעם געטלעכן פײַער — חיים נחמן ביאַליק און י. ל. פּרץ. װעגן זײ קאָן באמת געזאָגט װערן אַז זײערע שריפטן, הן אין דער פּאָעזיע הן אין דער פּראָזע, האָבן פאַרמאָגט אַזאַ איבערצײַגונג און אויטאָריטעט אַז זיי גרענעצן זיך מיטן קיניגרײַך פון "מעטאַ־ליטעראַטור".

טראָץ דעם וואָס מער איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ביאַליק און לייוויק ווי וועגן די מערסטע אַנדערע העברעאישע און יידישע שרײַבערס, קאָנען די קריטיקערס זיך קיין עצה ניט געבן ביז הײַנט־צו־טאָג בכדי צו דערקלערן די טיפע גײַסטיקע, פּסיכאָלאָגישע און ליטעראַרישע צוציאונג־קראַפט וואָס זיי פאַרמאָגן פאַר זייערע לייענערס. ביאַליקס מאָדערנע הימנס צו דער וועלט פון דורותדיקער ייִדישקייט, וואָס זײַנען געווען צו דער זעלביקער צײַט געזעגענונג־לידער צו אַ לעבנס־שטייגער וואָס האָלט אין גאָלם ווערן, האָבן פאַר מיליאָנען מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן גרינגער געמאַכט דעם אַריבערגאַנג צו דער מאָדערנער וועלט. זײַן טיפע ליבשאַפט צו דער ייִדישער ירושה האָט פאַרשטאַרקט די מאָדערנע העברעאישע אויפלעבונג.

אויף אַן ענלעכן אופן האָבן לייוויקס משיחישע לידער און דראַמעס רעסטאַוו־רירט גלויבן אין דער פונדאַמענטאַלער רעלעוואַנטקייט און וויכטיקייט פון דער ייִדישער ירושה אין דער מאָדערנער צײַט. זיי האָבן דערמעגלעכט אַז ייִדן זאָלן פאַרשטיין פאַרוואָס אַ רעוואָלוציע אין וואָס זיי האָבן אַזוי געגלייבט, האָט זיי צום סוף אָפּגעוואָרפן. לייוויקס כוח צו געפינען טרייסט אין יסורים און האָפענונג

אין יאוש האָט זיי געהאָלפן איבערצולעבן אומדערזאָגלעכע טראַגעדיע. זײַנע וויזיעס פון נצחון איבער יסורים און זין טראָץ אַבסורד האָבן געהאָלפן אַ סך ייִדן איבערצובויען זייערע צעבראָכענע לעבנס און דערשיטערטע האָפענונגען נאָכן חורבן. זײַן געטרײַשאַפט צו ייִדיש אין אַ תּקופה פון ירידה האָט באַפעסטיקט די אַנטשלאָסנקייט פון ליבהאָבערס פון דער שפּראַך ממשיך צו זײַן זייער געראַנגל זי אויפצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן.

מען פאַרגלײַכט אָפט לייוויקס השפּעה אויף זײַנע לייענערס מיטן אײַנפלוס פון י. ל. פּרץ אויף זײַן דור. אָבער לייוויקס השפּעה אויפן ייִדישן לייענער אָנהייבנדיק מיט די צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַן ערך שטאַרקער פון פּרצעס. בשעת די ייִדישע ליטעראַטן (בפרט אין אַמעריקע) האָבן צו מאָל איבערגעפרעגט פּרצעס וויכטיקייט, האָט לייוויק געוואונען כּמעט אײַנשטימיקער דרך־ארץ און באַוואונדערונג מיט זײַן ערשטן בוך לידער אין 1918 און איבערהויפּט נאָך דער דערשײַנונג פון ״דער גולם״ אין 1921.

ה. לייוויקס יחידישער דרך אין דער ייִדישער דיכטונג איז דער וועג פון יסורים צו לײַטערונג דורך פאַרקניפּונג מיטן גורל פון אייגענעם פאָלק, פון דער מענטשהייט און פונעם קאָסמאָס בכלל. אין לייוויקס דיכטונג איז פאַראַן אַ וואונדערלעכער צונויפטרעף פון גײַסטיקע און דיכטערישע זוכונגען וואָס פאַרכּישופט מיט זײַן אייגנאַרטיקייט, באַצווינגערישקייט און אויטענטישקייט.

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט,
ליגט אַליין אַ געפאַנגענער,
אויף זײַן קאָפּ שטאַרבט דער שײַן
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער ;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם.

(״ערגעץ ווײַט״)

אין לייוויקס פריסטע לידער האָט אויפגעבליט ״דער טרויער פון לירישע שיינקייט אויף ייִדיש אין דעם שטאַרקן תּכריכים־ווײַס פון דער סיבירער לאַנדשאַפט״. ווי עס שרײַבט משה גראָס־צימערמאַן איז דער ריטעם פון לייוויקס ערשטע לידער געווען באַשטימט דורך ״דעם שווערן שלעפּ פון בראַזגענדיקע קייטן, וואָס אָקערן די סיבירער שניי־מדבריות, און דורך דעם געפײַף פון קנוטעס וואָס שנײַדן פאַסעס פון געקאַטעוועטער מענטשהייט״ [1]. צוויי סימבאָלן באַהערשן די דאָזיקע לידער : שניי און קייטן. אַזוי ווערט פעסטגעשטעלט דאָס שײַכות צווישן לויטער־

קייט און יסורים וואָס דערמאָנט אין דער תּנכישער און תּלמודישער לערע וועגן ליידן ווי אַ כּפּרה פֿאַר זינד.

די אָנערקענונג פֿון שיינקייט און די וויסיקייט פֿון מיסטעריע, וואָס זײַנען בולט אין אַ סך פֿון לייוויקס שפּעטערדיקע שריפֿטן, דערשפּירט מען שוין אין "אין ערגעץ ווײַט". דאָ זײַנען אויך קענטלעך די סענסיטיווקייט פֿאַר לייד און אַנטוישונג, פֿאַר יאוש און פּײַן, וואָס איז גלײַכצײַטיק טיף ייִדיש און טיף מענטשלעך און אוניווערסאַל.

דער עלטסטער פֿון נײַן קינדער איז לייוויק אויפֿגעוואַקסן אין ביטערער נויט — די מאַמע האָט געבאַקן בייגל און ברויט וואָס זי פֿלעגט פֿאַרקויפֿן אין מאַרק און דער טאַטע האָט געלערנט מיט די שטעטלדיקע מיידלעך לייענען און שרײַבן ייִדיש. לייוויק איז געווען אַן עדות צו די פּסיכאָלאָגישע ליידן פֿון זײַן ברוגזדיקן, פֿרוסטרירטן פֿאָטער. ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר, האָט ער געזען ווי זײַן פֿיר־יאָריק שוועסטערל וואָס איז געוואָרן בלינד און פֿאַרברענט, בשעת איר קליידל האָט זיך אָנגעצונדן דורך אַ פֿונק פֿונעם בעקערס אויוון, האָט זיך געוואָרפֿן אין יסורים אַ יאָר צײַט איידער זי איז אויסגעגאַנגען.

מיר לאָזן די שטילקייט אין גריבל אַראָפּ,
און גלײַך פֿאַלט דעם שטורעמס געוואַלדיקייט אָפּ,
ער דעקט אָפּ — צוזאַמענגעדרייט און דערשראָקן —
מײַן שוועסטערלס ליכטיקע, גאָלדענע לאָקן.

דער שטורעם פֿאַלט־צו צו מײַן שוועסטערלס גוף,
ער בלײַבט אַזוי ליגן און שטייט מער נישט אויף,
ער טוט אויס פֿון זיך זײַנע רוישיקע פֿליגל
און שלאָפֿט אײַן פֿאַרוויגט אינעם קברשן וויגל.

דערנאָך גייען אַלע, ווי וואַנדלער, אַהיים
צום קליינעם, פֿאַראַבלטן שטיבל פֿון ליים,
און טראָגן־מיט שטויבעלעך — אָנריר פֿון קברים —
און ס'ליידיקע מולטערל אונטערן אָרעם.

דערנאָך טוען־אויס טאַטע־מאַמע די שיך,
זיי זעצן זיך שבעה אין זאָקן. אויך איך,
איך זיץ אין געחלומטע העל־בלאָנדע זאָקן,
געוועבט פֿונעם גאָלד פֿון מײַן שוועסטערלס לאָקן.

("מײַן שוועסטערל")

אַפילו אין חדר איז לייוויק ווי צוגעצויגן געוואָרן צו יסורים. זײַן ערשטע ייִנגלשדיקע זעאונג איז געווען דער ווידער וואָס האָט געוואָרט פאַרפלאָנטערט אין גדיכטן בוש מיט זײַנע הערנער און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף געשאָכטן צו ווערן אַנשטאָט יצחקן. אויב יצחקס האַלדז האָט אויסגעמיטן דאָס מעסער, צי האָט אַ צווייטער האַלדז געמוזט פאַרנעמען זײַן אָרט? — האָט געפרעגט לייוויק. אין זײַנע אַנגסט־חלומות האָט ער געזען די צעבראָכענע הערנער פון ווידער און זײַנע רונדע פייער־אויגן וואָס האָבן געוואָלט אויסשרײַען און ניט געקאָנט.

די הערנער פאַלן צו דער ערד ווי אָפּגעהאַקטע צווײַגן,
זייער שעפּסן־קאָפּ ווערט פּלוצלינג גרוי ווי ס'וואָלט אַ מענטשנס זײַן,
די אויגן וואָלטן אפשר וועלן שרײַען, נאָר — זיי שווײַגן
אין בונד מיט יצחקס שווײַגעניש וואָס איז אין זיי אַרײַן.
(„מײַן ערשטע ייִנגלשדיקע זעאונג")

אין זײַן ערשטן לידערבוך דערמאָנט לייוויק ווי נאָך זײַענדיק אַ קינד האָט ער שוין געפילט אַז אים איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אַ גרויסן סוד וואָס מוז באַהאַלטן ווערן פון אַנדערע. דערזעענדיק ווי מענטשן לײַדן אין שווײַגעניש, האָט ער פאַרנומען אין זיך זייער שווײַגן און זיך פאַרגעשטעלט אַז ווען ער וועט אויפוואַקסן וועט עפּעס גרויס און וואונדערלעך אַרויסקומען פון לײדן.

און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וואונדערלעכעס, גרויסעס,
און מער פון מענטשן שוין נישט קענען עס פאַרבאָרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן.

איך ווייס ניט ווער עס האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט, פון אַלעמען דערווײַטערט;
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך — פאַר גוט עס אָנגענומען,
מײַן יוגנט אין דערוואָרטונגען געלײַטערט.
(„ייִנגלווײַז")

אַן עילוי אין דער ישיבה, האָט לייוויק באַלד אַנטפּלעקט די העברעאישע השׂכּלה־ליטעראַטור און די ערשטע ציוניסטישע שריפטן. ער איז ספּעציעל אויפֿגעטרייסלט געוואָרן לייענענדיק די ייִדישע געשיכטע און איבערהויפּט ביכער וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער ישיבה בעת מען האָט אים געכאַפּט לייענען אברהם מאַפּוס אהבת־ציון — דעם

ערשטן מאָדערנעם ראָמאַן אויף העברעאיש. לייוויק האָט נאָך דעם פֿאַרלאָזט די פֿרומקייט פֿון זײַן פֿאָטער און פֿון דער ישיבֿה און געוואָרן אַ מיטגליד אינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד.

במשך דער רעוואָלוציע פֿון 1905 איז לייוויק אַרעסטירט געוואָרן. נישט ווילנדיק אָננעמען די פֿאַרטיידיקונג פֿון אַן אַדוואָקאַט איז ער פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף פֿיר יאָר קאַטאָרגע און אייביקער פֿאַרשיקונג אין סיביר. די ווערטער וואָס דער יונגער רעוואָלוציאָנער האָט גערעדט צו זײַנע באַשולדיקער זײַנען באַקאַנט יעדן לייענער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור: "איך וויל זיך ניט פֿאַרטיידיקן. איך וויל ניט לייקענען קיין זאַך. איך האָב געהאַנדלט מיט מײַן פֿולן באַוואוסטזײַן. איך בין אַ מיטגליד פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי בונד. איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן, כּדי אַרונטערצוּוואַרפֿן די צאַרישע זעלבסטהערשאַפֿט, די בלוטיקע תּלינים, מיט אײַך צוזאַמען"[2].

שפּעטער האָט לייוויק אין זײַנע יאָרן אויף קאַטאָרגע און אין סיביר געזען לערן־יאָרן אין וועלכע ער האָט באַקומען יסודותדיקע בילדונג אין דערבאַרעמקייט און מענטשלעכע ווערטן. ער איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט געווען אַן עדות אויף שרעקלעכער פּײַן, ווייטיק און דערנידערונג אָבער ער האָט אויך געזען הערלעכע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון רחמנות און מיטלייד. "איך האָב זיך אָנגעזען תּליות אויפֿן טורמעהויף... איך האָב אָבער געזען ניט נאָר די לײַדן פֿון קרבן, נאָר אויך זײַן עקסטאַז... איך האָב... אין די ליידן... אויך דערפֿילט אַ דערהייבונג"[3].

לייוויקס יסורים האָבן נישט אויפֿגעהערט ווען ער איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע אין 1913. כּמעט אַלע זײַנע יאָרן האָט ער שווער געהאָרעוועט כּדי צו פֿאַרדינען זײַן ברויט.

אַרבעט זוכן זײַנען מיר געגאַנגען
האַלטנדיק זיך ביידע פֿאַר די הענט.
פֿינסטער נאָך. די שטאָט האָט זיך געשלאָפֿן,
גאַסן לאָמפּן האָבן זיך געברענט.

האָבן מיר געקוקט מיט ביידע אויגן,
און אין גרויסע טירן זיך געקלאַפּט.
האָבן זיך שוין אַנדערע געפֿעדערט
און פֿאַר זיך די אַרבעט אויסגעכאַפּט.

זײַנען מיר אַהיים צוריק געגאַנגען,
און אין הויז צו קומען זיך געשעמט,

האָבן מיר געוואָנדערט איבער גאַסן
האַלטנדיק זיךביידע פאַר די הענט.

("אַרבעט זוכן")

לייוויק איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און איז עטלעכע יאָר געווען אין די סאַנאַטאָריעס פון דענווער, קאָלאָראַדאָ און ליבערטי, ניו יאָרק. זײַנע איבערלעבונגען אין דענווער האָבן דערמעגלעכט "די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום" (1934) וואָס איז איינס פון זײַנע מײַסטערישסטע פּאָעמעס.

מיטן אויפקום פונעם נאַציזם האָט זיך גערדאַכט אַז אַ סך פון די קאָשמאַרן און נבואות פון גרויל אין לייוויקס שאַפונגען ווערן מקוים. די ייִדיש־לייענערס האָבן אין לייוויקן דערזען אַ מאָדערנעם ירמיהו הנביא וואָס האָט פּאָרויסגעזען די טראַגעדיע און האָט דערנאָך געגומען זי צו באַוויינען. לייוויק איז געוואָרן דער סייסמאָגראַף פון וועלט־ייִדנטום און זײַנע רעאַקציעס צו דעם וואָס איז געשען זײַנען אויסגעדריקט געוואָרן אין הונדערטער אַרטיקלען און לידער.

הגם לייוויקס אַבסעסיע מיט יסורים איז אַ סך לייענער און קריטיקער געווען דערווידער, האָבן זיי געוואוסט אַז אירע וואָרצלען ליגן אין דער ייִדישער רעליגיעזער ירושה. ווי עס שרײַבט שלמה ביקל, "דורך דער פּאָעטישער אָביעקטיווירונג פון זײַן אייגענעם צעשמיסענעם לײַב און זײַן צעטראָטענער נשמה און דורך דער דערהויבונג פון זײַן סוביעקטיוון שולד־געפיל צום סימבאָל פון מענטשלעכן געוויסן האָט זיך לייוויק שעפעריש זיך באַגעגנט מיט דער ייִדישער גרויס־געשיכטלעכער אידעע פון קידוש־השם"[4]. די קידוש־השם אידעע איז מער ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר מאַכטלאָזיקייט. זי איז אַ פּאָזיטיווער און אָפּטימיסטישער צוגאַנג צום לעבן ווײַל זי דערמוטיקט סײַ אַ צונויפהעפט מיט דער וואָר סײַ אַ גלויבן אין דער אַנטוויקלונג פון אַ העכערן טיפּ מענטש. דער באַגריף "קידוש־השם" האָט אַנגענומען אַ נײַעם באַטײַט בשעת די פאַרפאָלגונגען פון דער מאָדערנער צײַט וואָס האָבן זיך קולמינירט אינעם חורבן. די מאָטיוון וואָס האָבן באַהערשט אַ סך פון לייוויקס לידער פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן אויסגעזען ממש נביאיש אין ליכט פון די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן.

טראָץ זײַן איבערצײַגונג אַז דאָס וואָס די קרבנות פון אומבאַשרײַבלעכן גרויל האָבן איבערגעלעבט אין זייערע לעצטע מאָמענטן קאָן קיינמאָל ניט דערציילט ווערן און אַז דיכטער קאָנען נאָר איבערלאָזן צייכנס אויף אומבאַקאַנטע קברים, האָט לייוויק געשאַפן אַ צאָל וויכטיקע לידער וועגן חורבן.

ס'הערצל פון אַ זעקס־יאָריק ייִדעלע
ליגט און גוסט אויף אַ גאָלדן פידעלע,
און דאָס הערצל פון אַ זיבן־יאָריק מיידעלע
שטאַרבט אַ צוגעפאַלנס צו דעם פידלס שיידעלע.

און מחנות מענטשן גייען דורך פאַרבײַ
און זיי זאָגן ניט אַפילו אײַ.
("אַ זיבן־יאָריק ייִדעלע")

בעת לייוויק האָט געזאָגט אין אַ ליד אַז "ווי שטאַרק איך האָב ליב די חשמונאים, האָב איך די עשרה הרוגי מלכות נאָך ליבער", האָט זײַן קול אָפּגעהילכט מיט ייִדישן שטאָלץ און אויטענטישקייט. אָבער זײַנע לידער וועגן חורבן, כאָטש דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך מיט די קרבנות און דריקט אויס זײַן שולד פאַר ניט האָבן זיך באַטייליקט אינעם גורל פון די קדושים, האָבן אויך אויסגעדריקט טענער פון ווידערשטאַנד און נקמה.

זיי האָבן אויך ביקסן געהאַט —
די וואַרשעווער ייִדן,
אויך קוילן, גראַנאַטן געהאַט —
די וואַרשעווער ייִדן.
זיי האָבן געשאָסן,
זיי האָבן געטראָפן —
די וואַרשעווער ייִדן;
און זאָל געבענטשט זײַן
יעדע ייִדישע קויל
וואָס האָט דורכגעלעכערט
דאָס האַרץ פון אַ נאַצי.
נאָר טאָפּל געבענטשט זאָל זײַן,
אויף אייביק געבענטשט זאָל זײַן
די אויפשריפט פון זעקס קליינע ווערטער —
צו די צען געבאָט אַן עלפטער געבאָט:
גוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מייאש.
("גוואַלד, ייִדן, זײַט זיך ניט מייאש")

נאָכן חורבן האָט לייוויק געבעטן דעם נביא ישעיה ער זאָל זיך אַנטפּלעקן און מקיים זײַן די זעאונג פון אַחרית־הימים.

דײַן חלום, גרויסער נביא, חלום ווידער,
באַווײַז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט,
ניט קוק וואָס דער וואָס רופט דיך זיצט אַ מידער —
דאָס קלאָגט ער אויפן ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

א וואָלף דאַרף וואוינען מיט אַ שעפּס צוזאַמען,
דאָס ייִנגעלע דאַרף פירן זיי מיט זײַנע הענט, —
דערווײַל קום, נביא, ברענגען טרייסט דער מאַמען,
וואָס קלאָגט־באַקלאָגט איר ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

*

די מאַמע שטײַגט אַרויף פון בונקער־תּהומען
מיט אירע וויגנדיקע הענט צו דיר געווענדט;
אַ נביא, נביא, ברענג דעם אַחרית הימים.
מאַך לעבעדיק דאָס ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

("און אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן")

לייוויקס לידער אַנטפּלעקן די השפּעות פון מיטלאַלטערלעכן ייִדישן מוסר, קבלה און אַסקעטיזם. די טענדענצן זײַנען געווען לעבעדיקע אין דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד אין זײַן יוגנט. עכאָס פון די מיסטישע משלים פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, די עטישע באַגריפן פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר־באַוועגונג און פון די היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פונעם דיכטער־רעוואָלוציאָנער אַברהם וואַלט־ליעסין, זײַנען קלאָר פאַראַנען אין לייוויקס שאַפן. עס איז אויך פאַראַן אַ קרובישאַפט צווישן לייוויקס איבערגעגעבנקייט צו לײַדן און דער מאָראַלישער ערנסטקייט פון די גרויסע רוסישע שרײַבערס פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. ווי עס שרײַבט יעקב גלאַטשטיין "דער גרויסער אייגנאַרטיקער פאַרדינסט פון לייוויקן באַשטייט אין שאַפן דעם סינטעז צווישן זײַנע אײַנגעשניטענע רוסישע אײַנפלוסן און דער ייִדישער וואָרט־קונסט און וואָרט־מיין... אים איז געלונגען אויסצו־שמידן פון זיך אַזאַ רײַכע ייִדישע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז פּרי געוואָרן פון סלאַווישן געמיט און וואָס האָט פאַרט באַוויזן אַנצוקניפּן די קרובישאַפט צווישן די השפּעות זײַנע און דער נאָך טיפערער חלום־וועלט פון זײַן ייִדישער קינדהייט"[5].

אין אַמעריקע האָט לייוויק פאַרטיפט זײַן אינטערעס צו די לײַדנדע און פאַרפאָלגטע אָבער ער האָט זיך אויך געלערנט ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן זײַן פּאַטאָס און אויסניצן דעם כּוח פון שטומקייט אין זײַן פּאָעזיע. ער האָט זיך געלערנט, ווי ער זאָגט אַליין אין אַ ליד, "רײַסן פון ווערטער זיבן פעלן".

כ׳רײַס פון ווערטער זיבן פעלן,
שאָלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט אַ לויכט אין העלן
ס׳טיפע קערן אָפּן, הויל.

("וואָרט און זאַכן")

אין די צוואָנציקער יאָרן איז לייוויק געווען פֿאַרבונדן מיט „די יונגע" — די רעבעלן פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור וואָס האָבן די ייִדישע ליטעראַטור געוואָלט אויסטאָן פֿון אידעאָלאָגישן איבערגעוויכט און ברענגען ראַפֿינירטקייט און נײַע עסטעטישע סטאַנדאַרטן צום ייִדישן וואָרט. לייוויק איז צוגעצויגן געוואָרן צו די יונגע צוליב זייער ערנסטער צוגאַנג צום ייִדישן וואָרט. פֿאַר לייוויק האָט ליטעראַטור געמוזט האָבן אַ טיפֿן גײַסטיקן מיין ווײַל ער האָט אין איר געזען אַ המשך פֿון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער זוכונג נאָך קדושה. לייוויקן זײַנען ניט געפֿעלן געוואָרן די וועגן פֿון יענע שרײַבערס צווישן די יונגע וואָס האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעשיידט פֿון צײַט־פּראָבלעמען כּדי צו זײַן אַן אָפּגעזונדערטער עסטעטישער אינדזל אינעם ים פֿון ייִדישן לעבן. אין זײַן פּאָעמע „אַ בריוו פֿון אַמעריקע צו אַ ווײַטן פֿרײַנד" איז לייוויק מודה אַז כאָטש די ייִדישע דיכטער האָבן געחלומט וועגן אַ הייליק לעבן אין אַמעריקע האָבן זיי דאָס ניט דערגרייכט.

ס'האָט אויפֿגעשײַנט אַ חלום פֿון אַ הייליק לעבן
און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט קומט דער באַשייד;
אָבער כּדי צו לעבן הייליק דאַרף מען דעם לעבן געבן,
ווײַזט אויס, עטוואָס מער פֿון געזונגענע רייד.

בשעת אַ סך פֿון „די יונגע" זײַנען צופֿרידן געווען מיט קונסט לשם קונסט איז לייוויק געווען פֿאַרנומען מיט מאָראַל און מיט דער באַטײַט און גורל פֿון לעבן פֿון יחיד און כּלל.

די עקזיסטענציעלע ערנסטקייט פֿון לייוויקס שאַפֿן איז געווען דערווידער אַ סך פֿון „די יונגע" וואָס זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט געפֿינען היימישע ייִדישע ווערטער און בילדער כּדי צו מאַכן זייערע לידער מער בייגעוודיק. זיי האָבן ניט געוואָלט הערן פֿון לייוויקס כּמו־פֿרומקייט און זעלבסט־רעכטפֿאַרטיקייט. זיי האָבן אויך פֿאַרפֿעלט צו דערשאַצן זײַן לינגוויסטישע דערפֿינדערישקייט, זײַנע שפּראַך־לעכע דערגרייכונגען. ווי עס שרײַבט א. טאַבאַטשניק, האָבן זיי ניט פֿאַרשטאַנען לייוויקס אויפֿטו וואָס איז געלעגן „אין דעם פֿאַרלאַנג צו געפֿינען דעם פּאָעטישן נאָמען, דאָס פּאָעטישע בילד פֿאַר זאַכן, וואָס זײַנען ביז דאַן געווען נאָמענלאָז אויף ייִדיש".[6]

לייוויקס באַציאונג צו ווערטער איז געווען אייגנאַרטיק אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט דערוואָרט אַז ווערטער זאָלן זיך אויפֿפֿירן מאָראַליש. „עס איז אַ שטרענגע פֿאָדערונג צום וואָרט", שרײַבט שלמה ביקל, „עס זאָל צופּאַסן, אַזוי צו זאָגן, זײַן פּריוואַטן לעבן צו דער ראָלע, וועלכע עס שפּילט אין דער עפֿנטלעכקייט — אין ליד. אָט די קאָנצעפּציע פֿונעם וואָרט ווי אַ

לעבעדיקער נפש מיט באַוואוסטזײַן און אַחריות איז איינע פון לייוויקס זעלטענע באַגעגענישן מיטן יידישן פאָלקלאָר״ [7]. בשעת זײַן לעצטן באַזוך אין ישראל אין 1957 האָט לייוויק אָנגעשריבן אַ ליד אין וועלכן ער עפנט אויף די שטײַגן וואו ער האַלט זײַנע ווערטער כדי זיי זאָלן וואַגלען פרײַ צווישן די בערג פון ירושלים.

איך באַפרײַ זיי און זאָג :
איבער אַלע בערג אַרום,
איבער אַלע היגלען פון ירושלים
פליט אײַך פונאַנדער, מײַנע טײַערע,
קלײַבט אײַך אויס די הייליקסטע ערטער,
ווײַל זיי זײַנען אַלע אײַערע,
און רוט אויף זיי, רוט.
און מיך לאָזט איבער אַליין
מיט מײַן חלום וואָס איך חלום
צו זײַן כאָטש איין מינוט
מיט זיך אין פולן שלום.

(״אויף דײַן ערד, ירושלים״)

לייוויק איז פונאַנדערגעגאַנגען מיט ״די יונגע״ אויך צוליב די מיסטישע נייגונגען פון אַ גרויסן טייל פון זײַן שאַפן. ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ טיפן אינטערעס פאַר דעם וואָס ווערט אָנגערופן ״יענע זײַט פון זאַכן״. ער איז געווען אַרײַנגעטאָן אינעם פאַרהוילענעם באַטייט און גורל פון אַלץ וואָס עקזיסטירט. ער האָט זיך אַליין אָפט אַריבערגעפירט פאַעטיש אינעם עבר אָדער גאָר אין דער צוקונפט.

איעדע זאַך, אויף וואָס עס פאַלט מײַן בליק,
פאַרמאָגט אין זיך אויף אַנדערשקייט אַ רמז,
איך קוק פאַרויס — זע איך דעם צוריק,
און וואָס ס׳איז מער ניטאָ — איז יש פון אמת.

*

דערזע איך ערשט, אַז אַלץ וואָס הײַנט געשעט,
איז ווייניקער נאָך יש פון שטויב אויף שליאַכן,
און ס׳יאָמערט אויף אין מיר דער דיבוק דער פאָעט
און כ׳פאָל אַוועק אויף י ע נ ע ר זײַט פון זאַכן.

(״אויף יענער זײַט פון זאַכן״)

לייוויקס לירישע לידער באַהעפטן דעם אויסדרוק פון געפילן און פערזענלעכע אימפּרעסיעס מיט אַן אַנטפּלעקערישן און אינטערפּרעטירנדיקן געדאַנק. ווי עס דערקלערט ק. א. ברתיני, איז דער געדאַנק אייגנטלעך דער הויכפּונקט פונעם ליד ווײַל לייוויק איז קיינמאָל ניט געווען קיין גלײַכגילטיקער צושויער פונעם לעבן וואָס אַבסערווירט און איז צופרידן נאָר מיט פאָרמולירן דאָס אַנזעעוודיקע. פאַר לייוויקן האָט לעבן אַלעמאָל געהייסן מיטמאַכן עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל און דאָס איבערלעבן איז כּולל געווען די זוכונג נאָך זינען. "לייוויק, פאַרשטייט זיך, איז ניט געגאַנגען אויפן געמאָסטענעם וועג. ער האָט זיך ניט פאַרבלענדט מיט זוכן באַשיידן. ער איז געווען דער גרויסער פּראָטעסטירער, דער פאַרעקשנטער פרעגער, וואָס רײַסט אַראָפּ די שלייערן פון דערווירקלעכקייט. און דערפאַר ווייל ער האָט ניט פּרעטענדירט אויף צו קאָנען ענטפערן, צו האָבן אויסגעטראַכטע פאַרענטפערונגען, פלעגט ער פון צײַט צו צײַט זוכן אַן אַזיל פון דער רעאַליטעט אין דעם אַבסטראַקטן, דעם געדאַנקלעכן, דעם באַגערטן"[8]. ענלעך שרײַבט דער דיכטער און קריטיקער י. י. סיגאַל: "לייוויק האָט תּמיד וואָס צו דערציילן און וואָס צו שילדערן און צוגעבן אויף דעם אַ פּירוש, זײַן עטישע אינטערפּרעטאַציע". דער "פּירוש פּרוווט נאָר אַרויסברענגען דעם אַני מאַמין זײַנעם — דאָס גרויס־אידעאישע ערבות־געפיל פאַר דער וועלט פון יעדן יחיד באַזונדער"[9].

דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו אין לייוויקס משיחישע דראַמעס און פּאָעמעס איז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס לײַדט. ער באַהויפּטעט אַז אויך די גאולה קאָן מען ניט ברענגען דורך געוואַלד. ביז דער גײַסט וואָס איז נייטיק פאַר דערלייזונג אַנטפּלעקט זיך ניט וועלן דערלייזערס בלײַבן

נאָר אַן אויסרייד, נאָר אַ שפּאַס
פאַר דעם לעצטן נאָר פון גאַס [10].

ווי דער משיח, פון וועלכן ישעיה האָט גערעדט, וואָס דאַרף "משפּטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע, און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די געדריקטע פון לאַנד" (יא, ד) איז לייוויקס משיח מאָטיווירט פון אַ שוידערלעכן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די וואָס לײַדן און די וואָס זײַנען באַעוולט געוואָרן. לייוויקס מיטטיילונג איז אַז מענטשן מוזן געוואויער ווערן אַז משיח באַהאַלט זיך טאַקע צווישן זיי. אָבער נאָר ווען אַלע מענטשן וועלן זיך באַטייליקן אינעם מאָראַלישן געוויסן און אַחריות וואָס איז דער תּמצית פון משיח וועט ער זיך אַנטפּלעקן. "און וואָס איז טרויער?" פרעגט לייוויק. "טרויער איז אַחריות פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען, פאַר אַלע צײַטן"[11].

לייוויקס ליבשאַפט צום ייִדישן פאָלק ווערט אויסגעדריקט אין הונדערטער לידער, דראַמעס, עסייען און אַרטיקלען. "גיב עס איבער אַלעמען בשמי", זאָגט לייוויקס מהר"ם פון רוטענבערג, "אַז זײַן אין כּלל ישראל איז אַ גרויסע זכיה"[12].

אין דער "באַלאַדע פון מדבר" ברענגט לייוויק צונויף דעם דור פון יציאת מצרים מיטן דור פון אונדזער הײַנטיקן חורבן. לייוויק, זײַנע עלטערן, זײַן מלמד דרדקי, משה רבנו און אַהרן הכהן זײַנען די העלדן פון דער פאַנטאַזיע וואָס זעט די ייִדישע געשיכטע ווי אַ ווידערהאַלנדיקער פּראָצעס אין וועלכן גאָט אַנטפּלעקט זיך תּמיד אין די יסורים פונעם דאַרנבושעס פלאַמען וואָס ברענען אָן אויפהער און לעשן זיך קיינמאָל ניט אויס.

ייִדן גייען דורכן מדבר —
סײַ אין חלום, סײַ אין וואָר
שוין אַזוי דרײַ טויזנט יאָר.

ייִדן גייען פון מצרים
און אויך איך — איך גיי מיט זיי,
מיט די שבטים אין אַ ריי.

בין איך נאָך ניט אַלט קיין זיבן —
גיט דער רבי שמעון לייב
מיט זײַן לאַנגער האַנט אַ הייב
און ער ווײַזט ווי ס׳שטייט געשריבן
אין במדבר צי אין דברים.
איצטער האָב איך מער נאָך צייכנס
וואָס קיין צווייטער קען ניט האָבן —
איך אַליין האָב זיי באַגראָבן
מיט מײַן קליינער ייִנגל־האַנט
שפּאַנענדיק צו כּנען־לאַנד
דורכן מדבר.

("די באַלאַדע פון מדבר")

הגם לייוויקס פּאָעזיע פאַרנעמט זיך מער מיט מענטש ווי מיט גאָט, מיט מאָראַל מער ווי מיט טעאָלאָגיע, איז פאַראַן אין איר אַ טיפע שפּירעוודיקייט צו אמונה־ענינים בכלל און צו דער אַנונג פון גאָטס אומעטומיקייט בפרט.

פון ווײַטע טעג
אַן אַלט געזאַנג
הילכט־אָפּ אין מיר
מיט פריש געקלאַנג.

עמנואל ס. גאָלדסמיט

אַ תּפילה־רוף,
אַ נאַכט געבעט,
צו דעם וואָס הערט,
צו דעם וואָס זעט.

צו דעם וואָס שפּרייט
זײַן גאָב, זײַן גוטס,
און ברענגט גענאָד,
און טרייסט און שוץ.

צו דעם וואָס וואַכט
צו דעם וואָס היט
מײַן שוואַרצאַפּל
און מײַנע טריט.

צו דעם וואָס ציילט
גענוי און קלאָר
דעם מינדסטן צוק
פון מײַנס אַ האָר.

צו דעם וואָס טוט
זײַן ליכט אַרײַן
מיר טיף אין לײַב
און וויגט מיך אײַן.

אַ פרייד אַזאַ
— אין שפּעטער שעה
די אַלטע פרייד,
וואָס גאָט איז דאָ.

(״פון ווײַטע טעג״)

דאָס געפיל פון אומשטערבלעכקייט און נאָענטקייט צום באַשעפער איז מאַיעסטעטיש אַרויסגעבראַכט אינעם ליד ״שטערן״:

איך הייב מײַנע אויגן צום הימל מיט שטערן
און כ׳זע ווי עס סודען זיך שטערן מיט שטערן,
און כ׳זע ווי אַ שטערן פאַלט־צו צו אַ שטערן.

*

אין אָנהייב פון אָוונט, בייַם אויפגאַנג פון שטערן,
באַשטראַלט מיך מיט שלווה דאָס ליכט פון מייַן שטערן.
דערנאָך, אין דער חצות־שעה, בייַם טרויער פון שטערן,
נעמט קוקן אויף מיר מיט אַ גזר־אויג מייַן שטערן.
דערנאָך, פאַר באַגינען, בייַם אָפּשייד פון שטערן,
נעמט האָגלען אויף מיר אַ צעפּאַלונג פון שטערן
און וואַרפט מיך אַנידער, ביז וואַנען מייַן שטערן
פאַרדעקט מיך מיט זיך, און אַ קול זאָגט: דייַן שטערן
בעט חסד פאַר דיר בייַם האַר פון די שטערן.

איך ליג אַ פאַרדעקטער און כ׳הער, ווי מייַן שטערן
גיט איבער מייַן נאָמען צום האַר פון די שטערן.

(״שטערן״)

לייוויקס שאַפונג איז איבערהויפּט אַ באַשטעטיקונג פון דער קדושה פונעם מענטשלעכן לעבן און פון דער דויערהאַפטיקייט פונעם מענטשלעכן גייַסט.

איך ווייס אין יעדנס האַרץ איז דאָ
אַ ליכטיקייט, אַ שייַן;
אויף וועלכער שוועל דו זאָלסט ניט שטיין —
קלאַפּ אָן און גיי אַרייַן.

(״אין יעדנס האַרץ״)

אין דער ״באַלאַדע פון דענווער סאַניטאַריום״ שרייַבט לייוויק:

איך זאָג: מען האַלט ניט הייַנט דאָס לעבן הייליק,
ס׳איז ערגער נאָך: — מען טרעט עס מיט די פיס;
איעדער, ווער עס קאָן, טראָגט צו זייַן חלק, —
און ווער האָט ניט קיין פיס, קיין ביקס, קיין שפּיז?
פונדעסטוועגן, מייַן האַרץ, ניט הער אויף גלייבן, —
און זאָל אין גלויבן אויפגיין אויך מייַן ליד, —
אַז דער, וואָס איז אין אמתן דערהייבן,
פאַלט כורעים פאַר אַ י ע ד נ ס מינדסטן גליד״.

י. י. סיגאַל שרייַבט אַז ״אפילו אין די לידער זייַנע וואָס רעדן מיט פאַלקס־

טימלעכע ווערטער, שפּירן מיר [ביַי לייוויקן] גרויס־סימבאָלישע אָנצוהערענישן און רמזים אויף אַזעלכע אינערלעכע מענטשלעך־געטלעכע אמתן, וועגן וועלכע מיר האָבן געהאַט [נאָר] עלעמענטאַרע באַגריפן...״ [13] אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאַרפן דערמאָנט ווערן די ווערטער פון ענגלישן שרײַבער אַלדוס האַקסלי: ״נאָר דורך פּאָעטן קאָן דאָס לעבן פון אַן עפּאָכע סינטעטיזירט ווערן. ענציקלאָפּעדיעס און וועגווײַזערס... קאָנען דאָס ניט טאָן צוליב דער גוטער סיבה וואָס זיי האָבן אַ השפּעה נאָר אויפן אינטעלעקטועלן אויבערפלאַך פון אַ מענטשנס לעבן. די נידעריקע שיכטן, דעם מהות פון זײַן וועזן, לאָזן זיי איבער אומבאַרירט״ [14].

לייוויקס ליד אַפּעלירט צום מאָדערנעם טעמפּעראַמענט דערפאַר ווײַל עס באַשטעטיקט זין טראָץ כאַאָס, און האָפענונג טראָץ טראַגעדיע. אין זײַן פּאָעטישער דראַמע אין די טעג פון איוב האָט ער געפאָרשט די קאָסמישע באַגריפן פון מענטשלעכע צוגעבונדנקייטן און האָט באַטראַכט די נויטיקייט אין מיטלייד פאַר די יסורים פון אַנדערע באַשעפענישן [15]. ער האָט תמיד געוואוסט ווי אַזוי אַרויס־צובאַקומען פונקען פון רחמים און מענטשלעכקייט ביַי זײַנע לייענערס. טראָץ זײַן פאַרנעמען זיך מיט יסורים און צער, איז זײַן זוכונג נאָכן זין פון לײַדן געווען פול מיט בטחון און האָפענונג. ער האָט אוניווערסאַליזירט זײַן אייגענע ביאָגראַפיע און די געשיכטע פון זײַן פאָלק כדי צו באַנײַען די נביאישע וויזיע פון ברידער־לעכקייט און דערלייזונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אין טאָל פון טויט האָט ער באַשטעטיקט אויפסנײַ די ניטדאַיִקע דימענסיע פון לײַדן און די הייליקייט פון לעבן דורך פאַרוועבן אין זיך דעם געטלעכן צער און דורך צעטראָגן אין אַלע ערטער דעם וויי־געזאַנג פון גאָטס וואָרט.

כ׳בין שטיל ווי דו,
כ׳בין שטום ווי דו,
מײַן גאָט, מײַן גאָט
פון לעצטער רו.
געבוג איז מיר
דײַן מינדסטער צייכן
דײַן שווײַגעניש
זאָל מיך דערגרייכן.

*

ניט שטראָף מיך, גאָט,
ניט שטראָף דערפאַר
וואָס איך אין זיך
פאַרוועב דײַן צער,

וואָס איך צעטראָג
אין אַלע ערטער
דעם וויי־געזאַנג
פון דײַנע ווערטער.
(״שטיל ווי דו״)

הערות

1 מ. גראָס־צימערמאַן, אינטימער ווידעראַנאַנד, ת״א, 1964, ז׳ 138.
2 י. פּאַט, שמועסן מיט יידישע שרײַבער, נ״י, 1954, ז׳ 147.
3 דצ״וו.
4 ש. ביקל, דעטאַלן און סך־הכלען, נ״י, 1943, ז׳ 93.
5 י. גלאַטשטיין, אויף גרייטע טעמעס, ת״א, 1967, ז׳ 85.
6 א. טאַבאַטשניק, דיכטער און דיכטונג, נ״י, 1965, ז׳ 280.
7 ש. ביקל, דצ״וו, ז׳ 101.
8 ק. א. ברתיני, ״אחרית־דבר״, אין ה. לייוויק, על תהומות הולך ושר, ת״א, 1977, ז׳ 88.
9 י. י. סיגאַל, ״ה. לייוויק (צו זײַן 60סטן געבוירנטאָג)״, יידישער קעמפער, נאָוועמבער 1949, ז׳ 526.
10 ה. לייוויק, אַלע ווערק, ב׳ II, נ״י, 1940, ז׳ 156.
11 דצ״וו, זז׳ 262־261.
12 ה. לייוויק, מהר״ם פון רוטענבערג, נ״י, 1945, ז׳ 85.
13 י. י. סיגאַל, דצ״וו, ז׳ 525.
14 Aldous Huxley, *Texts and Pretexts*, New York, 1933, p. 4.
15 ש. ניגער, יידישע שרײַבער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נ״י, 1972, ז׳ 195.

אַנאַ דרעסנער

מהר"ם פון רוטענבערג

אין 1944, אַ יאָר פֿאַרן סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, שרײַבט לייוויק די דראַמאַטישע פּאָעמע אין זיבן בילדער מהר"ם פֿון רוטענבערג.

אַ ביז גאָר אָריגינעלע טעמע, אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק באַהאַנדלט. זי שפּילט זיך אָפּ אין צוויי פּלאַנען, אין צוויי צײַטן און רוימען, און דער מחבר באַמיט זיך איבערצובריקן דעם מרחק פֿון 658 יאָר, וואָס טיילט זיי אָפּ פֿון זיך, מיט מיסטישע מיטלען. ער ציט אַן אַנאַלאָגיע צווישן צוויי היסטאָרישע ווירקלעכקייטן, אין וועלכע יידישע פֿאַרפֿאָלגונגען בילדן דעם אידעאישן קערן, וואָס כאַראַקטעריזירט זיי און דאַרף זיי כּלומרשט פֿאַראייניקן.

די געשעענישן קומען גלײַכצײַטיק פֿאָר אין מײַנץ ענזיסהײַמער און וואַסער־בורגער תּפֿיסות אין מהר"מס צײַטן און אין דאַכאַו אין דניאלס צײַטן. געניט ווי ער איז אין דראַמאַטורגישן שאַפֿן און אין דיכטערישער קונסט, געלינגט לייוויקן אויפֿצולעבן די פּערזענלעכקייט פֿונעם מהר"ם און זײַן סביבה, סײַ די פּרײַנטלעכע און סײַ די פֿײַנטלעכע, סײַ די היסטאָרישע סײַ די פֿיקטיווע און קאָנסטרואירט זי אַזוי מײַסטערהאַפֿט אַז עס זײַנען כּלומרשט קיין ווידעראַנאַדן נישט פֿאַראַן צווישן געשיכטלעכן און קינסטלערישן אמת. דער פּרוּוו אָבער אײַנצוועבן אין דער געשילדערטער פֿאַרגאַנגענהייט רעליקטן פֿון הײַנטצײַטיקייט אָדער פֿאַרקערט, קלינגט ווי אַ גרילץ פֿון אײַזן אויף גלאָז, און שטערט די אַרטיסטישע שלימות, איר אויסדרוק און אײַנדרוק.

אין רעטראָספּעקטיוו פֿון 658 יאָר שפּיגלען זיך בולטער אָפּ די פֿאַרצײַטיקע געשעענישן פֿון די, וועלכע שפּילן זיך אָפּ אין דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקייט.

אין צענטער פֿון דער דראַמע שטייט דער מהר"ם אין זײַן לעצטן לעבנס־אָפּשניט, און די גורלדיקע געשעענישן פֿון יענער תּקופֿה. דער מהר"ם, איינער פֿון די חשובֿסטע פּוסקים פֿון זײַן צײַט, וועמענס כּללים און מנהגים זײַנען אָנגענומען עד היום בײַ יידן, ווײַט באַקאַנט אין דער למדנישער און רבנישער וועלט, ווערט אַרײַנגעשטויסן אין תּפֿיסה און פֿאַר זײַן באַפֿרײַען פֿאָדערט מען אַ גרויסע סומע. אַ רײַ קהילות אין אַשכּנז נעמען צוזאַמען דעם סכום. דער מהר"ם אָבער דערלויבט נישט דאָס געלט אויסצאָלן די פֿאַרפֿאָלגער. ער פֿאָדערט מקיים צו זײַן אויף זיך דער כּלל פֿון תּלמוד "אין פּודין את השבויים יותר על כּדי דמיהן". ער

דערלאָזט נישט צו שאַפן קיין פּרעצעדענט, וואָס וואָלט זיכער אָנגערעגט די מאַכטהאָבער אין צוקונפט צו פאַרלאַנגען און אויך קאַסירן הויכן כּופר פאַר ייִדישע געפאַנגענע. ער שטאַרבט נאָך זיבן יאָר אין תּפיסה און ערשט פערצן יאָר נאָך זײַן פּטירה באַצאָלט אַ ייִד כּמעט מיטן גאַנצן פאַרמעגן פאַר דעם זכות אויס־צוקויפן זײַנע בײַנער און ברענגען זיי צו קבר־ישׂראל.

לייוויק שילדערט מײַסטערהאַפט די געשעענישן אין מײַנץ פון יענער צײַט. באַשרײַבט — אמת פאַרהעלטנישמעסיק נישט זייער געלונגען — דעם פּאָגראָם אין מײַנץ, אָרגאַניזירט דורך דעם דאָרטיקן הערצאָג, שילדערט געטרײַ די טעטיקייט פון מהר"ם, און שטרײַכט אונטער, אַז ער האָט דערקלערט, אַז די בשׂורה וואָס עס האָט געבראַכט דער שליח פון ארץ־ישׂראל וועגן משיחן, וואָס זאָל זיך דאָרט האָבן באַוויזן, איז אַ פאַלשע און הגם ייִדן הערן זיך צו צום רוף, פאָלגן דעם שליח און גייען אים נאָך, שטייט דער מהר"ם צו זיי נישט צו. ער איז אָבער מסכּים אַז ייִדן זאָלן אומלעגאַל פאַרלאָזן דײַטשלאַנד און אַנטלויפט אויך מיט זײַן הויזגעזינד קיין לאָמבאַרדיע. דאָרט דערקענט אים אַ משומד, פאַרמסרט אים, און ער ווערט אַרײַנגעוואָרפן קודם אין ענזיסהײַמער תּפיסה דערנאָך אין וואַסערבורגער פעסטונג.

לייוויק ענדערט אויף קיין האָר נישט די היסטאָרישע פאַקטן. פיקטיוו איז נאָר די איינצלהייט, אַז דער משומד איז דער מהר"מס געוועזענער תּלמיד, וועלכער האָט זיך געשמדט פאַר פאַרדראָס, אַז זײַן רבי האָט אים נישט געוואָלט פאַר קיין איידעם. דערצו איז ער נאָך מאַכטגיריק און באַשליסט דורך רשעות אויסצואיבן זײַן כּוח און נוקם זײַן זיך אינעם מהר"ם און אין ייִדן בכלל. ווי אַפּשטויסנדיק ער איז נישט כאַראַקטעריזירט, פאַסט ער זיך אָבער גוט אַרײַן אינעם פאַרגעשטעלטן מיליע און דערגענצט עס אַפילו אין אַ געוויסער מאָס.

עס איז באַוואוסט, אַז די אייגנאַרטיקייט פון דער דראַמע אַלס אַזאַ באַשטייט דערין, וואָס זי דיספּאָנירט בלויז מיט איין צײַט. זי פאַרמאָגט נישט קיין פאַר־גאַנגענהייט און קיין צוקונפט. אַלץ וואָס קומט אין איר פאָר איז קעגנוואָרט. וועגן די סצענישע געשטאַלטן ווייסט מען בלויז דאָס, וואָס זיי אַליין און די אַנדערע מיטווירקנדיקע דערציילן וועגן זיך. זייערע ווערטער און האַנדלונגען זאָגן עדות וועגן זייער פּערזענלעכקייט, כאַראַקטער, נייגונגען, געפילן און אָנשויאונגען.

לייוויק פאַרשטייט אויסגעצייכנט צו שאַפן די ריכטיקע אַטמאָספער, איבערגעבן די דראַמאַטישע לאַדונג, די שפּאַנונג, די קאָנפליקטן. ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט צו אַנטוויקלען דעם סוזשעט ביז צום קולמינאַטיוון פּונקט און דערפירן אים מיט מײַסטערשאַפט און דיכטערישן שוואונג צו דער געוואונטשענער לייזונג. מיט קאַרגע ווערטער, און אפשר טאַקע צוליב דעם, דריקט ער אויס אַ שלל געפילן און שטימונגען, וואָס דערשיטערן דווקא מיט דער רואיקייט און געלאַסנקייט פון טאָן, און וועקן די פּאַסיקע עסטעטישע רעאַקציע בײַם לייענער און צושויער. מיט פּשטות און אָן פּאַטאָס, אָן באָמבאַסטישע רייד, מיט געמעסיקטן געפילסאויסדרוק, אָן

וועלכע ס׳איז ניט פֿאַלשע מליצות און פֿרײַ פֿון התלהבות, קלינגען די ווערטער דורכגעדרונגען מיט טיפֿן שאַרפֿזין, מיט חכמה, מיט גאווה און שטאַנדהאַפֿטיקייט, מיט ייִדישער און מענטשלעכער ווירדע, קעגן וועלכע דאָס בייזע און גרויזאַמע ווערט בטל און מבוטל. דער ווילקיר, די אכזריות, דער טויט אַליין ווערט קעגן זיי נישטיק. מעג דער גוף זײַן אָנמעכטיק, אומגעהויער איז אָבער דער גײַסטיקער כּוח, דער שטאַרקער ווילן זיך נישט אונטערצוגעבן. וואָס גרעסער די פּרווון פֿון בייז־ווויליקייט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער רצון פֿון פּאַסיווער ווידערשפּעניקייט. דער באַשלוס נישט צו דערנידעריקן זיך אַלס ייִד און מענטש, באַשטעטיקט די אָנמעכטיקייט פֿון גרויער, גרויזאַמער גשמיות קעגן דעם שארית הרוח וואָס באַפֿליגלט דעם מאַכטלאָזן גוף, וועלכער האָט קיין מעגלעכקייט נישט זיך צו ווערן.

די געשטאַלטן, ועל כּולם דער מהר״ם, זײַנען פֿולבלוטיק און ווירקן איבער־צײַגעוודיק. מען גלייבט באמונה שלימה, אַז אַזאַ איז ער מסתּמא געווען אין יענע גורלדיקע יאָרן, וועלכע לייוויק באַשרײַבט. אויך די איבעריקע פּאַרשוינען וועקן צוטרוי און פֿאַרשטענדעניש, דעם הערצאָג און זײַן חבר מרעים נישט אויס־געשלאָסן.

איז טאַקע זייער שווער מסכּים צו זײַן מיט חיים ליבערמאַן, אין 1946, אַז לייוויקן האָט זיך נישט אײַנגעגעבן פֿאַרצושטעלן דעם מהר״ם אין זײַן גאַנצער פֿילזײַטיקייט און פֿילפֿאַרביקייט, וואָרעם די וועלט און די אָנשויאונגען זײַנע זײַנען דיאַמעטראַל אַנדערע, קאָנטראַאווערסיווע, צו דעם מהר״מס. עס איז אָבער קלאָר, אַז לייוויקן האָט אין געגעבענעם פֿאַל כּלל נישט אינטערעסירט דעם מהרמ״ס לומדיש־רבנישע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט במשך פֿון זײַן גאַנצן לעבן. לייוויקס גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט ציט צו נישט דער פֿרײַער מהר״ם אַלס מנהיג, אַלס גײַסטיקער אָנפֿירער און גדול הדור, נאָר יענער, וואָס שמאַכט אין פֿעסטונג און טורמע, און עס איז, דוכט זיך, קיין צופֿאַל נישט.

״די קייטן פֿון משיח״, וואָס האָבן זיך אין לייוויקס ערשטן ווערק צעקלונגען, האָבן זינט דעמלט זייער אָפֿט געהילכט אין זײַנע סטראָפֿן, בפֿרט אין די מיסטיש־סימבאָלישע. לייוויק, דער רעוואָלוציאָנער און בונטאַר, דער געוועזענער אַרעסטאַנט פֿון צאַרישע טורמעס און סיבירער קאַטאָרזשניק, חלומט וועגן פֿרײַהייט און באַ־פֿרײַאונג, נישט נאָר אינדיווידועלע, נאָר אויך סאָציאַלע, דער עיקר נאַציאָנאַלע. ער טרוימט וועגן גאולה און וועגן גואל לויט זײַן אייגענער, לייוויקישער, אויפֿ־פֿאַסונג.

אויך ער, ווי אַמאָל דוד פֿרישמאַן, גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון דערפֿון, אַז משיח איז געשמידט מיט קייטן. ער זעט אים נישט אַזוי ווי פֿרישמאַן, אַ צוגעקאָוועטן צום כּסא־הכּבוד אַזוי לאַנג ביז עס וועט אויפֿשטיין אַ דור, וואָס וועט ווערן אויסגעלייזט ווערן, און ערשט דעמלט ״תקום גם אתה לגורלך ונגאלת, אז תקום גם אתה לגורלך — וגאלת״. לויט לייוויקן, איז די גאולה טאַקע שווער, אָבער

נאָך שווערער איז דאָס וואַרטן אויף איר, און יעדער דור אין זײַן פּײַן לעכצט נאָך אַ גואל, נאָך זײַן משיח.

דער ים פון אומגליקן און לײַדן איז גרויס און ווערט אַלץ גרעסער. דער משיח איז גלײַך מיטן פאָלק געשמידט אין קייטן. קיין אַנדערער איז נישט פאַראַן. אַמאָל, אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די גזירות, רדיפות און בלבולים זײַנען געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָט דער מהר״ל פון פּראָג געשאַפן אַ מין ״כּמו־משיח״, אַ גולם, וואָס האָט געבראַכט אַ צײַטווייליקע הילף, אַ מינימאַלע און אַ ביז גאָר לאָקאַלע. ווען לייוויק דערציילט איבער זײַן געשיכטע, איז דער ״גולם״ אײַנגאַנצן אַנדערש פון זײַן לעגענדאַרן פּראָטאָטיפּ אין 16טן י.ה., הגם אויך ער איז אַ מעשה בן־אָדם און ווערט געשאַפן אין אַן עת־צרה. מיטן כּוח פונעם שם־המפורש בלאָזט אין אים דער מהר״ל אַרײַן לעבנס־כּוח וואָס קלעקט בלויז אויף חיי־שעה, בלויז אויף אויסצופירן זײַן איין און איינציקע אויפגאַבע צו וועלכער ער איז באַשטימט געוואָרן. לייוויקס ״גולם״ איז אַ מאָדערנער. ער איז געשאַפן כּדי אויסצוראָטן דאָס בייז און איז באַשאַנקען מיט אוממענטשלעכן כּוח. ער איז אָבער כּולו גשמיות. נישט פאַראַן אין אים קיין טראָפּן רוחניות. ער קאָן נישט אונטער־שיידן צווישן דעם בייזן, וואָס ער דאַרף פאַרניכטן און דעם גוטן, וואָס דאַרף דערנאָך געדײַען. צעשטערט ער איינס און דאָס אַנדערע. ער פאַרמאָגט נישט קיין נשמה, קיין פאַרשטאַנד, קיין געפילן. זײַן צעשטערונגס־קראַפט ווערט אַ סכּנה פאַרן עצם קיום. מוז אים זײַן באַשעפער צוריק פאַרוואַנדלען אין אַ קופּע ליים. דער דאָזיקער ״גולם״ לייוויקס איז אַ מין ראַבאָט פון צעשטערונג, פון חורבן, מוז ער אַליין אויך צעשטערט ווערן. לייוויק אָבער וויל זען אין אומקום די קערנער פון אויפקום.

אין די ״קייטן פון משיח״ און אין דער ״גאולה־קאָמעדיע״ זײַנען די גואלים רעוואָלוציאָנערן. זיי ווילן שאַפן אַ נײַע ווירקלעכקייט, מוזן זיי די אַלטע צעשטערן. דער מלאך עזריאל אין די ״קייטן פון משיח״ וויל מער נישט זײַן גאָטס שליח. ער וויל נישט מער זײַן קיין מלאך. ער בענקט נאָך מענטשלעכקייט, נאָך מענטשן, און זײַן פאַרלאַנג איז זיך דערנידעריקן צו זיי. דער גולם אין דער ״גאולה־קאָמעדיע״ וויל מער נישט זײַן דעם מהר״לס שליח. ער טרוימט וועגן דערהייבן זיך צו די מענטשן, כּדי דורכלעבן מענטשלעכע דערפאַרונגען. אָבער אין דער דאָזיקער פּיעסע פאַרניכטעט משיח בן־יוסף משיח בן־דודן. קאָן מען אויך אין דעם דאָזיקן אומקום זען סימפּטאָמען פון אויפקום, וועגן וועלכן לייוויק טרוימט? — שווער צו זאָגן. ובפרט ווען באַשרײַבנדיק שפּעטער אינעם ליד ״אין טאָג פון גאולה״ — וואָס זעט אויס ווי אַן עפּילאָג פון דער ״קאָמעדיע״ — די איבער־לעבונגען פונעם גואל — זינגען און טאַנצן אַלע. ״עס פלאַקערט די שמחה. קאַפּעליעס און טאַנץ, / און הויך, אויבן אָן, זיצט אין עלנט און וויינט דער גואל״ / אויף אַלע די, וואָס זײַנען פאַר דער גאולה אומגעקומען.

״נישט געקוקט — זאָגט ניגער — אויף איר מיטאָסדיק־סימבאָלישן נוסח, לאָזט זיך ׳די גאולה־קאָמעדיע׳ (מער ווי ׳דער גולם׳) אויסטײַטשן, ווי די קאָמעדיע (און די טראַגעדיע) פֿון אונדזערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע און ׳משיחיסטישע׳ צײַטן״. און לייוויק אַליין האָט אין זײַן פֿאָרוואָרט צו דער פּיעסע דערקלערט, אַז אין זײַן משיח־געשטאַלט און אין דער גאַנצער פּאָעמע האָט ער געפּרוווט פֿאַר־קערפּערן ״אויך הײַנטוועלטיקע גאולה־טראַגיק״.

צו דערמאָנען אַז דאָס איז געווען אין 1933, נאָך זײַן באַזוך אין ראַטנפֿאַרבאַנד, בשעת און נאָך דער אַנטווישונג פֿון דער ״היים דער סאָוויעטישער״ אין וועלכער ער איז אויף אַ ווײַל פֿאַרבלענדעט געוואָרן פֿון דער ״אתחלתא דגאולה״ וועלכע ער האָט דאָרט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, געזען. האָט ער זיך אויסגעניכטערט. נאָך אַ קורצער צײַט פֿון פֿאַרבלענדעניש האָט ער פֿאַרשטאַנען זײַן טעות און זיך אין אים מודה געווען. ער ברענגט טאַקע אין דער ״קאָמעדיע״ בײַשפּילן פֿון דער סאָוויעטישער רעוואָלוציע און דערמאָנט אויך די אַנדערע פֿרײַהייטס־באַוועגונגען פֿון יענער עפּאָכע, מיט וועלכע ייִדן זײַנען געווען פֿאַרבונדן. דאָס געשעט שוין אין די יאָרן ווען ער הייבט אָן שרײַבן ״די היטלער נאַכט־מאָטיוון״, וואָרעם דעמאָלט איז שוין די היטלער־נאַכט צוגעפֿאַלן. דער שוואַרץ־פֿאַרוואָלקנטער הימל האָט קיין גאולה נישט אָנגעזאָגט. עס האָט קיין איין ליכטיקן שטראַל נישט דורכגעלאָזט. אויסגעלאָזט זיך, צעשמעטערט געוואָרן זײַנען אַלע חלומות, יעטוועדע האָפֿענונג. אַפֿילו יוסף הצדיק, וואָלט ער זיך דעמאָלט באַוויזן, וואָלט אויך ער מער נישט געחלומט.

לייוויק האָט אויך דעמאָלט נישט געקענט שווײַגן. ער איז געווען אַ דיכטער. און אַ דיכטער, זאָגט סערען קירקעגאָרד, איז אַזאַ מין מטורף, אַז יעדעס וואָרט וואָס פֿאַלט פֿון זײַנע ליפּן ווערט פֿאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע. דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס אים איז פֿאַרבליבן — די פּאָעזיע, האָט ער זײַן פּײַן און לײַדן אויסגעזונגען. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך די פּעטלורישע און אַנדערע פּאָגראָם־כוואַליעס, האָבן די ייִדישע דיכטער אויך געשריבן ״לידלעך״, ווי עס רופֿט דאָס אָן מיט שפּאָס און סאַרקאַזם פּרץ מאַרקיש אָדער מלך ראַוויטש. זיי זײַנען אָבער געווען צוזאַמען מיט די קרבנות, זײַנען צוזאַמען מיט זיי געלעגן אין די ״קופּעס״, און איבערגעלעבט די זעלבע סכנות און פּחדים.

פֿון סוף דרײַסיקער יאָרן, אין ת״ש־תש״ה, איז קיינער פֿון זיי, גלײַך מיט לייוויקן ״אין טרעבלינקע ניט געווען״. עס איז אַנטשטאַנען ״די וואָר פֿון אומקום״. נישט קיין מעטאַפֿאָרישע. ווען עס זאָגט דער פּאָעט ״די זון זינקט אײַן אין סוואָסטיקע, דער מערב פֿאַרגיסט זיך מיט בלוט״ איז עס נישט קיין אַלעגאָריע. נישט די געגראַמטע ווײ־געשרײַען, נישט דאָס אויסטענהען זיך מיטן רבונו־של־עולם העלפֿט נישט. ווערטער קאָנען נישט אויסרײַסן די האַק פֿון מערדערס הענט. זיי אַלע, די וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, ווי ראַוויטש זאָגט ״אויפֿן זיכערסטן פּלאַץ,

אויף דער ערד, זײַנען טאַקע געווען פון ווײַטן, און וואויל איז צו מיר — משטײנס געזאָגט — און אַ לידל שרײַב איך מיר נאָך אויך — פּאַיאַץ. און גראַמען צום בלוטיקן לידל האָב איך מיר צוגעקלערט. עס פעלט נאָר צום רומל — ס'זאָל זײַן אַ סאָנעט — און פּאַרוואָס טאַקע נישט". אויך לײוויק האָט געהערט צו די, וואָס זײַנען גלײַך מיט ראַוויטשן "אויפגעשטאַנען פון אַ קלאָרן בעט / און געגעסן ברויט, געטרונקען מילך. / און — מײַן מאַמע איז אין קעלער געלעגן אין אונדזער אַלטן הויז, / און אַ סקאַרינקע געגריזשעט ווי אַ מויז". לײוויק האָט מיטן גאַנצן לײַב און לעבן, מיטן האַרץ און מיט דער נשמה געפילט דעם אונטערשייד צווישן אים, אויף יענער זײַט ים, און זיי דאָרט, אין אײראָפּע. האָט ער געשריבן "לידלעך", דאָס בלוט אָבער וואָס האָט זיך געגאָסן, תּרתּי משמע, איז געווען זייערס; זײַנע זײַנען געווען בלויז "לידלעך". נישט נאָר אַהרון צייטלין האָט געהאַט דעם פאַרלאַנג זיך מודה זײַן "פאַרן הויכן טליתדיקן ייִד מיטן ברענענדיקן של־ראש אויפן קאָפּ פאַר די קליינע נעבעכדיקע ווערטער", נאָר אויך אַלע אַנדערע, אויך לײוויק, האָבן געוואוסט ווי נישטיק עס זײַנען זייערע ווערטער, ווי אויפריכטיק זיי זאָלן נישט זײַן און קלינגען, אין אַנבליק פונעם פײַערדיקן אויפשטייג פון זייערע אויס־געפײַניקטע גופים צו די פינצטערע הימלען.

לײוויק ווייסט גאַנץ גוט, אַז נישט קיין ווערטער, נאָר מעשׂים זײַנען איצט נויטיק. ער ווייסט אָבער אויך, אַז קיין שום מעשׂים וועלן נישט און קענען נישט העלפן. ער ווייסט אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן, עס איז אויך נישט מעגלעך. אים זײַנען געבליבן די ווערטער, זײַן איינציק פאַרמעגן, "זײַן כּבשת הרש", ווי ניגער דריקט זיך אויס. לײוויק דער דיכטער, דער ייִדישער דיכטער, קאָן נישט שווײַגן אין אַנבליק פונעם שוידערלעכן אומגליק פון זײַן פאָלק, פונעם היטלער־קאַטאַקליזם, וועלכער האָט אַ דריטל פון אים פאַרשניטן.

לײוויק איז קיינמאָל נישט מיטגעריסן געוואָרן פון פּרצעס שבת־יומטובדיקע ייִדן. ער האָט נישט געזונגען מיט התלהבות וועגן דער גאָלדענער קייט וואָס זיי האָבן געשמידט. ער האָט אַלעמאָל געוואוסט אַז די רינגען פון דער דאָזיקער קייט טשמעליעט מען מיט אײַזן. שווערע אײַזערנע האַמערס קלאַפּן דאָס גאָלד, כּדי עס זאָל האַלטן צוזאַמען. דאָס גאָלד האָט טאַקע געגלאַנצט, געשעמערירט, די קלעפּ פון אײַזן האָבן אָבער במשך פון דורות ווייטיקדיק געהאַמערט, און צוזאַמען מיט די גאָלדענע רינגען איבערגעלאָזט טיפע וואונדן, וועלכע ווערן נישט פאַרהיילט, הגם דער שטויב פון יאָרהונדערטער הילט זיי אײַן.

אין זײַנע ווערק האָט לײוויק נישט איינמאָל אויפגעהויבן דעם שטויב פון פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויפט איבער טראַגישע געשעענישן אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק וועלנדיק באַווײַזן, אַז אין יעדן פון זיי גלײַען רמזים אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אונדזער צײַט. אין אַלע זײַנע היסטאָ־רישע אָדער מיטאָלאָגישע ווערק, נישט קיין חילוק אין וועלכער צײַט און אין

וועלכן אַרט זיי שפּילן זיך אָפּ, זײַנען פֿאַראַן בולטע אָנדײַטונגען אויף די פּראָבלעמען פֿון אונדזער תּקופֿה. "אַזוי 'דער גולם', 'די גאולה-קאָמעדיע', 'די עקדה', 'די באַלאַדע פֿון מדבר', אַלע לעגענדאַרישע אָדער מיטאָלאָגישע שאַפֿונגען פֿון ה. לייוויק — האָלט ניגער — זײַנען נישט קיין עכאָס פֿון אַמאָל, נאָר אָפּרופֿן, סימבאָליש-פּאָעטישע אָפּרופֿן אויף די דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין און אַרום אים — איצט. לייוויק מאָדערניזירט דעם פּאַרצײַטיקן מיטאָס, ער אַקטואַליזירט אים". ניגער האַלט, אַז אַזוי קומט אויך פֿאַר אין "מהר"ם פֿון רוטענבערג". נאָך מער. ער נעמט אָן, אַז "עס איז נישטאָ בײַ אים קיין סתּירה, עס איז פֿאַרקערט, פֿאַראַן אַ הסכּם און אַ האַרמאָניע צווישן זײַן שאַרפֿן איך-באַוואוסטזײַן און זײַן געפֿיל פֿון פֿאָלק און וועלט-אַחריות; אַזוי איז נאַטירלעך בײַ אים זײַן איבער-צײַטלעכער און איבעראָרדנטלעכער צוגאַנג צו צײַט- און אָרט-געשעענישן. דאָס איז ניט קיין לײַכטע זאַך צו דערגרייכן, אָבער מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, וואָס איר עצם תּוך איז דער גערענגל און דער אויסגלײַך צווישן פֿריער און שפּעטער, — מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פֿון עפּאָכעס".

דער ציטאַט איז דאָ געבראַכט געוואָרן מיט אַ כּיוון צו באַווײַזן דעם אויסדריקלעכן פֿאַלשן צוגאַנג פֿון ניגערן, און מסתּמא נישט נאָר פֿון אים אַליין, צו דעם ווי מען קאָן עס אָנרופֿן "פּראָבלעם פֿון פּראָבלעמען", צום אויסגלײַך צווישן פֿריִער און שפּעטער. מיט אַנדערע ווערטער, צו דער אַנאַלאָגיע צווישן דײַטשע פֿאַר-פֿאָלגונגען סוף דרײַצנטן י"ה און דאַכאַו אין סוף ערשטן יובל פֿונעם צוואַנציקסטן י"ה.

זאָל אונדז ניגער אויף יענער וועלט מוחל זײַן פֿאַרן מילדן פֿאַרגלײַך, אָבער דער חילוק צווישן דעם "פֿריִער און שפּעטער" אין "מהר"ם פֿון רוטענבערג" איז אין בעסטן פֿאַל, ווי צווישן הערינג און קאַוויאַר. אונדזער טביה, וואָס איז נישט געווען אַזוי איידל געשאַפֿן, וואָלט מסתּמא געזאָגט: אַ משל כּחרס הנשבר.

קיין מײַנץ פֿונעם לעצטן פּערטל דרײַצנטן י"ה ברענגט לייוויק דניאלען פֿונעם דאַכאַוער קאָנצענטראַציע-לאַגער אין 1944, און הייסט אים צוקוקן זיך, על פּי רוב ווי אַ רואה ואינו נראה, צו אַלע גרוילטאַטן, וואָס קומען דאָרט פֿאָר. פֿאַרשטייט זיך, דניאל ווייסט וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט און מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. די מײַנצער ייִדן, און דער מהר"ם בתוכם, ווייסן נישט גאָרנישט וועגן דניאלען און קאָנען עס נישט וויסן. צו פֿאַרשטיין איז, אַז דער מחבר וויל מיט אים, מיט דער הילף פֿון אַהאַסוער, דעם אייביקן ייִדן, לערנען אַ פּרק אין דעם גרויזאַמען לײַדנס-וועג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. משמעות נישט נאָר ער, אין דאַכאַו, לײַדט. אין חדש תּחת השמש. מיט קנאַפּע זיבן הונדערט יאָר צוריק האָבן אויך ייִדן געליטן. אַ סימן — אויך דעמאָלט זײַנען געווען פּאָגראָמען, אויך דעמאָלט האָט מען גערויבט און פֿאַרניכטעט ייִדיש האָב און גוטס, אויך דעמאָלט האָבן ייִדן געשמאַכט אין תּפֿיסה פֿאַר אומזיסט און אומנישט און אומגעקומען ווי דער

מהר״ם וואָס איז צוליב אַ פּרינציפּ, אַ כּלל אינעם תּלמוד, אויסגעגאַנגען אין וואַסערבורגער תּפיסה. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם הערצאָג און אויך נישט נאָכגעגעבן זײַנע פרײַנד, געהאַלטן זיך שטאָלץ, געשטאָרבן אין פעסטונג, פיזיש־שוואַך אָבער שטאַרק אין גײַסט און אין רצון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם רשעות פון זײַנע פאַרפאָלגער. קאָן ער טאַקע דינען אַלס בײַשפּיל. עס פרעגט זיך נאָר צי אויך פאַר דניאלען.

״אַ ייִד וואָס איז אין דאַכאַו, איז אויך אין מײַנץ, אַ ייִד וואָס איז אין מײַנץ איז אויך אין דאַכאַו אין דער זעלבער רגע — דאָרט און דאָ״, באַלערנט אהאַסווער דניאלען. הייסט עס ער דאַרף זיך אויך אויפפירן ווי דער געפאַנגענער פון ענזיס־היימער תּפיסה. מען האָט אים, דניאלען, אַזוי דײַטלעך באַוויזן דעם בײַשפּיל. צי קאָן ער נישט האָבן קיין צוטרוי? ״האָב אמונה, האָב... דניאל״ — זאָגט אים אהאַסווער. און ער, דער אייביקער ייִד, דער אייביקער נע־ונד, ווייסט אוודאי וואָס ער זאָגט. ער האָט דאָך אַלץ געזען, אַלץ מיטגעמאַכט אויף זײַן לאַנגן וואַנדער־וועג. די שאלה איז נאָר, צי האָט ער שוין אַמאָל, כאָטש איינאונאיינציק מאָל אין זײַן לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, געזען אַ דאַכאַו. ער האָט טאַקע געטראָפן, לייוויק ״די בעסטע אָרדענונג פאַר די בעסטע ווערטער״, ווען ער לייגט זיי אַבער אַרײַן אין דניאלס מויל, טוט זיך אָפּ זייער כּישוף. אויסגעדראָשן זײַנען זיי אין פאַרגלײַך צו אים, דניאלען אַליין, צו דעם וואָס ער רעפּרעזענטירט. אין דער דאָזיקער קאָנפראָנטאַציע פאַרלירן די ווערטער זייער גאַנצער ממשות.

דניאל ווייסט און שפּירט, אַז אהאַסווערס טרייסט ״השם יתברך וועט ניט פאַרלאָזן״ האָט אַ קנאַפּע האַפט, וואָרעם זײַן ענטפער ״ער האָט אונדז שוין פאַרלאָזן״ איז לײדער אמת. אין זײַנע דורותדיקע וואַגלענישן האָט אהאַסווער ביז איצט נאָך קיינמאָל קיין שום היטלעריסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער נישט באַ־געגנט. וואָסער משמעות אין דניאלס אויגן קאָן שוין האָבן אהאַסווערס ״אַ ייִד אַנטלויפט נישט, ווײַל ייִד איז אייביקע תּפיסה״. ער ווייסט, אַז נישט נאָר עס איז נישט פאַראַן קיין שום מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. נישט פאַראַן אויף גאָר דער וועלט קיין שום אָרט וואוהין צו אַנטלויפן. פאַר אים, פאַר דניאלען, איז ייִד — טויט. די אַלע ייִדישע קדושים, פון אַלע צײַטן, פון דער אינקוויזיציע, פאַר איר און נאָך איר, פון כמיעלניצקיס צײַטן און נאָך זיי, פון די שחיטות און מזבחות וואָס פלאַקערן אין קעשענעוו, אין עין־חרוד און תּל־יוסף, פון אַלע פּאָגראָמען אויף גאָר דער וועלט, זײַנען אַ קליין הייפעלע אין פאַרגלײַך מיט די קדושים פון איין אוישוויץ בלויז. דניאל ווייסט יאָ צי איז אין דאַכאַו געווען מעגלעך אַנטקעגנ־שטעלן זיך. ער ווייסט גוט צי מיר האָבן נישט קיין מורא, ווי עס זאָגט דער מהר״ם ״אויב זיי מאַכן פון אונדז הפקר דורך זייער רשעות, צי מיר קענען זיי מבטל זײַן בביטול גמור״, ווען זיי זעצן אונדז אין זייערע תּפיסות. זיכער האָט דער מהר״ם דאָס געקאָנט און אויך געטאָן. ער האָט געמעגט פּרעדיקן וועגן דעם, אַז

"נאָר ווען, חלילה, מיר אַליין דערלויבן זיך / אין אונדזער שרעק צו מאַכן פון זיך הפקר / און זיך אַליין מבטל זײַן / און גיבן נאָך אַליין דערצו אונדזער הסכּמה / אוי, דעמאָלט זײַנען מיר פאַרלוירן, רבותי, דעמאָלט ווערט פאַר אונדז די פרײַהייט נאָך פינצטערער, נאָך ערגער פון תּפיסה". אַזוי האָט דאָך אויך לייוויק געמיינט אין "דאָרט וואו די פרײַהייט". דער מהר"ם איז געשטאַנען אין אַ ניסיון און איז אים בײַגעשטאַנען. תּפיסה אַנטקעגן פרײַהייט האָט ער אויסגעוויילט. ער האָט געהאַט אַן אַלטערנאַטיוו. "מײַן מאַכט — האָט ער שטאָלץ דערקלערט דעם הערצאָג — באַשטייט אין דעם וואָס כ'האָב קיין מאַכט ניט". דער מיטלאַלטערלעכער גאון, האָט זײַן שוואַכקייט און גבורה פאַרוואַנדלט אין איבערמענטשלעכער קראַפט און באַזיגט מיט איר דעם כּוח פון בייז. ער האָט זײַן טויט פאַרוואַנדלט אין אַ כּלי־זיין און אים אויסגענוצט אין איינקלאַנג מיט זײַנע פּרינציפּן. ער איז געווען איבערצײַגט אַז "איין ייִד שטאַרבט אויף קידוש השם, אַ צווייטער לעבט אין זכות פון דעם", וואָרעם "קידוש השם — האַלט ער — איז דעמאָלט נאָר אַ מצווה, ווען ס'איז אַ שטאַרקונג פאַר ישׂראל". אַזוי האָט ער, לויט לייוויקן, געגלייבט. שטאַרקע ווערטער, "די בעסטע ווערטער האָבן דאָ באַקומען די בעסטע אָרדענונג". וואָלט מען געמעגט זאָגן בתּנאי... זיי זאָלן נישט דאַרפן דינען ווי אַ מוסר־השׂכּל פאַר דניאלען. און דאָס איז דאָך געווען לייוויקס מײַן. פאַר זײַנעטוועגן האָט ער דאָך באַוויזן ר' מאיר בר' ברוכן אין זײַן גאַנצער פּראַכט און גרויסקייט אין זײַן ייִדיש־עקשנותדיקן און הייליקן ווידערשטאַנד און גאווה. פון אים און זײַנע איבערלעבונגען וויל דאָך לייוויק ציִען אַ פּאַראַלעל צו די איבערלעבונגען פון די דניאלס אין דאַכאַו. אין דאַכאַו, וואו די דײַטשן "שלאָגן", און זיי די יונגע און אַלטע דניאלס קאָנען עס נישט אויסשטיין. זיבן יאָר האָט דער מהר"ם געשמאַכט אין די מיטלאַלטערלעכע דײַטשע פעסטונגען, גענומען אויף זיך פרײַוויליק דעם טויט, און זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן. ביזן סוף האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן. אָפּגעהיטן די ייִדישע און מענטשלעכע ווערדע. ביזן סוף פאַרבליבן אַ מוסטער פון ווידערשטאַנד און ווידערשפּעניקייט, פון אויסדויער און שטאַנדהאַפטיקייט, פון אָפּפערוויליקייט און מסירת נפש. צו אים ברענגט אַהאַסווער דניאלען פון דאַכאַו, כּדי אים באַווײַזן — וואָס ?

קאָן מען ציִען אַן אַנאַלאָגיע פון די קאַזעמאַטן אין וועלכע עס האָט זיבן יאָר געשמאַכט דער מהר"ם אַפילו צו זיבן טעג, זיבן שעה, זיבן רגעס אין דאַכאַו ? איז עס בכלל מעגלעך ? דעמאָלט, מיט 658 יאָר צוריק, האָט מען פאַרן איינאונאיינציקן אַרעסטאַנט, דעם גײַסטיקן מנהיג פון אַשכּנזער ייִדן, געפּאַדערט הויכן כּופר. מען האָט אָבער — דעם הערצאָג אַליין אײַנגעשלאָסן — געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. נישט געוואָלט אים אומברענגען. עס האָט זײַן משפּחה, זײַנע תּלמידים און מקורבים און די אַנדערע ייִדן, קיין סכּנה נישט געדראָט. דערצו איז מען אין מיטלאַלטער נאָך נישט דערגאַנגען. ער האָט אין זײַן צעלע געמעגט לייענען און שרײַבן,

אויפנעמען באזוכער, ענטפערן אויף שאלות, וואס מען האט צו אים פון איבעראל געשיקט. זיין קערפער איז געווען געפאנגען. זיין גייסט איז געווען פריי. די וואס האבן זיך פאר אים משתדל געווען איז קיין האר פון קאפ נישט אראפגעפאלן. נאך פערצן יאר האט מען נאך געקאנט אויסקויפן זיינע שטערבלעכע רעשטן. די דייטשע טעכניק האט נאך נישט דערגרייכט ביז צו קרעמאטאריעס.

פארשטייט זיך, אז דער מהר״ם איז א רינג אין דער קייט פון יידישן ליידן, וואס האבן זיך געצויגן ביז אים און נאך אים און ער האט זיך איינגעפלאכטן אין דער אייזערנער קייט פון יידישע קרבנות, אויך די פון ת״ש-תש״ד. ס׳איז בלויז א ספק אויב די לעצטע האבן געהאט וואס אפצולערנען פון אים, זיין אויפפירונג און האלטונג.

א גרויסמאכט מאביליזירט אירע אלע רעסורסן — מיליטערישע, פינאנסיעלע, פאליציייאישע, פראפאגאנדיסטישע און וויסנשאפטלעכע, כדי דניאלען אן אויס־געהונגערטן, אן אויסגעמאטערטן, א הילפסלאזן און מאכטלאזן צו דערהרגענען. אין יעדן ארט, אונטער אלע באדינגונגען, נישט איבערקלייבנדיק אין מיטלען און נישט אפשטעלנדיק זיך פאר די ראפינירסטע גרויזאמקייטן, צוליב וועלכע זיין שרעק־לעכער טויט ווערט פארוואנדלט אין א גרויזאמער אויסלייזונג, פאדערט מען פון אים ער זאל ״שטארבן מיט כבוד״. אים ברענגט מען אהאסוער פון דאכאו, כדי אים באווייזן ווי אזוי דער מהר״ם לעבט און שטארבט אין די דייטשע מיטל־אלטערלעכע פעסטונגען ״מיט כבוד״, ווארעם ער דערלויבט נישט צו צאלן פאר זיך קיין קאנטריבוציע...

די דניאלס האט קיין קאנטריבוציע נישט געהאלפן. זיי האבן זי באצאלט איידער מען האט זיי אין די תפיסות און טויט־לאגערן געשיקט. זייערע פייניקער און מערדער, וואס האבן דעם צלם אלוקים לאנג שוין פארלוירן, האבן זיך עפעס וואס געמאכט פון מענטשלעכער ובפרט פון יידישער ווערדע?

ווען האט מען דא געוואלט לערנען ״למות בכבוד״? און אויסהאלטן איין טאג אין דאכאו איז קיין כבוד נישט? און אז יידישע, ישראלדיקע יונגעלייט, ספארטלער, געזונטע, יונגע, אלע אויסגעדינטע אין קאמף־אייניקייטן פון צה״ל, זיינען אין א פרידלעכער צייט, אין א כלומרשט פריינטלעכער סביבה, געפירט געווארן ״כצאן לטבח״ האבן זיי געקלערט וועגן ״למות בכבוד״? וואלט איינער פון זיי געהאט געוואר וואלטן זיי זיך נישט אנטקעגנגעשטעלט? זיי האבן עס אבער נישט געהאט. אזוי ווי דניאל. אזוי ווי הונדערטער טויזנטער דניאלס אין יענע טראגישע צייטן, ביי וועלכע מען האט שפעטער געפאדערט אן ענטפער הלמאי זיי האבן נישט באמיט צו ״שטארבן בכבוד״. און אויסדויערן אין א לאך, אין א מעלינע, אויף א בוידעם, אין א מויזן־לאך, אין א חזיר־שטאל איז קיין כבוד נישט? איז נישט קיין העלדישקייט?

וואס האט שוין דניאל פון 1944 געקאנט אפלערנען פונעם מהר״ם אין

1286-1293 ? לויט לייוויקן האָט מען אין דאַכאַו "געשלאָגן", און מער גאָרנישט ?

איז טאַקע די ערשטע סצענע פֿון דער פּיעסע, די איינציקע סצענע וואָס דאַרף שילדערן דניאלס רעאַליטעט, אַזוי נישט רעאַל און די געשטאַלטן, וואָס דאַרפֿן זי פֿאַרשטעלן, שטרײַכן אַן איבעריק מאָל אונטער, ווי פֿאַלש לייוויק האָט געזען און פֿאַרשטאַנען, די דאַכאַוער, די נאַצישעווירקלעכקייט.

דניאל איז די שוואַכסטע פֿיגור אין דער דראַמע, נישט נאָר ווײַל די לאַגער־באַדינגונגען האָבן אים דערצו דערפֿירט, נאָר דערפֿאַר ווײַל לייוויקס פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט איז צו שוואַך, צו אָרעם אין פֿאַרגלײַך מיטן נאַצישן קאָשמאַר, כּדי אים באַשענקען מיט וויטאַליטעט. די ווערטער זײַנע, ווען אַהאַסווער דערלויבט אים שוין יאָ זיי צו ברענגען פֿאַר די ליפּן, זײַנען אומבאַהאָלפֿן אַנעמיש, "פּאַרעווע" — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — איבערצײַגן נישט, רײַסן נישט מיט, זאָגן כּמעט ווי גאָרנישט. נישט נאָר דער מהר״ם, וועלכער קאָן זיי נישט פֿאַרשטיין — און אין די געגעבענע באַדינגונגען איז עס נאַטירלעך — זיי זאָגן אויך גאָרנישט דעם לייענער. זײַנע ווערטער פֿעלט דער ברען, דער אייפֿער, וואָס וואָלט געדאַרפֿט אויפֿרודערן די נשמה, אַנטפּלעקן יענעם אמת, וועלכן אים קומט אויס דורכלעבן אין דאַכאַו און באַווײַזן דאָס פֿאַרקערטע, אַז אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנע ייסורים, זײַנען נישט נאָר די יסורים פֿונעם מהר״ם אַ קלייניקייט, נאָר אויך די גבֿורה און גרויסקייט זײַנע מוזן לויט אַנדערע דימענסיעס געמאָסטן ווערן. דער "פּריִער" איז נישט גלײַך צום "שפּעטער", נישט נאָר צוליבן צײַט־אָפּגרונט וואָס שפּרײט זיך אויס צווישן זיי, נאָר צוליבן תּהום וואָס טיילט די באַדינגונגען אין וועלכע אויף זיי איז נגזר געוואָרן צו לײַדן און אומצוקומען, אַן אומקום נאָך וועלכן עס איז קיין אויפֿקום כּמעט ווי נישט מעגלעך.

ווי טרויעריק דאָס זאָל נישט זײַן, מוז מען לײדער קומען צום אויספֿיר, אַז דער פּרוּוו פֿון אַקטואַליזירן האָט דעם ציל נישט דערגרייכט. דער קפֿיצת הדרך אויף צוריק האָט זיך נישט אײַנגעגעבן. דער פֿאַרמעסט דורכצופֿירן אַ פּאַראַלעל צווישן דער פֿאַרגאַנגענהייט און דאַכאַוער הײַנטצײַטיקייט שאַפֿט צום באַדויערן אַ די־סאָנאַנס, וואָס שטערט די איינהייטלעכקייט פֿון קינסטלערישן מײַן און שוואַכט אָפּ דעם אַלגעמיינעם רושם.

אין פֿאַרגלײַך מיט דניאלען, מיט דעם וואָס אים קומט אויס אויסצושטיין, ווערט דעם מהר״מס געשיכטע פֿאַרוואַנדלט אין אַן אינטערעסאַנטער, שיינער מעשׂהלע פֿון פֿאַרצײַטן, וואָס דערמאָנט אין סוף פֿון פּרצעס "דרײַ מתּנות". "זיי זײַנען אויסטערליש שיין... צוניץ קומען זיי נישט. גאָרנישט לתּשמיש, אָבער לנױ — אויסטערליש".

דב נוי

ה. לייוויקס פֿאַרניגונטע לידער

די אַרבעט באַשטייט פֿון 4 טיילן: א. אַרײַנפֿיר; ב. רשימה פֿון 91 לידער און באַמערקונגען צו זיי; ג. זוכצעטל; ד. ביבליאָגראַפֿיע.

א. אַרײַנפֿיר

די רשימה פֿון לייוויקס לידער, וואָס פֿאַרמירט דעם צווייטן, עיקרדיקן טייל פֿון דער איצטיקער אַרבעט, פֿאַרמאָגט 91 לידער. 50 פֿון זיי זײַנען נומערירט און 41 ניט־נומערירט. דער חילוק צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס דרינגט אַרויס דערפֿון, וואָס די רשימה פֿאַרמאָגט ניט נאָר 50 ״פֿאַרניגונטע לידער״, דאָס הייסט לייוויקס לידער וואָס זייער מעלאָדיע איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן ספּעציעל פֿאַר זיי, נאָך דעם וואָס דער פּאָעט האָט זיי געשאַפֿן, נאָר אויך 41 לידער וואָס האָבן אַ ״מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל״: אָדער אַן אַלטע, פֿאַרשפּרייטע און באַקאַנטע מעלאָדיע, אָדער אַ קלאַנג־אויספֿירונג, אָדער אַ מעגלעכקייט צו ווערן פֿאַרניגונט.

אין דער אמתן פֿאַרמאָגט די רשימה 145 איינסן, אָבער 54 פֿון זיי זײַנען ניט־אַנאָטירטע אַפּשיק־פּאָזיציעס, אָן באַמערקונגען. בסך־הכּל קען מען אײַנטיילן די איינסן פֿון דער רשימה אין דרײַ גרופּעס:

א. 50 פֿאַרניגונטע (נומערירטע און אַנאָטירטע) לידער;

ב. 54 ניט־נומערירטע אַפּשיק־פּאָזיציעס פֿון ליד־קעפּל צו דער הויפּט־פּאָזיציע (דעם אָנהייב) פֿונעם ליד;

ג. 41 ניט־נומערירטע אָבער אַנאָטירטע לידער, וואָס לויט אונדזער אויבנדיקער דעפֿיניציע געהערן זיי ניט צו דער קאַטעגאָריע פֿון ״לייוויקס פֿאַרניגונטע לידער״, כאָטש ס׳איז פֿאַראַן אַ טעאָרעטישע מעגלעכקייט דערצו.

די ווײַטערדיקע פּאַראַגראַפֿן דערקלערן דעם מעטאָד פֿון דער קלאַסיפֿיקאַציע, לויט די דרײַ אויבן פֿאַרצייכנטע גרופּעס, וואָס נאָר צוויי פֿון זיי (א און ג) פֿאַרמאָגן באַמערקונגען:

א. די פֿאַרניגונטע לידער. דער ווערב ״פֿאַרניגונען״ און דער טערמין ״פֿאַרניגונט״ קומען גאָר זעלטן פֿאָר אין דער יִידישער עטנאָמוזיקאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן דעם פּראָצעס פֿון צופּאַסן אַ מעלאָדיע

צו אַ טעקסט, איז דער באַניץ מיט זיי, זייערע בייגונגען און זייערע דעריוואַטיוון אַ סך לײַכטער, און דערפֿאַר זײַנען זיי אונדז ליבערשט ווי "פֿאַרטאַנען", "קאָמ־פּאָנירן", "פֿאַרפֿאַסן מוזיק", און אַנדערע ענלעכע טערמינען.

ב. די אַפּשיק־פּאָזיציעס. ניט תּמיד איז דער טיטל (דאָס קעפּל) פֿון לייוויקס אַ ליד אידענטיש מיט זײַן אָנהייב, ד"ה מיט זײַן ערשטער שורה. פֿאַר אונדז איז מאַסגיביק דער אָנהייב פֿונעם ליד (דאָס "אינציפּיום" אין דער עטנאָמוזיקאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע), כאָטש לידער בכלל און פֿאָלקסלידער בפּרט זײַנען אָפֿט מאָל מער באַקאַנט אין פֿאָלק אַדאַנק זייער קעפּל ווי אַדאַנק זייער אָנהייב. פּג"ל די הימנען "התקווה", "די שבֿועה", "דער אינטערנאַציאָנאַל" און "די מאַרסעליעזע", צונזערס "די סאָכע", לייוויקס "אייביק". מאַסגיביק פֿאַר אונדז איז אויך דעם פּאָעטס אַרויסזאָג וועגן די אָנהייב־שורות פֿון זײַנע לידער: "דאָס אויפֿקומען פֿון דער ערשטער שורה שפּילט בײַ מיר די הויפּטראָלע... ווען עס קומט אויף די ערשטע שורה, אָדער די ערשטע צוויי שורות, ווערן זיי ווי אַ צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַר די ווײַטערדיקע שורות..." (עפּייען [1], ז' 15).

מיר האָבן די לידער אויסגעסדרט און נומערירט לויט דעם אלף־בית סדר פֿון זייערע אָנהייבן, אָבער געגעבן די קעפּלעך אין געענדזנפּיסלעך, סײַ אין האַלבע לבנות נאָך דעם ליד־אָנהייב, און סײַ ווי אַ באַזונדערע פּאָזיציע אויף זייער געהעריקן אלף־בית אָרט אין דער רשימה. אַזוי, למשל, קומט די באַמערקונג צום ליד "אייביק" אונטער נ' 16 (די וועלט נעמט מיך אַרום), אָבער ס'איז אויך דאָ אַ ניט־נומערירטע פּאָזיציע "אייביק", וואָס האָט אַן אַפּשיק צו נ' 16. עס טרעפֿט זיך אַז אַ ליד האָט 2 און אַפֿילו מער קעפּלעך (זע נ' 17), ווײַל בשעת אַן איבערדרוק האָט אַ רעדאַקטאָר אָפֿט מאָל געגעבן דעם ליד אַ נײַ (זײַן אייגן!) קעפּל, און אַזוי איז זיך ניט איין מאָל נוהג אויך אַ קאָמפּאָזיטאָר. אויך אין אַזאַ פֿאַל האָט יעדעס קעפּל אַן אַפּשיק צו דער אָנהייב־שורה, דאָס הייסט צו דער אַנאָטירטער הויפּט־פּאָזיציע.

אויב דאָס קעפּל פֿונעם ליד איז אידענטיש אָדער גאָר ענלעך מיט זײַנע ערשטע ווערטער (למשל, נ' 13: גייט מען זיך לאַנג; "גיין דאַרף מען גיין"), ווערט עס ניט געבראַכט ווי אַ באַזונדערע פּאָזיציע. אויב די ערשטע שורה איז נאָר אַן אָנהייב פֿון אַ זאַץ, ווערט געבראַכט אויך די צווייטע שורה; אַזוי איז די פּאָזיציע מרמז צו דעם לידס אינהאַלט אָדער מיין, וואָס ניט תּמיד קומען זיי צום אויסדרוק אין דער ערשטער שורה. די שורות זײַנען אָפּגעטיילט פֿון זיך דורך אַ דיאַגאָנאַל־סימן (/).

ג. די ניט־נומערירטע איינסן. צו דער גרופּע געהערן די פֿיר ווײַטערדיקע אונטער־גרופּעס:

ג1. לייוויקס איבערזעצונגען וואָס זייער אָריגינאַל האָט שוין געהאַט אַ גוט באַקאַנטע מעלאָדיע;

ג2. לידער וואָס מע קען זיי זינגען, און אַ טייל פֿון זיי האָט מען טאַקע

געזונגען, לויט אַ באַקאַנטער מעלאָדיע, ווײַל זיי פֿאַרמאָגן אַ קלאָר און קענטיק אָנצוהערעניש צו אַן אַלט, געזונגען ליד, וואָס זײַן מעלאָדיע איז געווען גאָר באַקאַנט. אָפֿט מאָל האָט לייוויקס נײַ ליד דעם זעלביקן פּראָזאָדיש־מוזיקאַלישן געבוי ווי דאָס אַלטע, אָנגעדײַטעטע און געזונגענע ליד, און עס ״בעט זיך״ געזונגען צו ווערן;

ג3. לידער וואָס מיר האָבן ניט קיין ידיעה אַז זיי זײַנען פּאַקטיש פֿאַרניגונט געוואָרן (כאָטש טעאָרעטיש עקזיסטירט אַזאַ מעגלעכקייט), אָבער עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז לייוויק האָט זיי באַשטימט (אפשר אומבאַוואוסטזיניק, בשעת ער האָט זיי געשאַפֿן), ווי לידער וואָס מע קען זיי זינגען, און זיי וועלן דערפֿאַר פֿאַרניגונט און געזונגען ווערן. לייוויק האָט געהאַלטן אַז ״דעם גרעסטן ווערט״ האָבן ״די לידער וואָס ווערן געזונגען״, און זייער ווערט וואַקסט אויס ״ווײַל זיי ווערן געזונגען״ (עסייען, ז׳ 196; זע אונדזער באַמערקונג צו ״אַ, גוטע פֿרײַנד״; לייוויקס ווערטער זײַנען טאַקע געשריבן געוואָרן וועגן דוד עדעלשטאַט, אָבער זיי שפּיגלען אָפּ דעם דיכטערס אַלגעמיינע פּאָעטישע אָנשויאונג). דעריבער איז עס ניט קיין וואונדער וואָס אַ סך פֿון לייוויקס לידער פֿאָלגן נאָך עטנאָמוזיקאַלישע פּרינציפּן וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר געזונגענע פֿאָלקסלידער, צווישן זיי: צום מערסטן 5־6 סטראָפֿעס, איבערחזרונגען, קורצע שורות, לײַכטע שפּראַך, ניט געקינצלטע גראַמען (א־ב־ג־ב). מיר האָבן די דאָזיקע לידער, וועלכע בעטן זיך צו ווערן פֿאַרניגונט און געזונגען (דאָס איז אויך מסתּמא געווען לייוויקס ניט תּמיד אויסגעדריקטער באַגער), אַרײַנגעשלאָסן, ניט־נומערירט, אין אונדזער רשימה, טאָקע צוליב זייער באַשײַמפּערלעך עטנאָמוזיקאַלישן כאַראַקטער און פּאָטענציאַל.

ג4. לידער וואָס זייער טעקסט־קלאַנג איז פּאַראייביקט געוואָרן דורך אַ וואָרט־קינסטלער, אַ רעציטאַטאָר, אויף פּלאַטעס (דיסקן) אָדער קלאַנגטאַשמעס, וועלכע זײַנען קאָמערציעל דערגרייכיק. יעדע קינסטלערישע אויספֿירונג פֿון אַ ליד ברענגט אַרויס זײַנע מעלאָדישע עלעמענטן און זײַן מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל. אויך די פּאָזיציעס אין דער דאָזיקער לידער־גרופּע זײַנען ניט נומערירט.

לאָמיר אילוסטרירן די פֿיר אונטער־גרופּעס פֿון דער דריטער קאַטעגאָריע:

ג1. לייוויק איז געווען אויך אַן איבערזעצער. צווישן די פֿון אים איבערגעזעצטע לידער זײַנען פֿאַראַן די צוויי באַרימטע אַרבעטער־הימנען, וועלכע ייִדן האָבן געזונגען אויף ייִדיש אַ סך יאָרן פֿאַר דעם וואָס לייוויק האָט זיי ווידער אַ מאָל פֿאַרייִדישט: די ״מאַרסעליעזע״ וואָס ער האָט זי ״פֿרײַ באַאַרבעט״ און דער ״אינטערנאַציאָנאַל״. מע קען זיך טאַקע באַציִען צו אַ ליד, איבערגעזעצט דורך אַ גרויסן פּאָעט, ווי צו אַן אָריגינעלער שאַפֿונג און זען דעם דיכטערס איבערזעצונג ווי זײַן אייגענע שאַפֿונג (כאָטש לייוויק האָט קיינמאָל ניט אַרײַנגעשלאָסן זײַנע איבערזעצונגען אין די אָפּקלײַבן פֿון די לידער פֿאַרעפֿנטלעכט אין זײַנע ביכער); אָבער דער פּראָצעס פֿון דער פֿאַרטאָנונג פֿונעם ליד איז אין אַזאַ פֿאַל

תמיד געשען אין דער פאַרגאַנגענהייט, לגבי דעם אַלטן אָריגינאַל, און ניט לגבי דעם נײַ־איבערגעזעצטן טעקסט. דערפֿאַר האָבן מיר די דאָזיקע גרופּע אויסגעשלאָסן פֿון דער נומעראַציע, כאָטש מײַן ברודער מאיר נוי, דער אויסגעצייכנטער קענער פֿון דעם ייִדיש־פֿאָלקסליד, וועלכער פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פֿאַר ליטעראַרישער פֿאָלקסטימלעכקייט, האָט זיי יאָ אַרײַנגענומען אין זײַן נוי 1989.

ג2. אָנהייבנדיק זײַן ליד אין אָנדענק פֿון דויד עדעלשטאַט, מיט די ווערטער "אָ, גוטע פֿרײַנד, ווען איך וועל שטאַרבן", איז לייוויק בלי ספק מרמז צו דעם ליד "מײַן צוואה" פֿונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן דיכטער, געשריבן (מיט דער זעלביקער ערשטער שורה) און געזונגען אַ סך יאָרן פֿאַר לייוויקס אַרײַנטריט אין דער ייִדיש־ליטעראַטור. לייוויק האָט געשריבן זײַן ליד לויטן ריטעם פֿון עדעל־שטאַטס "צוואה", און דאָס דערמעגלעכט דאָס זינגען פֿונעם נײַעם טעקסט לויט דער אַלטער מעלאָדיע. אין לייוויקס ווערק, דערעיקרשט אין זײַנע "דראַמאַטישע פּאָעמעס" זײַנען פֿאַראַן אַ סך ענלעכע פֿאַלן; זע אונדזערע באַמערקונגען צו "אַז הירשקע איז פֿון שטוב אַרויסגעגאַנגען", און "כּלהשע, כּלה, ניט וויין". אויך די דאָזיקע פּאָזיציעס האָבן מיר געלאָזט ניט־נומערירט; די מעלאָדיעס האָבן דאָך שוין עקסיסטירט און זײַנען ניט געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעל פֿאַרן נײַעם טעקסט. אַזוי ווי לייוויק דער דראַמאַטורג באַניצט זיך מיט דער "הירש לעקערט"־פֿאָלקס־באַלאַדע און מיט דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פֿונעם "כּלה־באַוויינען", אַזוי באַניצט לייוויק דער פּאָעט אין זײַן "באַלאַדע פֿון דעם דענווער סאַנאַטאָריום" אַ פֿולע סטראָפֿע פֿון עדעלשטאַטס "מײַן צוואה". די באַניצטע טעקסטן, סײַ אין די דראַמעס [2] און סײַ אין דער באַלאַדע, לאָזן זיך זינגען לויט זייערע אַלטע און באַקאַנטע מעלאָדיעס, וועלכע האָבן געלעבט אין פֿאָלק אויך פֿאַר לייוויקס באַניץ.

ג3. אין לייוויקס לידער־אוצר זײַנען פֿאַראַן אַ סך לידער געשריבן באַשײַם־פּערלעך אויפֿן סמך פֿון פֿאָלקס־מאָטיוון און שטאַרק באַאײַנפֿלוסט פֿון זיי. אַ טייל פֿון די דאָזיקע לידער פֿאַרמאָגן אָנהייב־שורות און קעפּלעך וואָס זײַנען אָנצוהערענישן צו באַקאַנטע זינגלידער ("אויפֿן פֿעלד שטייט אַ בוים", "בערל שפּילט אויפֿן פֿידל, שמערל אויפֿן באַס", "דאָרטן וואו די צעדער" און נאָך; אַ טייל זײַנען כּולל צוגאָבן צום קעפּל, אין וועלכע דער פּאָעט פֿאַרבינדט זײַן ספּעציפֿיש ליד מיט אַ פֿאָלקסשאַפֿערישן זשאַנער ("פֿאָלקיש", "וויגליד" [3]). אָדער גיט בפּירושדיקע אָנווײַזן, אַז דאָס ליד דאַרף געזונגען ווערן (פֿג"ל דעם ציקל פֿון 6 לידער באַשטימט "פֿאַר גאַסן־קלעזמער צום זינגען"; זע אונדזער באַמערקונג צום ליד: אויפֿן בוידעם קלאָגט דער דאַך). די לידער, און ניט נאָר די מיט בפּירושדיקע אָנווײַזן, פֿאַרמאָגן בדרך־כּלל אַ סך פֿון די עטנאָמוזיקאַלישע פֿאָלקס־ליד־סימנים. אַ טייל פֿון די לידער זײַנען פֿול מיט "קלאַנג", "זינגען", "געזאַנג", און אַנדערע מוזיק־ און זינג־טערמינען [4]. אין געוויסע לידער זעט זיך דאָס אָן אין די קעפּלעך, אין אַנדערע — אין דעם טעקסט גופֿא [5].

4ג. אַ סך פון לייוויקס לידער זײַנען פּאַראײַביקט אויף פּלאַטעס און טאַשמעס דורך באַוואוסטע ייִדיש־רעציטאַטאָרן און אויסגעצייכנטע וואָרט־קינסטלערס, וואָס יעדער פון זיי אינטערפּרעטירט און רעאינטערפּרעטירט, אויף זײַן אייגענעם אופן, אין זײַן ווערבאַלער קונסט, דעם דיכטערס שאַפן און אַנזאָג פּונקט אַזוי ווי די קלאַנג־קינסטלערס, די זינגערס, טוען דאָס בשעת זיי באַניצן די שײַכדיקע מעלאָדיע אין זייער מוזיקאַלישער אויספירונג. די פאַרצייכנטע דורך אונדז וואָרט־אויספירונגען געפינען זיך אין ביבליאָטעקן, פאָנאָטעקן, אַרכיוון און פּריוואַטע זאַמלונגען, וואו זיי שטייען צום באַניץ פון צוהערערס, סטודענטן און פאָרשערס. אַזוי זײַנען זיי צוגענגלעך פאַרן ברײַטן עולם ווי אַ טייל פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע ליטעראַרישע מאַסן־מעדיומס. לייוויקס פאַרטאַנטע־רעציטירטע אָבער ניט פאַרניגונטע־געזונגענע לידער שטעלן מיט זיך טאַקע פאָר אַ באַזונדערע אונטער־גרופּע, אָבער אַזוי ווי זיי זײַנען ניט פאַרניגונט, האָבן מיר זיי אויסגעשלאָסן פון אונדזער נומעראַציע.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז די רעציטאַטאָרן האָבן אַרײַנגעשלאָסן אין זייערע רעפּערטואַרן אַ סך פון די לידער וואָס זײַנען אויך פאַרניגונט געוואָרן, דאָס הייסט אָפּגעקליבן געוואָרן דורך קאָמפּאָזיטאָרן. דער דאָזיקער אָפּקלײַב־קאָרעלאַציע צווישן די קאָמפּאָזיטאָרן און וואָרט־קינסטלערס איז כּדאַי צו ווידמען אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. מיר האָבן על־כּל־פּנים ניט אַרײַנגעשלאָסן אין אונדזער רשימה לידער וואָס פאַרמאָגן טאַקע, לויט אונדזער "טעם" (וואָס איז תּמיד סוביעקטיוו...), אַ מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל, און דאָך זײַנען זיי ניט פאַרניגונט, ניט רעציטירט, און ניט אויסגעפירט געוואָרן פאַרן ברײַטן עולם.

די מערסטע פון די 91 לידער, וואָס זײַנען אָנאָטירט אין אונדזער רשימה, סײַ די 50 נומערירטע און סײַ די 41 ניט־נומערירטע, זײַנען מעלאָדיש און ריטמיש, און האָבן אַן אויסערגעוויינטלעכן מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל, וואָס איז כּמעט ניט אויסגעניצט געוואָרן. לגבי געוויסע ניט־נומערירטע לידער זײַנען דאָ זכרונות און עדותשאַפטן, אַז מען האָט זיי יאָ ערגעץ וואו, ערגעץ ווען געזונגען. אַזוי למשל האָבן מיר געהערט אַז לייוויקס ליד "אויפן פעלד שטייט אַ בוים" האָט מען אויפגעפירט און געזונגען אין אַ בוענאָס־אײַרעס־שול (לויט דער באַקאַנטער פאָלקסמעלאָדיע פון "אויפן וועג שטייט אַ בוים... פאָרט אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל"; שוין אין ג"מ 1901 ב' 14, מיטן אָנהייב "אין מיטן וועג..."). דאָס איז על־פּי־שמועה געשען נאָך דעם אַרויסלאָז אין אַרגענטינע פון לייוויקס בוך בלאַט, וואו זײַן ליד איז געווען געדרוקט. מיר קענען אָבער ניט אָננעמען קיין שמועות ווי פאַקטן, און פון פאַרנפעלדיקע דערמאָנונגען ביז דערוויזענע און באַשטעטיקטע עדותשאַפטן איז אַ ווײַטער מהלך...

דערמאָנענדיק אין דעם פריִערדיקן פּאַראַגראַף דעם ניט־אויסגעניצטן (אין

דער ייִדישער מוזיק) אוצר און פּאָטענציאַל פון לייוויקס מעלאָדישקייט, זעען מיר אין דער פראַגע, פאַרוואָס עס האָט זיך ניט געפונען קיין ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס זאָל האָבן אויף אַן אינטענסיוון אופן פאַרניגונט לייוויקס לידער אין די 20טער און 30טער יאָרן, נאָענט צו דער צײַט פון זייער אַנטשטיין, ווען אַ לעבעדיק, ייִדיש זינגענדיק פאָלק האָט נאָך עקסיסטירט, אַן אַנגעוווייטיקטע און האַרבע קשיא. די קשיא ווערט נאָך האַרבער, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם ווייטערדיקן פאַקט: די גאָר ווייניקע לידער וואָס זײַנען יאָ פאַרניגונט געוואָרן און ניט נאָר מצד איין איינציקן קאָמפּאָזיטאָר, די דאָזיקע לידער האָבן זוכה געווען אַרײַנצודרינגען אין פאָלק אַרײַן, און אַ סך געזונגען צו ווערן. פאַרוואָס זשע האָבן זיך די קאָמ־פּאָזיטאָרן באַגנוגנט מיט מעלאָדיעס נאָר צו געציילטע לידער און ניט געשעפּט מיט פולע עמערס פון לייוויקס קוואַלן? ניט אויסגעניצט לייוויקס (ניט פאַרבאַטענע און ניט פאַרשאַטענע!) אוצרות? און פאַרוואָס האָבן זיי לכתחילה ניט אַנטדעקט אין לייוויקס פּאָעטישע ווערק די מעלאָדישע לידער וואָס האָבן אַן אויסערגע־וויינלעך צוזאַגנדיקן פאָלקס־פּאָעטישן און פאָלקס־מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל? די אַנטדעקונג איז געקומען פאַרהעלטנישמעסיק זייער שפּעט. אַפילו די מעלאָדיעס צו די לידער, וועלכע דאָס פאָלק האָט "אַנגענומען" און געזונגען, זײַנען געשאַפן געוואָרן יאָרן לאַנג נאָך דעם ווי די לידער האָבן זיך געדרוקט. דאָס ווערט קלאָר פאַר יעדן וואָס פאַרגלײַכט אין אונדזער רשימה די דאַטעס ווען עס האָבן זיך געדרוקט די ווערטער און ווען די מעלאָדיעס פון די לידער ווי "לייג דײַן קאָפּ", "ערגעץ ווײַט", "שלאָף, שלאָף, שלאָף" און אַנדערע.

*

אונדזער ביבליאָגראַפיע איז ניט דער ערשטער פרווו צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פון לייוויקס פאַרניגונטע לידער. אונדזערע פאַרגייערס אויף דעם געביט זײַנען: שמואל ראָזשאַנסקי (ראָזשאַנסקי 1963 ז' 310: "מוזיק געשאַפן צו לייוויקס לידער"; 22 איינסן, 9 פון זיי געדרוקטע און 13 "אין מאַנוסקריפּט". אַ סך פון דער מוזיק "אין מאַנוסקריפּט" באַשטייט פון מעלאָדיעס צו לייוויקס דראַמעס) און מאיר נוי (נוי 1989; 42 איינסן).

ניט ווי די אויבנדיקע רשימות, וועלכע פאַרצייכענען נאָר נעמען פון לידער און פון זייערע קאָמפּאָזיטאָרן, איז אונדזער רשימה אַנאָטירט און ווײַכט גאָר אָפּט אָפּ פון די רעמלעך פון אַ וויסנשאַפטלעכער, אַנאָטירטער ביבליאָגראַפיע. אָפּט מאָל ווײַכן מיר אָפּ פון די דעסקריפּטיווע ביבליאָגראַפישע פּרטים, דערעיקרשט צוליב צוויי סיבות: 1. כּדי צו באַרירן פּראָבלעמען פון פּאָעטיק און פאָלקס־שאַפונג, פון שאַפערישער עטיק און דער באַציאונג פונעם קאָמפּאָזיטאָר צו דעם דורך אים פאַרניגונטן ליטעראַרישן טעקסט; 2. כּדי צו באַהאַנדלען ליטעראַרישע פראַגעס פאַרבונדן מיט דער פּראָזאָדיע און מאָטיוויק פונעם אַנאָטירטן ליד.

דערפאַר איז די ווײַטערדיקע ביבליאָגראַפיע אַ סך ברייטער ווי אָנגענומען אין ענלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן: יעדע פון די 91 (50 נומערירטע און 41 ניט־נומערירטע) באַמערקונגען באַשטייט פון דרײַ טיילן: 1. דאָס קעפּל; 2. הערות צו דעם ליטעראַרישן טעקסט (דער טייל פאַרמאָגט אָפּט צוגאָבן און דיגרעסיעס); 3. הערות צו דער מוזיק און דעם קלאַנג, ד״ה צו דער מעלאָדיע און צו דער געזאַנג־ אָדער וואָרט־אויספירונג. דער דאָזיקער לעצטער טייל פון דער באַמערקונג, הייבט זיך בדרך־כּלל אָן: מעל(אָדיע) אָדער רעצ(יטאַציע).

בהסכּם מיט דעם באַשטייט יעדע באַמערקונג פון די פאָלגנדיקע דרײַ הויפּט־טיילן און זייערע אונטער־טיילן:

1. די אָנהייב־שורה (און דאָס קעפּל) פונעם ליד, וואָס איז אויך דאָס קעפּל פון דער באַמערקונג;

2א. פאַרווײַזן צום מקור פונעם ליד אין לייוויקס ווערק;

2ב. פאַרווײַזן צו איבערדרוקן פונעם ליד, מיט אָדער אָן מעלאָדיעס (נאָטן), אין זאַמלונגען און אַנטאָלאָגיעס, וועלכע זײַנען אַ סך צוגענגלעכער פאַרן הײַנט־צײַטיקן ייִדיש־לייענער און ייִדיש־סטודענט ווי לייוויקס געזאַמלטע אָדער איינצלנע ווערק וואָס זײַנען נאָר גאָר זעלטן בנמצא אין הײַנטצײַטיקע עפנטלעכע און פּריוואַטע ייִדיש־ביבליאָטעקן, באַזונדערס באַ יונגע לייענערס. מיר האָבן אין זינען דערעיקרשט די אַנטאָלאָגיעס: ראָזשאַנסקי 1963 (אויך אַנדערע זאַמלונגען אין דער סעריע ״מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור״, וועלכע ווערן אַ סך באַניצט ווי טעקסט־ביכער אין אָפּטיילן פאַר פאַרגעשריטענע ייִדיש־לימודים), מלאָטעק 1974, קאַץ־קאַפּשטיין 1976 (אופּק 1983) און וזק״ל 1982־1987;

2ג. פאַרווײַזן צו העברעאישע איבערזעצונגען, וואָס אויב זיי זײַנען ״גוט געמאַכט״, זײַנען זיי מוזיקאַליש צוגענגלעך פאַרן העברעאיש זינגענדיקן עולם, אַזוי ווי דער ייִדיש־אָריגינאַל איז אָנגענומען בײַ די בעלי־נגינה אין ייִדיש;

2ד. פאַרגלײַכיקע פאַרווײַזן צו לייוויקס געזונגענע מקורים, ווי אַ שטייגער אַ פאָלקסליד, אָדער אַ זינגליד פון אַ פריערדיקן מחבר, אָדער מאָטיוון, וואָס לייוויק אַליין לאָזט אונדז אָנצוהערן זייער נאָמען אָדער כאַראַקטער.

3. פאַרווײַזן צו זאַמלונגען פון ייִדישע זינגלידער, וואו דאָס פאַרניגונטע ליד איז פאַרעפנטלעכט מיט די נאָטן, אָדער צו אַ פּלאַטע אָדער קלאַנג־טאַשמע, וואו דאָס ליד איז אויסגעפירט דורך אַ זינגער אָדער רעציטאַטאָר.

*

בשעת דעם שרײַבן פון דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר געהאַט אין זינען אויך אירע פּאָטענציעלע ייִדיש־לייענערס. דאָס זײַנען ניט נאָר די ייִדיש־פאָרשערס וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישן זינגליד ווי אַ טייל פון חכמת־ייִדיש; אויך ניט נאָר די אינטעליגענטע ייִדיש־לייענערס

וועלכע געהערן צו לייוויקס מיטצײַטלערס, געדענקען און פֿאַרערן אים, דערעיקרשט ווײַל זיי זײַנען אויפֿגעוואַקסן אויף זײַנע לידער און דראַמעס. ווי די עיקרדיקע פּאָטענציעלע לייענערס זעען מיר די הײַנטצײַטיקע און צוקונפֿטיקע ייִדיש־סטודענטן. אונדזערע ייִדיש־קלאַסן און ייִדיש־לעקציעס, ווי אַ ייִדיש־פּראָפֿעסאָר און ייִדיש־לעקטאָר אויפֿן געביט פֿון ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג, ליטעראַטור און קולטור, בעיקרשט במשך פֿון אַ דרײַ צענדליק יאָר אויף דעם ייִדיש־אָפּטייל פֿון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, און אין די לעצטע פּאָר יאָר אויך אויף דער ייִדיש־קאַטעדרע פֿונעם בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן, ווי אויך אונדזערע קלאַסן און לעקציעס אין צפֿון־ און דרום־אַמעריקע (פּש"א און קאַנאַדע, אַרגענטינע און בראַזיל), אין פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און ראַטנפֿאַרבאַנד (די בר־אילן ייִדיש־סעמינאַרן אין 1990 און 1991 אין אָדעס און מאָסקווע), האָבן אונדז געשטעלט אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אַקאַדעמישער ייִדיש־יוגנט פֿון דעם אַלט־נײַעם מלכות־ייִדיש. מיר זעען אין דער דאָזיקער סטודענטנשאַפֿט ווי אויך אין די איבער־געגעבענע יונגע ייִדיש־לערערס, די האָפֿענונג ניט נאָר פֿון חכמת־ייִדיש, נאָר אויך פֿון אַלגעמיינע ייִדישע לימודים וואָס האָבן צו טאָן מיט דער ייִדיש־אַשכּנזישער קולטור־ירושה און מיט איר ראָלע אין דער קולטור־שאַפֿערישקייט אין ישראל און אין אַנדערע ייִדישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט.

בײַ די ייִדיש־סטודענטן מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט אין די לעצטע יאָרן, איז פֿאַראַן הײַנט־צו־טאָג אַ טיפֿער אידעאַליזם, אַן איבערגעגעבנקייט צו דעם געדאַנק פֿון ייִדיש ווי אַ טייל פֿון ייִדישקייט, און אַ וואַרצלדיקע מאָטיוואַציע, אָבער ס'איז אויך קענטיק בײַ זיי דאָס פֿעלן פֿון אַ געהעריקער באַזע פֿון ייִדישקייט. מיר באַציִען זיך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך צום דורכשניטלעכן סטודענט. חכמת ייִדיש פֿאַרלאַנגט תּלמידי חכמים, און כּדי צו באַזיגן דאָס עם־הארצות וואָס עקסיסטירט בײַ אַ סך פֿון די פּאָטענציעלע סטודענטן מיט זייער גרויסער ליבשאַפֿט און טײַערע כּוונות, מוז מען גיין שטופֿנווײַז. מע דאַרף טאַקע בויען אויף דער אַקאַדעמישער אינטעליגענץ און אינטעלעקטועלער נײַגעריקייט פֿון די סטודענטן — אונדזערע צוקונפֿטיקע וויסנשאַפֿטלער, וועלכע קענען אַרויסדרינגען אַ דבר מתּוך דבר, אָבער אין דער זעלביקער צײַט קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף זייערע פֿריִערדיקע ייִדישע ידיעות און אויף דעם ייִדישן באַגאַזש, וועלכן עס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די ייִדיש־לערנערס און ייִדיש־קענערס מיט צוויי־דרײַ דורות צוריק, אָבער וועלכער עקסיסטירט כּמעט איבערהויפּט ניט בײַ סטודענטן וואָס קומען הײַנט־צו־טאָג "פֿון דער ווײַטן", אָן אַ געהעריקן באַגאַזש.

דערפֿאַר זײַנען אונדזערע באַמערקונגען אין דער פֿאַרליגנדיקער אַרבעט גאָר אָפּט דערקלערעריש, האָבן דידאַקטישע איבערחזרונגען און ברענגען דעטאַלן וואָס קענען אפֿשר אויסזען אין די אויגן פֿון אַ סך ייִדיש־לערערס און ייִדיש־אַקטיוויסטן פֿונעם פֿריִערדיקן דור ווי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך און איבערפֿליסיק.

מיר ווייסן אָבער אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ חכם ווי אַ בעל־נסיון, און זײַנען זיך דערפאַר סומך אויף אונדזער רײַכער דערפאַרונג און נאָענטע קאָנטאַקטן מיט די פּאָטענציעלע לייענערס — סטודענטן, וואָס מע טאָר זיי ניט אָפּשרעקן און אָוועקשטויסן מיט רעדן צו הויך, מיט באַניצן אַ באַזונדערש רײַכן און אידיאָמאַטישן ייִדיש, און מיט אומפאַרשטענדלעכע און אומדערקלערטע אָנצוהערענישן.

מיר האָפן, אַז מיט דער הילף פון דער ביבליאָגראַפיע צום סוף פון דער איצטיקער אַרבעט, וועלן די ערנצטע לייענערס, אַרײַנגערעכנט די סטודענטן, באַניצן אונדזערע באַמערקונגען ווי אַן אויסגאַנגספּונקט אויף צו באַקענען זיך מיט דער לייוויק־ליטעראַטור, סײַ מיט די שאַפונגען פונעם גרויסן פּאָעט און סײַ מיט די קריטישע ווערק וועגן אים. די אַרבעט וועט אויך דינען ווי אַ מאָדעל פאַר ענלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון קעגנזײַטיקע באַציאונגען צווישן פאָלקס־מאָטיוון און ליטעראַטור פון איין זײַט, און צווישן ליטעראַטור און מוזיק פון דער אַנדערער.

*

איך וויל דאָ אַרויסזאָגן מײַן טיפן דאַנק די פינף פרײַנד, וואָס וועלן ניט זייער מיטאַרבעט, וואָלט די איצטיקע אַרבעט, וועלכע איך האַלט פאַר אַ מאָדעל פאַר צוקונפטיקע ענלעכע אַרבעטן, ניט צום שטאַנד געקומען. די רשימה איז לויטן סדר פונעם אלף־בית, און ס'איז אין איר ניטאָ קיין מוקדם ומאוחר; די איינסן דערגאַנצן זיך.

א. יעקב געלמאַן, מײַן דאָקטאָראַנט אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט און דער דירעקטאָר פון דער מוזיק־אָפּטיילונג אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווער־סיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים, האָט אונדז דערלײַכטערט דעם באַניץ מיטן "וואָקס־נוי־אַרכיוו פונעם זינגליד בײַ ייִדן" (אז"י), וואָס איז אַ טייל פון דער ביבליאָטעק;

ב. עדנה היכל, מײַן געוועזענע שילערין און לאַנגיאָריקע מיטאַרבעטערן אין דעם "ישראל פאָלקס־דערציילונג אַרכיוו" (אסע"י, בײַם חיפהער אוניווערסי־טעט), גרייט צו זינט יאָרן (אַמאָל אויף דער שרײַבמאַשין, איצט אויפן קאָמפּיוטער) מײַנע ייִדיש־מאַנוסקריפּטן צום דרוק. אויך דאָס מאָל האָט זי מיר געהאָלפן מיטן כתב־יד, וואָס פאַרלאַנגט, ווי יעדע געהעריקע ביבליאָגראַפישע אַרבעט, באַזונדערע פּינקטלעכקייט און גענויאיקייט;

ג. פּראָפעסאָר גרשון ווינער, דער ראש פון דער רינאַ קאָסטאַ ייִדיש־קאַטעדרע אויפן בר־אילן אוניווערסיטעט און דער אָרגאַניזאַטאָר דאָרט פון דער 1988 אַקאַדעמישער קאָנפערענץ צו לייוויקס 100־יאָריקן געבוירנטאָג, האָט סוגע־רירט די טעמע פון דער אָפּהאַנדלונג און ניט געשפּאָרט קיין באַמיאונגען און מיטלען כדי זי זאָל אַרויסקומען ווערטיק און פולקום;

ד. דימיטרי ט י ש ט ש ע נ ק אָ, מײַן בר־אילן אוניווערסיטעט גראַדואיר־סטודענט פֿון אָדעס, וואָס פּראָפֿ׳ ג. װײַנער האָט אים באַשטימט פֿאַר מײַן פּאַרש־אַסיסטענט מטעם דער בר־אילן ייִדיש־קאַטעדרע, האָט מיר אַ סך געהאָלפֿן מיט ביבליאָטעק־ און אַרכיוו־אַנגעלעגנהייטן;

ה. אַהרון אַחרון חביב (דער אלף־בית סדר באַשטעטיקט עס טאַקע), מײַן ברודער מאיר נ ו י, דער גרינדער פֿונעם אויבנדערמאָנטן פֿאָלקסליד־אַרכיוו און דער אויסגעצייכנטער קענער פֿון דער ייִדישער זינג־טראַדיציע, האָט מיר געענטפֿערט אויף אַ סך פֿראַגעס און מיר דערקלערט אַ סך ענינים וואָס זײַנען מיר ניט געווען קלאָר. עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז פֿאַר די נאָך אַלץ פֿאַרבליבענע בלויזן בין נאָר איך אַליין פֿאַראַנטוואָרטלעך [6].

איך בין מסופק צי כ׳וואָלט געענדיקט די איצטיקע ביבליאָגראַפֿיע, ווען איך וואָלט ניט זוכה געווען צו דער אויסגעשטרעקטער האַנט פֿון די פֿינף ידידים, פֿיר פֿון זיי — מײַנע געוועזענע און איצטיקע תּלמידים. איך האָף, אַז די מיט־אַרבעטנדיקע פֿינף פֿינגער פֿון דער פֿרײַנדלעכער "יד" וועלן מיר אויך העלפֿן צו רעאַליזירן בלי־נדר דעם חלום פֿון צושטעלן צום דרוק דעם דערגאַנצונג־באַנד (פֿאַרגלײַכיקע הערות און נאָטן צו די 369 לידער אין אונדזער אויסגאַבע) פֿון דער ג״מ **1901** קלאַסישער זאַמלונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער.

1 די קיצורים און ראָשי־תּיבֿות ווערן דערקלערט אין דער ביבליאָגראַפֿיע, צום סוף פֿון דער פֿאַרליגנדיקער אָפּהאַנדלונג.

2 אונדזער אַרבעט באַהאַנדלט ניט די לידער אין לײוויקס דראַמאַטישע ווערק. די מערסטע פֿון זיי זײַנען לויט דעם מחברס טיטלען, דראַמאַטישע פּאָעמעס, און די פּאָעזיע אין זיי איז אָפֿט בולטער פֿון דער דראַמע. מיר האָבן אָבער אַרײַנגענומען אין אונדזער רשימה 3 לידער ("אַז הירשקע איז פֿון שטוב אַרויסגעגאַנגען", "די וועלט נעמט מיך אַרום", "כלהשע, כלה, ניט וויין") פֿון 3 פֿאַרשיידענע דראַמעס ("הירש לעקערט", "דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד", "די חתונה אין פֿערנוואַלד"), כּדי זיי זאָלן דינען ווי אַ מאָדעל פֿון לײוויקס באַניצן זיך מיט באַקאַנטע מעלאָדיעס פֿון געזונגענע לידער. אַ סך פֿון לײוויקס דראַמעס זײַנען געווען באַגלייט פֿון מוזיק. אָפֿט איז דאָס געווען דעם דראַמאַטורגס פֿאַרלאַנג און אָנווײַזונג, אָבער מאַנכמאָל איז דאָס געווען דעם רעזשיסערס וואונטש. עס זײַנען דאָ פּיעסעס צו וועלכע עס האָבן געשריבן מוזיק עטלעכע קאָמפּאָזיטאָרן. אַזוי למשל זײַנען געווען צווישן די מחברים פֿון דער מוזיק צום "גולם" (זילבערצווײַג **1934** זז׳ 1063־1061) די באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן: מ׳ מילנער (פֿאַר דער ערשטער "הבימה"־אויפֿפֿירונג פֿון דער דראַמע, אין מאָסקווע, אויף העברעאיש, 25.12.1925), יעקבֿ הירשפֿעלד (פֿאַר דער פּוילישער אויפֿפֿירונג אין וואַרשע 31.5.1928), העניך קאָן (פֿאַר דער "ווילנער טרופּע" אין דעם לאָדזשער שטאָט־טעאַטער 22.8.1930), יוסף אחרון (אין נ״י 5.11.1931) און אַ סך אַנדערע.

זע אויך אין דער ביבליאָגראַפֿיע, דאָרטן ז׳ 1071, דעם אָפּשיק צו אַ פּוילישן אַרטיקל געווידמעט דער ייִדישער מוזיק און דעם ייִדישן געזאַנג אין דער יוני 1928 ״גולם״־אויפֿפֿירונג אין וואַרשע. דער אמת איז, אַז שוין אין 1921 (אין די צײַט; איבער־געדרוקט אין ריוועקין 1955 ז׳ 181) באַציט זיך דער קריטיקער ב. ריוועקין צו דעם גולמס לידל אין דער סצענע ״וועגט״ פֿון לייוויקס דראַמע (״וואָס שווײַגט איר, וועגט, מײַנע וועגט?״), און באַמערקט: ״אַלע זינגענדיקע פּלעצער אין גולם זײַנען הויכע מדרגות״. די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן מסתּמא פֿאַרניגונט אויך די ליד־טעקסטן פֿון די פּאָעטישע דראַמעס, אָבער אַזוי ווי דער עיקר איז פֿאַר זיי געווען די אינסטרומענטאַלע באַגלייטונג און ניט די מעלאָדיעס צו די לידער, האָבן מיר די דאָזיקע טעאַטער־מוזיק אין דער איצטיקער אַרבעט ניט באַהאַנדלט.

3 ניט אַלע לידער, וואָס לייוויק רופֿט זיי אָן ״וויגלידער״, האָבן אַ מוזיקאַלישן פּאָטענציאַל. פּג״ל למשל דאָס ליד ״מײַן וויג־ליד״ (אַלע ווערק זז׳ 430־433): כאָטש עס האָט אָנצוהערעניש צו פֿאָלקס־וויגלידער (פּג״ל די דרײַ מאָל פֿאַרקומענדיקע ראָזשינקעס: ״ראָזשינקעס מיט מאַנדלען זוכט ער אויפֿן מיסט״, ״ראָזשינקעס געפֿינען / איז אים ניט באַשערט״, ״ראָזשינקעס מיט מאַנדלען / זײַנען מער ניט זיס״), און האָט אידענטישע (זיך איבערחזרנדיקע) סטראָפֿעס (1 און 7) און אַ מין רעפֿרען (די ערשטע און די לעצטע פֿון די 8 סטראָפֿעס ענדיקן זיך מיט דער שורה ״שלאָף מײַן לעבן (נשמה) איין״), איז דאָס ליד צו לאַנג (29 סטראָפֿעס!) פֿאַר אַ וויגליד, און עס פֿאַרמאָגט אויך ניט די אַלע געהעריקע וויגליד־סימנים (זע וועגן זיי אין גוי 1986 זז׳ 217־219). עס לייגט זיך ניט אויף דער דעה אַז דאָס ליד איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן כּדי צו ווערן געזונגען. אויך דאָס 6־סטראָפֿיקע ליד אין אַלע ווערק זז׳ 433־434, וואָס טראָגט דעם זשאַנער־טיטל ״הימנע״ (און אַ הימנע ווערט תּמיד געזונגען), אָבער איז אַ פּאַראָדיע (איינס פֿון די גאָר ווייניקע לידער לייוויקס, וואָס פֿאַרמאָגן בולטע הומאָריסטישע יסודות), איז מסתּמא ניט געשריבן געוואָרן כּדי צו ווערן אַ זינגליד. פּג״ל זײַנע שורות: ״זינגט דאָס ליד פֿון שלונג״, ״זינגט אַ לויב צום ביסן, / זינגט אַ לויב צו זופּ״.

4 צו די דאָזיקע לידער געהערט, צווישן אַ סך אַנדערע, דאָס ליד ״דער ווײַסער ניגון״, וואָס דערשפּנט אין בלאָט זז׳ 51־52 דעם לידער־ציקל מיט דעם זעלביקן נאָמען און פֿאַרמאָגט, אין זײַנע זעקס סטראָפֿעס, שורות ווי ״כ׳וועל אַרײַנזינגען אין דײַן בלוט / יענעם ווײַסן ניגון״, ״קום נעענטער אַהער / צו מײַן ערשטן ווײַסן ניגון״. דער אָנהייב פֿונעם ליד איז: איך פֿאַרנעם אַזאַ קול איבער מיר. פּג״ל אויך דעם סאָנעט ״בײַנאַכט האָב איך געהערט״ (בלאָט ז׳ 262), וואָס איז פֿול מיט מוזיקאַלישע אויסדרוקן און טערמינען: ״אַ מחנה קלעזמער שפּילן״, ״אין רויש פֿון פּויק, אין אויפֿגעשריי פֿון פֿײַפֿעאַל״, ״דער פֿידלער פֿעלט״, ״די קלעזמער האָבן אָפּגעשפּילט, און רואיק קאַלט / צונויפֿגעלייגט די אינסטרומענטן״, ״ס׳פֿידל, פֿריש נאָך וואַרעם, בלוטיקט״. זייער זעלטן ווערט אָבער אַ סאָנעט פֿאַרניגונט, ווײַל די סטראָפֿישע סטרוקטור פֿון די 14 סאָנעט־שורות מאַכט דעם פּראָצעס פֿון זייער פֿאַרניגונען גאָר שווער. איז טאָקע ניט קיין וואונדער וואָס צווישן לייוויקס 50 פֿאַרניגונטע לידער זײַנען צענדליקער סאָנעטן כמעט ווי ניט רעפּרעזענטירט. נ׳ 44 אין אונדזער ווײַטערדיקער רשימה איז אַן אויסנעם.

5 לייוויקס לעצט בוך (לידער צום אייביקן) פֿאַרמאָגט פּראָפּאָרציאָנעל מער לידער מיט מוזיקאַלישע און הערעוודיקע אָנצוהערענישן און איינסן, ווי זײַנע פֿריערדיקע

לידער־זאַמלונגען. אַזוי למשל חזרן זיך איבער אין דעם 44־שורהדיקן ליד "אָ, שפּילט פֿאַר מיר" (זז' 44־45) די שורות "אָ, שפּילט פֿאַר מיר אויף אײערע לאַנגע (דינע, ווייכע) האַרפֿעס" (שו' 1, 6, 21, 38) און "אָ, נעמט מיך אַרום מיט אײַער ניגון" (שו' 3, 19, 40), און דער פּאָעט, וואָס שפּילט פֿאַר אַ סטאַדע שאָף (לידער) "אויף אַ לענגלעכן פֿײַפֿל" (שו' 30), בעט זיך בײַ די "שאָטנס, וואָס ליגן זיך איבער דער ערד", זיי זאָלן שפּילן פֿאַר אים זייער ניגון. אין דעם 6־סטראָפֿיקן ליד "מוזיק" (ז' 66; אָנהייב־שורה : דער ים שטילט אײַן זײַן שטורעם) ענדיקט זיך יעדע סטראָפֿע מיט דעם וואָרט "מוזיק" וואָס איז פֿאַרשיידנאַרטיק (פֿאַרנאַכטיק, נאַכטיק, האַלבנאַכטיק, סוף־נאַכטיק), און דער פּאָעט, וואָס דערמאָנט זײַן אייגענעם ניגון (לעצטע סטר': "מײַן ניגון"), וואונטשט זיך, אַז ער "זאָל ווערן / מגולגל אין מוזיק". אין דעם 8־סטראָפֿיקן "ליד צו עניוות" (זז' 101־102; אָנהייב־שורה: מײַן האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב) איז די כלה וואָס גייט אַנטקעגן דעם חתן "באַגלייט פֿון אַ פֿידל און זוניקע טאַצן", "דין־ווײַסע פֿינגער צעשפּילן זיך האַרפֿיק", "און גלײַך נאָך דער האַרף — אַ געליאַרעם פֿון טרובעס / און ס'רײַסן זיך אויף זיבן־פֿויקיקע תהומען"; די כלה "בענקט נאָך דער פֿידל" וואָס זײַנע "סטרונעס צעפּלאַצן". אַזאַ רײַכקייט פֿון מוזיקאַלישער מעטאַפֿאָריק (און מיר האָבן זעלבסטפֿאַרשטענדלעך ניט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן מאַטעריאַל און זיך באַגנוגנט מיט אַן אָפּקלײַב) איז ניט דערווײַזבאַר אין לייוויקס פֿריערדיקע זאַמלונגען.

6 זע אויך מײַן דאַנק אונטן, אין דער ביבליאָגראַפֿיע: פֿרידמאַן אַרכיוו.

ב. באַמערקונגען צו ה. לייוויקס פֿאַרניגונטע לידער

"אַ בייגעלע פּאַפּיר" — זע : פֿון טויזנט זאַכן.

1. אַ ביסל געשטאַנען. געגוג, / פֿערד מײַנס, געטרײַער.

אַלע ווערק ז' 48 (דאָס 7טע ליד אינעם ציקל אין שניי וועלכער פֿאַרמאָגט 26 לידער, 5 פֿון זיי פֿאַרניגונט פֿון לייבו לעווין. אין דער אָריגינאַל־אויסגאַבע זײַנען די 26 לידער נומערירט און האָבן קעפּלעך, וועלכע זײַנען פֿאַרשיידן פֿון די אָנהייב־שורות. אין אַלע ווערק האָבן ניט די "אין שניי"־לידער קיין קעפּלעך). 4 סטראָפֿעס. בײַ ראָזשאַנסקי 1963 ז' 49 איז דאָס קעפּל, ווי אין דער אָריגינאַל־אויסגאַבע : "אַ דאָרף, אַ דאָרף".

מעל : לייבו לעווין (כת"י 82־1981).

"אַ גוטע נאַכט" — זע : לאַנגע ווינטערדיקע נעכט.

אַ גוטע פֿרײַנד, ווען איך וועל שטאַרבן, / לייגט־צו צו מײַן פֿאַרמאַכטער ברעם.

בלאַט ז׳ 302. געשריבן "אין אַנדענק פון ד. עדעלשטאַט". 5 סטראָפעס. דאָס ליד אין ביאַלאָסטאָצקי 1953 ז׳ 461, האָט אַן אונטערקעפל: "זעכציק יאָר נאָך עדעלשטאַט". געשריבן לויטן ריטעם פון עדעלשטאַטס "מײַן צוואה", קען מען לייוויקס ליד לײַכט זינגען לויט דער פּאָפּולערער מעלאָדיע, געשעפּט (לויט דעם דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר משה ביק) פון בעטהאָווענס 8טער ("פּאַטעטישער") סימפאָניע (פּג"ל גפן 1966 ז׳ 10, הערה 19א). עדעלשטאַטס "מײַן צוואה" איז מסתּמא פאָלקלאָריזירט געוואָרן בשעת דעם פּראָצעס פון איבערליפערונג אין פאָלק. איינע פון די פאָלקס-ענדערונגען איז געווען דער איבערגאַנג פון דעם דיכטערס דירעקטער ווענדונג צו זײַנע פרײַנד אין דער מערצאָל-פאָרעם (אָ גוטע פרײַנד... טראָגט... זינגט, אין שורות 1, 2, 6) צו אַן אינדיווידועלער ווענדונג אין דער איינצאָל-פאָרעם (אָ גוטער פרײַנד... טראָג... זינג). אַזוי למשל געדענקט שטיינבערג 1984 ז׳ 255 די איובנדיקע שורות פונעם הימען לויט זײַן איינצאָל-ווענדונג. אויך לייוויק ציטירט אַזוי דאָס ליד אין איינעם פון זײַנע עסייען; זע אונטן. די אָפּווייכונג פונעם מקורדיקן נוסח (געדרוקט אין דער טאָגצײַטונג וואָרהייט 22.3.1889 און אויסגעקריצט אויף עדעלשטאַטס מצבה — זע די קלאָרע פאָטאָגראַפיע אין ביאַלאָסטאָצקי 1953 ז׳ 71) קען סוגערירן, אַז אין דער סביבה וואו די ענדערונג איז פאָרגעקומען און וואו דער איינצאָל-נוסח איז געווען ליבערשט דעם זינגענדיקן עולם ווי דער מקור, דאָרטן איז דער פּערזענלעכער פרײַנד, דער יחיד, דער פּרט, געווען טײַערער און נאָענטער צום האַרצן ווי דער אַבסטראַקטער און סטערעאָטיפּישער כּלל.

לייוויק האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַציאונג צו דער פּערזאָן פון דויד עדעלשטאַט און בעיקרשט צו זײַן ליד "מײַן צוואה". די דאָזיקע באַציאונג קומט צום אויסדרוק אין לייוויקס צוויי עסייען, געשריבן צו דעם 40סטן און 60סטן יאָרצײַט פונעם "רעוואָלוציאָנערן זינגער און פּיאָנער פון יידישן סאָציאַלן ליד" (עסייען ז׳ 195). אין ביידע עסייען (געדרוקט אין יידיש, נ"י 1.12.1932, און אין טאָג 27.10.1952, און איבערגעדרוקט אין עסייען זז׳ 195-207) הייבט לייוויק אַרויס די וויכטיקייט פון די ניגונים צו די לידער פונעם פּאָעט, וועלכן מען האָט "מער ווי עמעצן אַנדערש פון די פּאָעטן פון זײַן דור, אַ סך געזונגען" (דאָרטן ז׳ 196; פּג"ל אויך מרמר 1950 זז׳ 50-51, גפן 1966 זז׳ 39-40, און פּיפּע-נוי 1971 זז׳ 334-335 — רשימות פון עדעלשטאַטס פאָלקלאָריזירטע לידער).

אין אמתן קענען לייוויקס אַרויסזאָגן וועגן געזונגענע (פאָלקלאָריזירטע) לידער פון יידישע פּאָעטן דינען ווי אַן אַרויסגאַנגפּונקט פאַר אונדזער באַהאַנדלונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעמאַטיק. לייוויק האַלט (עסייען ז׳ 196), אַז "דאָס איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד זײַנע [עדעלשטאַטס] לידער האָבן די אַרבעטער אויפגענומען צום זינגען מער ווי אַנדערע... פון זײַן גאַנצן בוך לידער האָבן דעם

גרעסטן ווערט נאָר די לידער וואָס ווערן געזונגען. און זייער ווערט איז ערשט אויסגעוואָקסן, ווײַל זיי ווערן געזונגען" (באַטאָנט פון לייוויקן).

אליבא דלייוויק איז עדעלשטאַטס "מײַן צוואה" — "דאָס איינציקע ליד פון דער גרופע געזאַנג־לידער עדעלשטאַטס, וואָס האָט מאָס, פּראָפּאָרציע, אויס־געהאַלטענעם אָטעם און אַזאַ וואונדערלעכע איידלקייט און באַשיידנקייט, און איז דערפאַר טאַקע קאָנדענסירט" (דאָרטן זז׳ 198־199).

עדעלשטאַטס ליד האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לייוויקס לעבן און שאַפן. ער געדענקט ווי ער אַליין און אַנדערע האָבן דאָס ליד געזונגען אין צאַרישע תּפיסות: "ניט איין נאַכט אין די צאַרישע טורמעס האָב איך אַליין, מיטן זינגען שטיל פאַר זיך די לידער עדעלשטאַטס, אַרויסגעהאָלפן זיך אין דעם תּפיסה־עלנט, און ניט איין מאָל אויפגעציטערט געוואָרן ווען עמעצער פון מײַנע ניט־געזעענע שכנים האָט פון אַ צעל, אָדער פון די שטראָף־קאַרצערס, געלאָזט הערן פון זיך אין דער שטילער נאַכט מיט אַזאַ דינעם געוואָי: — אָ, גוטער פרײַנד, ווען איך וועל שטאַ—אַ—ר—בן — — —" (דאָרטן ז׳ 199).

ס׳איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי פּונקטן אין דעם פריִער ציטירטן אָפּשניט: 1. נאָך אַן אויסדרוק פון לייוויקס "שוויַיגערישער" נאַטור, וואָס איז גורם דערצו, אַז זײַנע "הערעוודיקע אויפנעמען" זײַנען אַ סך זעלטענער און שוואַכער אין פאַרגלײַך מיט זײַנע "זעאונגען". אויך אין דער טורמע זינגט ער "שטיל פאַר זיך", און דאָס איז טאַקע דער קול פונעם האַרצן, דער "קול דממה דקה" פונעם תּנ"ך און מחזור; 2. דער אָנהייב פון עדעלשטאַטס ליד איז ציטירט ניט לויט דעם מקורדיקן — געדרוקטן און אויסגעקריצטן מערצאָל־נוסח, נאָר לויט דער פאָלקלאָריזירטער איינצאָל־אָפּווייכונג. אויבן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם חילוק צווישן דעם נאָרמאַטיוון טעקסט און דעם פאָלקלאָריזירטן וואַריאַנט, און אין לייוויקס עסיי זעען מיר, אַז ווען ער ציטירט די ערשטע שורה פונעם געדרוקטן ליד, באַניצט ער "גוטע פרײַנד", אָבער ווען ער דערמאָנט זיך ווי אַזוי מען האָט דאָס ליד געזונגען (אין דעם זעלביקן עסיי! אויף דעם זעלביקן זײַטל, עסייען ז׳ 199!), געדענקט ער "גוטער פרײַנד" — די ווענדונג צום יחיד, ניט צום כּלל. פגל' אויך דעם פּאָעטס ווענדונג צום יחיד אין ליד "נעם, מײַן פרײַנד, אין האַנט פּאַפּיר אַ בויגן" (לידער צום אייביקן ז׳ 54), כאָטש פונעם ליד איז קלאָר, אַז דער באַרירטער ענין ("חשבון" הייסט דאָס ליד) באַציט זיך צום כּלל.

אויך בשעת לייוויק ציטירט די ערשטע סטראָפע פון עדעלשטאַטס "מײַן צוואה" אין זײַן "באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום" (די 3טע סטר׳ פאַרן סוף — די 120סטע סטראָפע אין דער באַלאַדע), באַניצט ער אַ פאָלקלאָריזירטן וואַריאַנט. די ערשטע שורה איז טאַקע ווי אין דעם מקורדיקן טעקסט, אָבער די שורות 2־3 ברענגט לייוויק מסתּמא פון זײַן זכּרון, לויט אַ מינדלעכער טראַדיציע: אַנשטאָט עדעלשטאַטס "טראָגט צו מײַן קבר אונדזער פאָן / די פרײַע פאָן מיט רויטע

פאַרבן", האָט לייוויק: "טראָגט צו צום קבר די רויטע פאַן, / די רויטע פאַן מיט העלע פאַרבן".

די העבר' איבערזעצונג פון דער עדעלשטאַט סטראָפע איז פאַראַן אין אברהם שלונסקי'ס איבערזעצונג פון לייוויקס באַלאַדע: **בלדה על בית החולים בדנבר**, ת"א 1942.

איך דערמאָן זיך אויך, אַז אין זומער 1938, אַ קורצע צײַט פאַר מײַן עולה זײַן קיין ארץ־ישראל פון מײַן היימשטאָט קאַלאָמיי, האָב איך דאָרט געהערט אַ גאַסט־רעציטאַטאָר דעקלאַמירן פראַגמענטן פון לייוויקס באַלאַדע. ער האָט אַרײַנגעשלאָסן אין זײַן רעציטאַציע די לעצטע סטראָפעס און אַרײַנגעוועבט אין זײַן אויספירונג דאָס זינגען פון דער עדעלשטאַט־סטראָפע. דער עולם האָט אים דערבײַ "מיטגעהאָלפן". לײַדער, געדענק איך ניט דעם נאָמען פון דעם רעציטאַטאָר.

די מעלאָדיע צו עדעלשטאַטס "מײַן צוואה" (4 סטראָפעס, מיט דער זעלביקער אָנהייב־שורה ווי אונדזער ליד) איז געדרוקט, צוזאַמען מיט די ווערטער, אין אַ סך זאַמלונגען. פג"ל **אידעלזאָן 1932** ז' 67 (נאָטן ז' 251), **ווײַנער 1947** זז' 16־17, **מיר זינגען 1948** ז' 26, **ביאַלאָסטאָצקי 1953** ז' 412, **גפן 1966** ז' 42 (מיט מנשה גפנס העברעאישער איבערזעצונג, דאָרטן זז' 10־11), **ראַזשאַנסקי 1977** ז' 121, **שטײַנבערג 1984** זז' 254־255, א"אַ. וועגן דעם לידס פאָלקלאָריזאַציע זע **פיפע־נוי 1971** ז' 334 הע' 4.

"אַ דאָרף, אַ דאָרף" — זע: אַ ביסל געשטאַנען.

2. אוהל פרץ — נאַכט און פרידן / שפרייטן זיך אויף קבר־שטיינער.
בלאָט זז' 44־45. 6 סטראָפעס. **ראַזשאַנסקי 1970** זז' 217־218.
מעל: לעאָן ווײַנער (**ווײַנער 1962** ז' 21, נאָטן ז' 203).

"אַ וויג ליד" — זע: אונטער דער געלער לאַטע.

"אָוונט־ליד" — זע: איבער אַלע שטיבער.

"אָוונטפלאַם" — זע: איך האָב צעבונדן אַלע בונדן.

3. אויף די וועגן סיבירער / קען עמעץ נאָך איצטער געפינען אַ קנעפל.
אַלע ווערק ז' 39 (**אויף די וועגן סיבירער**). 2 סטראָפעס, 5 שורות אין יעדער פון זיי. **ראַזשאַנסקי 1963** ז' 45; **מלאַטעק 1974** ז' 301. העבר' איבערזעצונגען: אברהם שלונסקי (**טורים**, ת"א 1933, ג' 1 ז' 13; **על המשמר** 9.8.1957: "בדרכים בסיביריה"), **בסוק 1963** ז' 108, **ברתיני 1977** ז' 13 ("בדרכים של סיביר").

מעל : לייבו לעווין (כת״י 82־1981 ; לווין־ניגונים).

אויף דײַן ערד, ירושלים, / איז מיר גוט צו שווײַגן.

לידער צום אייביקן זז׳ 75־76. 4 סטר׳ (8+11+8+6 שו׳). ראַזשאַנסקי 1963 זז׳ 236־237, ראַזשאַנסקי 1968 זז׳ 349־350. העבר׳ איבערזעצונגען : א״צ הלוי (ספר העשור של הדואר : 10 שנים למדינת ישראל, נ״י 1958, ז׳ 83 ; הצופה 12.5.1967), שלמה שנהוד (דבר 15.5.1970, ידיעות אחרונות 23.12.1977), אפרים תלמי (דבר 29.7.1966): ״על אדמתך, ירושלים״.

רעצ : בראַדין L־10a.

4. אויף ווײַסע בערג די זון פאַרגייט.

אַלע ווערק ז׳ 50 (דאָס 12טע ליד אין דעם ציקל אין שניי ; זע אויבן : אַ ביסל געשטאַנען. דאָס ליד הייסט אין דער אָריגינאַל־אויסגאַבע : ״ניט בלײַב אַליין״). 3 סטראָפעס.

מעל : לייבו לעווין (כת״י 83־1982).

אויפן בוידעם קלאַגט דער דאַך.

טרעבלינקע זז׳ 77־78. דאָס 1טע ליד אין אַ ציקל (27 לידער) וואָס טראָגט דעם טיטל פון אונדזער ליד און יעדעס פון זײַנע ערשטע 6 לידער פאַרמאָגט אַן אונטערקעפל : ״פאַר גאַסן־קלעזמער צום זינגען״. 7 סטר׳. דער טיטל איז אַן אַנצוהערעניש צו בערל שאַפירס אַ סך געזונגען (מוזיק : פרץ הירשביין) און פאָלקלאָריזירט ליד ״אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך״ (פאַרעפנטלעכט אין 1910, מיט נאָטן אין 1918 ; זע מלאַטעק 1989 זז׳ 80־81). פג״ל אויך דאָס קעפל פון דעם אַכט־סטראָפיקן ליד ״אויפן טישל שלאָפט אַ גלאָז״ (אַלע ווערק זז׳ 461־462 ; די לעצטע שורה פונעם ליד : אויפן טישל שלאָפט דאָס גלאָז).

אויפן גרינעם גראָז, אויפן יונגן פעלד (״אַ תּפילה אויפן גרינעם גראָז״).

לידער צום אייביקן זז׳ 27־28 (2+22+2 שו׳). די ערשטע און די לעצטע 2 שו׳ זײַנען אידענטיש.

רעצ : בראַדין L־10a.

״אויפן הר הכּרמלס רוקן״ — זע : צופוסנס פון ים.

״אויפן כּרמל״ — זע : צופוסנס פון ים.

אויפן פעלד / שטייט אַ בוים, / שטייט ער אײַנגעבויגן (״קום אַהיים״).

בלאַט ז׳ 178. 4 סטראָפעס, 6 שורות אין יעדער פון זיי. דאָס אונטערקעפּל פונעם ליד איז: ״פאָלקיש״. די סטרוקטור איז די זעלביקע ווי אין דעם באַקאַנטן פאָלקסליד ״אויפן וועג שטייט אַ בוים״ (ג״מ 1901 נ׳ 14), אָבער ס׳איז ניטאָ קיין פּאַראַלעל צום רעפרען און דער אינהאַלט איז אין גאַנצן אַנדערש, סײַ לגבי דעם גינזבורג־מאַרעק נוסח (״פּאַרט אַ ייִד קיין ארץ ישראל״), און סײַ לגבי די ליבעליד־וואַריאַנטן (כהן 1957 נג׳ 115, 175). ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 209. זע אויך אויבן, אין דעם אַרײַנפיר, די שמועה וועגן דער געזונגענער אינסצעניזאַציע פונעם ליד אין אַרגענטינע.

״און אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן״ — זע: דײַן חלום, גרויסער נביא.

אונדזער פאָלק ווערט אויסגעקוילעט.

טרעבלינקע זז׳ 79־80 (דאָס 2טע ליד אין אַ ציקל פון זעקס, געשאַפן ״צום זינגען״. זע אויבן: אויפן בוידעם). 5 סטר׳. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 196.

אונטער דער געלער לאַטע / מאַך דײַנע אויגן צו.

אַלע ווערק ז׳ 641 (דאָס 2טע ליד אין דעם ציקל ״לידער וועגן דער געלער לאַטע״). אונטערקעפּל: ״אַ וויג ליד״. 8 סטר׳; דרײַ פון זיי ענדיקן זיך מיט ״ליו־ליו״. אַרבעטער־רינג געזאַנגען, נ״י 1949, ז׳ 18 נ׳ 2; קאַץ־קאַפּשטיין 1976 ז׳ 155 (העבר׳ איבערזעצונג: אופק 1983 ז׳ 155: ״מתחת לטלאי הצהוב״).

אַז הירשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען, / געזאָגט האָט ער אַ גוטינקע נאַכט.

הירש לעקערט זז׳ 112־113. 4 סטראָפעס, געזונגען ״אין פאָלקסטאָן״ (דעם מחברס אַנווײַזונג), צום סוף פון לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע. דאָס ליד, געזונגען אין אַ שנײַדערײַ־צימערל דורך די נייטערקעס רחל און רייזל (הירש לעקערטס חברטעס פונעם ״בונד״) וואָס ״זיצן איבער אַ ׳זינגער׳־מאַשין און נייען״, איז די באַוואוסטע הירש לעקערט פאָלקס־באַלאַדע (זע ווק״ל־אַנטאָלאָגיע זז׳ 20־22, מלאַטעק 1972 זז׳ 94־95), געדרוקט צום ערשטן מאָל (מיט נאָטן) אין לעהמאַן 1921. די באַלאַדע, וואָס האָט אַ סך וואַריאַנטן און אָפט מאָל הייסט זי ״הערש לעקערט״ און הייבט זיך אָן ״ווי הערשקע איז״ אָדער ״אַזוי ווי הערשקע איז״ (פג״ל ניגער 1951 זז׳ 238־242), האָט מען שוין געזונגען אַרום אַ יאָר נאָך הירש לעקערטס עקזעקוציע (29.5.1902; זע מײַן העברעאישע אָפּהאַנדלונג אין דעם איצטיקן באַנד, וואו עס ווערן אַנגעגעבן פּרטים וועגן דער געשיכטע פון דער פאָלקס־באַלאַדע ווי אויך וועגן דער געשטאַלט פון הירש לעקערט אין לייוויקס לידער). צוליב אידעאָלאָגישע סיבות האָט לייוויק ניט אַרײַנגעשלאָסן אין זײַן ליד די סטראָפעס פון דער פאָלקס־באַלאַדע וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אומפּאַסיק

(זע דאָרט). ווי אַ טייל פון זייער העבר׳ דראַמע־איבערזעצונג האָבן די באַלאַדע איבערגעזעצט: נתן גרינבלאַט (גורן) אין במעלה י״ט באייר תרצ״ז און משה בסוק (הירש לקרט: פואימה דרמטית, ת״א 1944).

״אַזויפיל גליק״ — זע: טיף אין האַרץ — אַ ציטער.

״אַ זיבן־יאָריק ייִדעלע״ — זע: ס׳הערצל פון אַ זיבן־יאָריק ייִדעלע.

״אַ חורבה״ — זע: עס וועלן אונדז בייַנאַכט.

5. אָט קומט ער, דער לויטערער זייער.
טרעבלינקע זז׳ 270־271. 8 סטראָפעס.
מעל: בלומע מושקעס־סאָובעל (מושקעס 1968 ז׳ 11, נאָטן ז׳ 9). דאָס פאַר־ניגונטע ליד פאַרמאָגט אַ קעפּל (״דער לויטערער זייער״) און נאָר די ערשטע 4 סטראָפעס. צווישן די טעקסט־״פאַרבעסערונגען״: ״האָט ער זיך אין שטילקייט פאַרקליבן״ אַנשטאָט ״ערשט דעמאָלט האָט ער זיך פאַרקליבן״ (שו׳ 11), ״ווען ווידער״ אַנשטאָט ״ביז ווידער״ (שו׳ 15) און נאָך. זע אויך ווייַטער, די באַמערקונג צו נ׳ 17.

6. איבער אַלע שטיבער, / איבער אַלע דעכער (״אָוונט־ליד״).
אַלע ווערק זז׳ 458־459 (לידער פון גן־עדן). 3 סטר׳ (13+10+13 שו׳).
העבר׳ איבערזעצונג: מרדכי סבר אין דבר (תוספת ערב) 15.12.1934.
מעל: לאַזאַר ווייַנער (ווייַנער 1973 ז׳ 6; אויך פּראָגראַם פון קאָנצערט 4.12.77, ז׳ 5). נאָר 2 סטראָפעס.

7. איבער מדברס הייסן זאַמד, / צו דעם רויט פון מערב־ראַנד (״מדבר־קאַראַוואַן״).
אַלע ווערק ז׳ 555 (דאָרטן וואו די צעדער). 22 שורות אין 12 סטראָפעס.
מעל: לעאָ ליאַוו אין ירדני 1966 ז׳ 37. דאָס ליד הייסט דאָ: ״דער קעמל־קאַראַוואַן״, און די סטראָפעס 5־8 פעלן. ווערטער און שורות ווערן געענדערט און פאַרביטן.

״אייביק״ — זע: די וועלט נעמט מיך אַרום.

״אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן״ — זי: דייַן חלום, גרויסער נביא.

8. אייַנגעשמידטע זייַנען מיר, / יעדער אין קאַמער זיצט באַזונדער.

אַלע ווערק ז׳ 31 (הינטערן שלאָס). 3 סטראָפעס. ראָזשאַנסקי 1963 ז׳ 42.
מעל: לייבו לעווין (כת״י 82־1981).

״אייניקל פון אָנקל טאָם״ — זע: שוואַרצער פּופּיק, שוואַרצער בויך.

איך בין אַלץ נאָך ניט געזעטיקט / ניט מיט מיר און ניט מיט זיך (״ניט געזעטיקט״).

אַלע ווערק ז׳ 486. 6 סטר׳. דאָס 5טע ליד פונעם ״שפּינאָזע״־ציקל (1934) אין די לידער פון גן־עדן.

רעצ: בראַדין L־10b.

9. איך הייב מײַנע אויגן צום הימל מיט שטערן (״שטערן״).

דאָס ערשטע ליד אין לידער צום אייביקן ז׳ 13. 7 סטר׳ פון פאַרשיידענער לענג: 16 (2+9+4+3+2+3+3) שו׳. ראָזשאַנסקי 1963 ז׳ 232. העבר׳ איבערזעצונג: אַביגדור גרינשפּאַן (אחיספר 1943 ז׳ 455).

מעל: לאַזאַר ווײַנער (ווײַנער 1973 ז׳ 77; 5 סטר׳); רעצ: בראַדין L־10a.

איך ליג אַן אײַנגעקלאַמערטער אין פינצטערנישן פון געדערעם (״יונה הנביא אין די אינגעווייד פונעם גרויסן דג״).

לידער צום אייביקן זז׳ 44־153. ערשטער סאָנעט אין אַ ציקל (״קראַנץ״) פון 15 סאָנעטן, וואָס דער לעצטער פון זיי באַשטייט פון די אָנהייב־שורות פון די פריַערדיקע 14 לידער. פאַרפאַסט אין 1956.

רעצ: בראַדין L־10b.

איך קוק אויף דיר.

לידער צום אייביקן זז׳ 30־31. 4 סטר׳, 8 שו׳ אין יעדער פון זיי.

רעצ: בראַדין L־10a.

״אין אָוונטפּלאַם״ — זע: איך האָב צעבונדן אַלע בונדן.

אין אַ זײַדן העמדל / איז דאָס קינד געבוירן.

אַלע ווערק זז׳ 8־9. 6 סטר׳.

רעצ: בראַדין L־10a.

״אין זומערדיקן לאַנד״ — זע: קומען ערגעץ ווען מיר צופאַרן.

אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט.
אַלע ווערק ז׳ 483. 5 סטראָפעס. דאָס ערשטע ליד פונעם ״שפּינאָזע״־ציקל (1934) אין די לידער פון גן־עדן.
רעצ: בראָדין L־10b.

״אינטערנאַציאָנאַל״ — זע: שטייט אויף, איר קנעכט פון אַלע לענדער.

״אין ישראלס זונען״ — זע: שמערל — אַן אַ פידל.

״אַליין — זע ב׳ 29: האַלבע נאַכט.

אַלע געוויינען זיך צו צו מײַן נוסח פון ליד (״געזאַנג״).
לידער צום איביקן ז׳ 15. 6 סטר׳, 3 שו׳ אין יעדער פון זיי.
רעצ: בראָדין L־10a.

10. אַלץ איז רו, / נאָר לייב שרײַט.
אַלע ווערק זז׳ 406־407 (לידער פון גן־עדן). 5 סטר׳. העבר׳ איבערזעצונג: אביגדור גרינשפּאַן (אַחיספר 1943 ז׳ 455): שור, דמי ישלוט.
מעל: חיים ריטערבאַנד (ריטערבאַנד 1935 ז׳ 56, נ׳ 45).

״אַמאָל איז געווען״ — זע: פון ווײַטן אַמאָל.

״אַ מעשהלע אַזוי זיך״ — זע: דאָס שעפּסעלע אויפן פעלד.

״אַ ניגון״ — זע: פאַרשניטן — די זאַנגען, / פאַרטריבן — דער שומר.

אַ, סטרונעס פון יידישע פידלען.
טרעבלינקע זז׳ 80־81 (דאָס 3טע ליד אין אַ ציקל פון 6 לידער געשאַפן ״צום זינגען״; זע אויבן: אויפן בוידעם). 8 סטר׳. ״אין אָנדענק פון די יידישע קינדער און לערער פון מעדעם־סאַנאַטאָריום, וואָס די דײַטשן האָבן אויסגעשאָכטן״. העבר׳ איבערזעצונג: שלונסקי 1950 זז׳ 113־114 (״הה, מיתרי ישראל״). וועגן דעם מאָטיוו פון אַנטשוויגענע סטרונעס און פידלען אין לייוויקס קינה־לידער, זע אונטן, באַמערקונגען צו: ״ס׳הערצל פון אַ זיבן־יאָריק יידעלע״ און ״שמערל — אַן אַ פידל״. דער מאָטיוו פון אַ געפּלאַצטער סטרונע און אַ צעבראָכענעם פידל איז אויך זייער קענטיק אין מאַרק שאַגאַלס ווערק פון פאַרשיידענע תקופות. ס׳איז מעגלעך אַז דער אָפּשטאַם פון דעם דאָזיקן קינה־מאָטיוו איז אין תהלים קל״ז:

"על נהרות בבל". דאָרטן רעדט זיך טאַקע וועגן אויפגעהאַנגענע פידלען (יהואש זעצט איבער "כינורותינו", ניט לויט דעם אָנגענומענעם, טראַדיציאָנעלן אויס־טײַטש, "אונדזערע האַרפֿן"), אָבער דאָס וואָרט "וניפֿץ" אין דעם לעצטן, "פֿינאַלע־פסוק" פֿונעם מזמור, האָט געפֿירט סײַ שרײַבערס און סײַ אַרטיסטן צו אַ צעבראָ־כענעם און צעקלאַפּטן (יהואש: צעהאַקטן) מוזיק־אינסטרומענט. די זשאַנערישע באַציִאונגען און ענלעכקייטן אין לייוויקס און שאַגאַלס שאַפֿונגען (שאַגאַל איז בערך אַן אַנדערטהאַלב יאָר עלטער פֿון לייוויקן) פֿאַרדינען אַ באַזונדערע אַרבעט.

11. אַראָפּ און אַרויף, / אַראָפּ און אַרויף, / וואַנדערט מײַן זעל / איינע אַליין.
אַלע ווערק ז' 81 (בײַם ראַנד). 4 סטראָפֿעס (6+8+6+6 שורות).
מעל: לאַזאַר ווײַנער (ווײַנער 1978 ז' 17 נ' 8).

אַרונטער מיט דער וועלט דער אַלטער ("מאַרסעליעזע").
איבערזעצונג ("פּרײַ באַאַרבעט") פֿון רוזשע דע־לילס באַרימטן פֿראַנצייזישן הימען (פֿאַרפֿאַסט 1792). די ייִדיש־איבערזעצונגען און איבעראַרבעטונגען (אויך פּאַראָדיעס) פֿון דער "מאַרסעליעזע", סײַ די פּאָר לייוויקן און סײַ די נאָך אים, באַדאַרפֿן אַ באַזונדערע פֿאַרגלײַכיקע אָפּהאַנדלונג (אַזוי אויך לגבי דעם "אינטער־נאַציאָנאַל"). מאָריס ווינטשעווסקיס איבערזעצונג (3 אַכט־שורהדיקע סטראָפֿעס מיט אַ פֿיר־שורהדיקן רעפֿרען; אָנהייב: שטייט אויף איר אונטערדריקטע מאַסן; פֿאַרפֿאַסט אין 1889, 100 יאָר נאָך דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע) איז די באַקאַנטסטע און איז אַ סך מאָל געדרוקט, צוזאַמען מיט די נאָטן. עס זײַנען אויך פֿאַראַן אַ סך פֿאָלקלאָריזירטע וואַריאַנטן וואָס האָבן אָנשטאָט "מאַסן" — "ברידער", "שקלאַפֿן" א"אַ. פּג"ל סקודיצקי 1933 ז' 83, סקודיצקי 1936 נ' 9, דאָבּרושין־יודיצקי 1940 ז' 364, נ' 15. אַזוי ווי ביידע אַרבעטער־הימנען ווי אויך דער "מאַרסעליעזע"־רעפֿרען (אָנהייב בײַ ווינטשעווסקין: שטייט אויף איר אַרבייטס־לײַט) הייבן זיך אָפֿט מאָל אָן מיט דער זעלביקער רוף־שורה (שטייט אויף, איר...), איז ניט תּמיד קלאָר וועגן וועלכן הימען עס האַנדלט זיך. פּג"ל אויך אונטן: שטייט אויף איר קנעכט פֿון אַלע לענדער.

"אַ שטיקל פּאַפּיר" — זע: מיר וועלן זיך קיין מאָל ניט זען מער.

"אַ תּפֿילה אויפֿן גרינעם גראָז" — זע: אויפֿן גרינעם גראָז.

12. ביז וואַנען די רגע וועט קומען, / פֿאַרגיין וועלן יאָרן.
אַלע ווערק ז' 24 (ערגעץ ווײַט). 3 סטראָפֿעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז' 35.
מעל: לייבו לעווין (כּת"י 82־1981).

בערל שפּילט אויפֿן פֿידל, / שמערל — אויפֿן באַס, / און ייִדל גראַבט מיט אַ רידל / קבֿרים אויפֿן מיטן גאַס ("די קאַפּעליע").

אַלע ווערק זז' 589־590. 10 סטר'. דאָס 12טע ליד אין דעם ציקל "היטלער־נעכט־מאָטיוון". אַן אַנצוהערעניש צו דעם באַקאַנטן פֿאָלקסליד "ייִדל מיטן פֿידל" (בײַ כּהן 1957 נ' 409: יאָקל מיטן פֿידל). די נעמען פֿון די כּלי־זמרים, בערל און שמערל, קומען פֿאָר אין דעם פֿאָלקסליד ווי וואַריאַנטן פֿונעם צווייטן נאָמען; דער ערשטער נאָמען אין דעם פֿאָלקסליד, ייִדל, סימבאָליזירט בײַ לייוויקן דאָס ייִדישע פֿאָלק וואָס "גראָבט... קבֿרים אויפֿן מיטן גאַס". אויך אין זײַן שפּעטערדיקן ליד "אין ישׂראלס זונען" (זע אונטן: שמערל — אַן אַ פֿידל, / בערל — אַן אַ באַס) קומען פֿאָר נאָר די נעמען שמערל און בערל, אָבער דאָס ליד ענדיקט זיך מיטן וואָרט "ייִדן", און אין דער 4טער סטראָפֿע "ליגן אויפֿן שנײ" "נאַקעט ייִדן־לײַבער". זע אָבער אין דעם פֿאָלגנדיקן פּאַראַגראַף דאָס פּאָרל "שמערל און ייִדל".

דער מאָטיוו פֿונעם גראָבן מיטן רידל און דער גראַם פֿידל־רידל זײַנען פֿאַראַן אויך אין דער 7טער סטר' פֿון "אין ישׂראלס זונען" (שמערל אָן אַ פֿידל): "גראָב אַ גרוב! — קיין רידל / איז ניטאָ, ניטאָ. / וואָס איז יאָ דען דאָ? — / ברוכשטיק פֿון אַ פֿידל". פֿגל' אויך די 5טע סטר' אין דעם ליד פֿון דער בדחן־געשטאַלט אין חתונה ז' 160: "נעמט זשע, נעמט, קלעזמער, / שמערל און ייִדל, / ציט־אָן די סטרונעס / אויף אַשיקן פֿידל". זע אויך ניגער 1951 ז' 392, וועגן דעם גלגול פֿונעם פֿאָלקסליד און טאַנצליד וואָס ווערן בײַ לייוויקן "עפּעס אַ מין דאַנס מאַקאַבר". זע אויך אויבן, סוף פֿון באַמערקונג צו: אַ, סטרונעס פֿון ייִדישע פֿידלען.

13. גייט מען זיך לאַנג, / בינדט מען די לענדן אַרום מיט אַ שטריק ("גיין דאַרף מען גיין").

אַלע ווערק ז' 44 (אויף די וועגן סיבירער). 3 סטר'.

מעל: מיכל געלבאַרט (געלבאַרט 1937 ז' 32; געלבאַרט 1945 זז' 77־78; ראַזשאַנסקי 1963 ז' 46. געזונגען: בינאַ לאַנדאו אין פֿרידמאַן אַרכיוו L־01b, סידאָר בעלאַרסקי (דאַרטן B־03g), לישנער L־04a (1976), ז' 1 נ' 6; אויף זייערע פּלאַטעס הייסט דאָס ליד: "גיין דאַרף מען גיין", אַזוי ווי דער סוף פֿון דער 2טער סטראָפֿע. אַזוי אויך בײַ לייבו לעווין (כּת"י 82־1981). בײַ בראַדין L־10a הייסט דאָס רעציטירטע ליד: "גייט מען זיך לאַנג", אַזוי ווי דער ליד־אָנהייב.

געבענטשט געזאַנג פֿון אַל־געזאַנגען / אין העלער זון פֿון מיטן טאָג.

אַלע ווערק ז' 490. 4 סטר'. העבר' איבערזעצונג: חיים רבינזון (דבר 16.6.1950): שירה שנתברכה.

רעצ: בראַדין L־10b.

״געזאַנג — זע: אַלע געוויינען זיך צו.

14. דאַכט מיר אייביק וועל איך זיצן / איַינגעשמידטערהייט.
אַלע ווערק ז׳ 29 (הינטערן שלאָס). 3 סטראָפעס.
מעל: לייבו לעווין (כת״י 82־1981).

15. דאָס אַלטמאַדישע פון דער וועלט: / מאָרד, געפאַנגנשאַפט, הינריכטונג.
אַלע ווערק זז׳ 263־265 (אַלטמאַדיש). 3 טיילן פון 21, 38 און 9 שורות. וויַיסע פערזן.
מעל: מרדכי כ״ץ (כּץ 1978 ז׳ 2, נ׳ 13; כּץ 1983 ז׳ 13, מיט אַ העברי איבערזעצונג פון עקיבא מאָזעס און אַ שפּאַנישער פון צעלינאַ וויטשיקער).

״דאָס ציגעלע״ — זע: דער טאַטע האָט דאָס ציגעלע געהאַנדלט.

דאָס שעפּסעלע אויפן פעלד / שטייט און וויינט (אַ מעשהלע אַזוי זיך).
אַלע ווערק ז׳ 567. 6 סטר׳ (17+11+14+10+13+9 שו׳).
רעצ: בראָדין L־10a.

דאָרטן וואו די צעדער, / דאָרטן און אויך דאָ — / יאָמערט די גאולה.
אַלע ווערק זז׳ 563־564. 10 סטראָפעס.
די ערשטע שורה איז די זעלביקע ווי אין דעם באַקאַנטן ציוניסטישן ליד ״דאָרט וואו די צעדער״ פון יצחק פעלד (פג״ל מלאָטעק 1974 זז׳ 511־513, ווק״ל 1983־1987 ב׳ 4 זז׳ 208־210), אָבער ניט דער ריטעם און ניט דער אינהאַלט פון די צוויי לידער זיַינען ענלעך, און נאָר בדוחק קען מען זינגען לייוויקס ליד, וואָס איז דווקא געגראַמט לויט דעם פאָלקסליד שטייגער, א־ב־ג־ב. דער רעאַליסטישער סאַרקאַזם פון לייוויקס אַקטועלן ליד איז גאָר וויַיט פונעם פּאַטאָס אין ד״ר פעלדס ליד, וואָס איז שיער ניט געוואָרן דער ציוניסטישער הימען. ס׳איז מעגלעך, אַז אויך דער נאָמען פון לייוויקס דראַמע דאָרט וואו די פריַיהייט (זע ניגער 1951 זז׳ 95־99) שטאַמט פון דעם ציון־ליד.

דאָ שלאָפן — דאָ רוען / טויזנט געזאַנגען / פון זעכציק גיבורים (״טויזנט געזאַנגען פון זעכציק גיבורים״).
בלאַט זז׳ 185־186. 36 שורות אין 7 סטר׳ (3+3+4+8+8+7+3 שו׳). דער תּוך פונעם ליד זיַינען די 23 שורות (די 3 לענגערע סטראָפעס), געזונגען אין גאַנג פון די זעכציק גיבורים. די 3 ערשטע און לעצטע שורות אין ליד חזרן זיך איבער, ווי אַ פּאָטענציאַלער רעפרען. דאָס ליד איז פול מיט זינגען, ווי עס פּאַסט

פאַר גיבורים וואָס אָטעמען אײַן און אָטעמען אויס נאָר "גאָטס וואָרט אין און פֿון די לונגען", אָבער "פירן קיין קריגן / און זוכן קיין זיגן". די זעכציק גיבורים "זינגען אויך ווײַטער ווי שטענדיק געזונגען", אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן.

"דיאַלאָג" — זע: שוין לאַנג, שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

16. די וועלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט ("אייביק").

אַלע ווערק ז' 648 (לידער וועגן דער געלער לאַטע). 6 סטר'. געשריבן סוף 1934, אין דענוּוער סאַנאַטאָריע, ווערט דאָס ליד געזונגען אין דעם לעצטן אַקט פֿון לייוויקס דראַמע דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד (וועגן מאָריס ראָזענפעלד), פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאַמלביכער, נ"י, ב' 3 (1938): אַ כאָר וואָס קומט צום הויז פֿונעם קראַנקן פּאָעט, זינגט דאָס ליד פֿאַר אים. פּג"ל ניגער 1951 ז' 378: "אַ פּרעכטיק ליד, וואָס ניט אומזיסט ווערט עס אָפֿט געזונגען אויף קאָנצערטן און בײַ אַלערליי געלעגנהײַטן"; מלאָטעק 1974 ז' 303; מלאָטעק 1989 זז' 199-201, מיט נאָטן און אַן ענגלישן רעזומע; ווק"ל 1983-1987 ב' 4 זז' 199-202, מיט נאָטן און העבר' איבערזעצונג פֿון בנימין טנא ("לנצח": בידים דוקרות תחבקני תבל). אַנדערע העבר' איבערזעצונגען: מ. עצמוני (אחיספר 1943 ז' 461: "עד עולם"), בסוק 1963 ז' 113 ("עדי עד": תבל תחבקני בידים דוקרות, לא תחדל; צו ערשט געדרוקט אין משא 13.9.1957), אברהם לוינסון ("נצח": בזרוע דוקרת חיבקני עולם).

מעל: שלום סעקונדאַ (1943, "מעטראָ"-אַרויסלאָז נ' 308; פּג"ל סענדריי 1951 נ' 8522). דער פֿרידמאַן-אַרכיוו (זע ביבליאָגראַפֿיע: פֿרידמאַן אַרכיוו) אַנטהאַלט די פֿאָלגנדיקע אויספֿירונגען: זשיאַנעטאַ לאַ ביאַנקאַ (L-13a), סידאָר בעלאַרסקי (B-03e), חזן יצחק גודפרוינד (G-05a), סימאַ מילער (M-35d), ברכה סקולניק (S-18a). דער ישראל-קאָמפּאָזיטאָר נסים נסימוב האָט פֿאַרניגונט דאָס ליד לויט אַ העברעאישער איבערזעצונג. רעצ: בראַדין L-10a.

17. דײַן חלום, גרויסער נביא, חלום ווידער ("און אַ ייִנגעלע וועט זיי פֿירן").

דאָס ערשטע ליד אין בלאַט ז' 11. 5 סטראָפֿעס. ראָזשאַנסקי 1963 ז' 203. דאָס קעפּל איז די ייִדיש-איבערזעצונג פֿון דעם לידס תּנכישן מאָטאָ (דער אָפּשיק אין די אויסגאַבעס דאַרף זײַן: ישעיה יא 6): ונער קטון נוהג בם (יהואש זעצט איבער: און אַ קליין ייִנגל...). אין אַ טייל איבערדרוקן איז דאָס קעפּל פֿונעם ליד: "אַ ייִנגעלע וועט זיי פֿירן", אַן דעם וואָ"ו החיבור פֿונעם פּסוק. העבר' איבערזעצונג: מלצר 1977 זז' 444-445 ("ונער קטון נוהג בם": את חלומך, נביא גדול, שוב וחלומה).

מעל: משה ביק (כת״י אין דער יעקב צדקוני־זאַמלונג פונעם וואַקס־נוי אַרכיוו), בלומע מושקעס־סאָובעל (מושקעס 1968 ז׳ 9, נאָטן ז׳ 7). געזונגען: ווילי בריל (פרידמאַן אַרכיוו B-46a), שרה גאַרבי (דאָרטן G-06a, b); די אויספירונגען האָבן די קעפּלעך: ״אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן״ און ״דאָס ייִנגעלע ליגט פאַר־ברענט״. ביי ווילי בריל (די פּלאַטע הייסט ״משהלע מײַן פרײַנד״ און איז אַרויס אין האָלאַנד) הייסט דאָס ליד ״אַ ייִנגעלע״. און דעם קאָמפּאָזיטאָרס נאָמען ווערט ניט אָנגעגעבן (די מעלאָדיע איז ״טראַדיציאָנעל״).

אין מושקעס 1968 איז אַרויסגעלאָזט די 5טע (לעצטע סטראָפע, וועלכע איז דער הויכפּונקט פונעם ליד — דעם פּאָעטס ווענדונג צו ישעיהו הנביא, וואָס זײַן פּסוק דינט סײַ ווי דער העבראַישער מאָטאָ און סײַ ווי דאָס ייִדיש־קעפּל. די פאַרבליבענע 4 סטראָפעס זײַנען גאָר שטאַרק רעדאַגירט און ״פאַרבעסערט״. לאָמיר אָוועקשטעלן דעם טעקסט פון דער צווייטער, פאַרניגונטער סטראָפע קעגן איבער לייוויקס אָריגינאַל. דרײַ פּונקטן (...) באַטײַטן, אַז אין דעם מושקעס־טעקסט איז ניטאָ קיין ענדערונג:

לייוויק:

אַ וואָלף דאַרף וואוינען מיט אַ שעפּס צוזאַמען,
דאָס ייִנגעלע דאַרף פירן זיי מיט זײַנע הענט.
דערווײַל קום, נביא, ברענגען טרייסט דער מאַמען,
וואָס קלאָגט־באַקלאָגט איר ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

מושקעס:

אַ וואָלף וועט וואוינען...
דאָס ייִנגל וועט זיי פירן מיט די הענט.
נאָר הײַנט קום, נביא...
דאָס ייִנגעלע דערווײַלע ליגט פאַרברענט.

ס׳איז קלאָר פון דער אויבנדיקער אָקעגנשטעלונג, אַז ס׳איז ניט פאַראַן אין דער סטראָפע קיין איינציקע שורה אָן אַ פאַרענדערונג. אַזוי זײַנען אויך פאַרגרײַזט די אַנדערע סטראָפעס פונעם פאַרניגונטן ליד. נאָר 3 פון זײַנע 12 שורות זײַנען ניט פאַרגרײַזט, ד״ה ניט פאַרענדערט.

קען מען דאָך פרעגן: אפשר האָט דער קאָמפּאָזיטאָר דאָס רעכט צו ענדערן, פּונקט ווי עס האַנדלט ״דאָס פאָלק״ בשעת דעם פאָלקלאָריזאַציע־פּראָצעס? דער ענטפער איז קאַטעגאָריש נעגאַטיוו. דער קאָמפּאָזיטאָר וואָס האָט פאַר זײַנע אויגן אַ געשריבענעם (געדרוקטן) און ניט קיין געזונגענעם (מינדלעכן) טעקסט, מוז זיך באַציִען צו אים ווי צו אַ נאָרמאַטיווער שאַפונג, וואָס טאָר ניט געענדערט ווערן. דאָס איז דער חילוק צווישן דער שבכתב־ און דער שבעל פה־איבערליפערונג.

פון אונדזער דערפֿאַרונג, דערעיקרשט אויף דעם געביט פון דער פֿאָלקס־דערציילונג, אָבער אויך פֿונעם פֿאָלקסליד, ווייסן מיר אַז "דאָס פֿאָלק" פֿאַרגרײַזט ניט. להיפּוך! מערסטנס ווערט דער מינדלעך איבערגעליפֿערטער טעקסט, בשעת זײַן וואַנדערן פֿון דערציילער צו דערציילער און פֿון דור צו דור, אויסגעבעסערט. אַודאי קען אַ דערציילער אַ קאַליקע פֿאַרגרײַזן אַ טעקסט בשעת דעם איבער־דערציילן, ווען ער מיינט אַז ער פֿאַרבעסערט אים אָבער אין דעם אמתן מאַכט ער אים קאַליע. אָבער דאָס פֿאָלק וואַרפֿט אָפּ די דאָזיקע ענדערונגען און זעט אין זיי פֿעלשונגען, און די פֿעלשונגען האָבן ניט קיין אויסזיכט אַריבערצוגיין פֿון דור צו דור. די אומבאַגרינדעטע און אומגעלומפּערטע ענדערונגען האָבן ניט קיין אַריכות ימים; זיי גייען פֿאַרלוירן און ווערן פֿאַרגעסן. אַ טראַדיציאָנעלע גאָלדענע קייט קען ניט באַשטיין פֿון רינגען — טשערעפּעס, און אין דער הינזיכט איז ניטאָ קיין חילוק צווישן אַ פֿאָלקס־דערציילונג און אַ פֿאָלקסליד.

מאי דאָך אַז די פֿאַרגרײַזונג איז באַשײַמפּערלעך: אין לייוויקס ליד האָט יעדע ערשטע שורה פֿון אַ סטראָפֿע 5, יעדע צווייטע — 6 טראָפּן. אָבער אין דעם פֿאַרניגונטן ליד פֿאַרמאָגן אַלע שורות פֿון דער איינהייטלעכער מעלאָדיע צו 5 טראָפּן. דערפֿאַר מוזן לייוויקס שורות פֿאַרקירצט ווערן, מסתּמא כּדי זיי צופּאַסן צו דער מעלאָדיע. און אַזוי, אַנשטאָט "די מאַמע וויגט אַ פּוסטע וויג, טוט ליוליען, ליוליען — / דאָס ייִנגעלע ליגט טויט, אויף אַש פֿאַרברענט" אין סטר׳ 3, האָבן מיר דעם פֿאַרקירצטן־"פֿאַרבעסערטן" נוסח: "די מאַמע אָבער וויינט, האַלט אין איין ליוליען — / דאָס ייִנגעלע דערווײַלע ליגט פֿאַרברענט". אַוועק זײַנען פֿון די צוויי ציטירטע שורות לייוויקס פּערל: דער מאָטיוו פֿון דער ליידיקער וויג, דער אימאַזש פֿון דעם פֿאַרבליבענעם אַש, די איבערחזרונג ("ליוליען") וואָס איז אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר דער פֿאָלקספּאָעזיע. די סטערעאָטיפּיש־וויינענדיקע מאַמע און די דערווײַליקייט (אפשר איז דאָס גאָר אַ רמז צו תּחיית המתים?!) האָבן פֿאַרביטן לייוויקס פּערל, אַזוי ווי אַנדערע "אויסבעסערונגען" האָבן פֿאַרשטויסן לייוויקס קלאַנגשפּילן "קלאָגט־באַקלאָגט" און "זיי־זײַנען" אין דער אויבנציטירטער סטראָפֿע. אַ סך פֿון די "אויסבעסערונגען" בלײַבן אומפֿאַרשטענדלעך. לייוויקס "דאַרף" אין די ערשטע 2 שורות פֿון דער אויבנציטירטער סטראָפֿע ווערט געענדערט אויף "וועט", און אַזוי אויך אין די אַנדערע סטראָפֿעס פֿונעם ליד. ביידע ווערטער זײַנען דאָך איינטראָפּיק, און קיין מוזיקאַלישע נפֿקא־מינה איז דאָ ניט פֿאַראַן. צו וואָזשע דאַרף מען פֿאַרריכטן לייוויקס ייִדיש? דער חילוק (און ניט נאָר אין אַ נבֿואה) צווישן "דאַרף" און "וועט" איז דאָך משמעותדיק, און ניט נאָר פֿאַר דעם ייִדישן אויער... ס'איז אונדז קיין ספֿק ניט אַז דאָס זינגענדיקע פֿאָלק וואָלט אַזעלכע פֿאַרגרײַזונגען אין אַ געזונגען ליד ניט טאָלערירט און וואָלט דאָס פֿאַרניגונטע ליד ניט "אויפֿגענומען", ניט "איבערגעגעבן" און ניט געזונגען.

די מאַמע איז געפאָרן צום רײַכן פעטער.

אַלע ווערק זז׳ 603־604. דאָס צווייטע ליד אין דעם ציקל ״דערמאָנונגען״. 12 סטר׳.

רעצ: בראַדין L־10b.

18. די נאַכט איז פינצטער / און איך בין בלינד.

אַלע ווערק ז׳ 22 (ערגעץ ווײַט). 4 סטראָפעס.

מעל: יהושע שמואל ווײַסער (כת״י פאַרפאַסט אין 1932; פג״ל סענדריי 1951 נ׳ 8612). רעצ: בראַדין L־10a.

19. די נאַרע איז קורץ, / נאָר שלאָפן מוז יעדער זיך לייגן.

אַלע ווערק ז׳ 27 (ערגעץ ווײַט). 2 סטר׳. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 41.

מעל: לאַזאַר ווײַנער (כת״י, פאַר אַ כאָר; דערמאָנט דאַרטן ז׳ 310).

20. די פעלדער — צעשפרייט אין דער לענג און דער ברייט (״נאַכאַנאַנד״).

אַלע ווערק ז׳ 40 (אויף די וועגן סיבירער). דרײַ סטראָפעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 45.

מעל: לייבו לעווין (כת״י 1981־82).

״די קאַפּעליע״ — זע: בערל שפּילט אויפן פידל.

21. די שויבן פאַרמויערט, / געפרוירן די הענט.

אַלע ווערק ז׳ 25 (הינטערן שלאָס). 4 סטר׳. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 47.

מעל: לייבו לעווין (כת״י 1981־82).

22. דער טאָג האָט מיך פאַרלאָרן, / די נאַכט האָט מיך געפונען.

טרעבלינקע זז׳ 208־209. 7 סטר׳. 5 פון די 28 שו׳ פונעם ליד זײַנען אַ קול וואָס דער פּאָעט הערט עס (שו׳ 5: ״און אַט דערהער איך ווערטער״).

מעל: מרדכי ירדני (פאַרפאַסט 1963; ירדני 1966 זז׳ 100־102; נאָר דרײַ סטראָפעס: נג׳ 1, 3, 4).

דער טאַטע האָט דאָס ציגעלע געהאַנדלט פאַר צוויי זוזים (״דאָס ציגעלע״).

אַלע לידער ז׳ 607. 7 סטר׳. דאָס 5טע ליד אין ציקל דערמאָנונגען (1939), געשריבן לויטן ריטעם און גראַם (א־ב־ג־ב) פון די ״חד־גדיא״־לידער. העבר׳ איבערזעצונג: גפן 1986 ז׳ 40. דאָס ליד ״חד־גדיא״ אין בלאַט זז׳ 82־83 האָט 8 סטראָפעס, און זײַן ריטעם איז ענלעך צו דעם פון ״דאָס ציגעלע״ (דער גראַם

איז אָבער א־ב־א־ב). אין דעם פֿאַרמלחמהדיקן ״דאָס ציגעלע״ האָט עס ״טאַנצנדיק אַרײַנגעטאַנצט / אין דאָרן״, און דעם פּאָעטס ליד איז ״אַ טרייסט־וואָרט וואָס דערמוטיקט״ דאָס צעבלוטיקט ״ווײַס־ציגעלע״. דאָס נאָכמלחמהדיקע ״חד־גדיא״ ליד פֿאַרמאָגט מער געזאַנג ווערטער: דאָס שניי ווײַסע ציגעלע ״זינגט אַלץ אַ ניגון אַ מילדן״ און ווערט אויפֿגעפֿאָדערט פֿונעם פּאָעט ווײַטער צו זינגען (״זינג, זינג!״) בשעת עס וויגט דאָס וויגעלע אין וועלכן ״דאָס קינד איז ניטאָ״. דאָס ציגעלע ״וויגט זיך אין ניגון״ כּדי ״צו זינגען דאָס אייביקע ניגעלע״.

דער ים שטילט אײַן זײַן שטורעם (״מוזיק״).

לידער צום אייביקן ז׳ 66. 6 סטראָפֿעס, וואָס יעדע איינע פֿון זיי ענדיקט זיך מיט דעם וואָרט ״מוזיק״. אין דעם ליד קומען אויך פֿאָר די ווערטער: געזאַנג, ניגון.

רעצ: בראָדין L־10a.

״דער לויטערער זייער״ — זע: אָט קומט ער, דער לויטערער זייער.

״דער מדבר (קעמל) קאַראַוואַן״ — זע: איבער מדברס הייסן זאַמד.

23. דרעמלענדער ייִנגעלע, ייִנגעלע מײַן, / קוק נישט צו מיר אין די אויגן אַרײַן.

אַלע ווערק זז׳ 125־126 (אין קיינעמס לאַנד). 7 סטר׳. קאַץ־קאַפּשטיין 1976 ז׳ 97 (העבר׳ איבערזעצונג: אופק 1983 ז׳ 103: ״ילד חולמני״). בײַ ראָזשאַנסקי 1963 ז׳ 310, הייבט זיך דאָס ליד אָן: ״דרעמלענדיק״.

מעל: פּינחס יאַסינאָווסקי (פֿאַרלאַג ״רננה״, נ״י 1925, 5 זז׳; פּג״ל סענדריי 1951 נ׳ 8409). נאָר 6 סטר׳; (די 5טע סטר׳ פֿעלט). געזונגען: לישנער L־04b ז׳ 1 נ׳ 8, און מילער טאַשמע 5, נ״י 1988, ז׳ 1 נ׳ 6.

24. האַלבע נאַכט. מיר ליגן אויסגעצויגן (״אַליין״).

אַלע ווערק ז׳ 43 (אויף די וועגן סיבירער). 3 סטראָפֿעס.

מעל: לייבו לעווין (כּת״י 82־1981).

״הירש לעקערט״ — זע: אַז הירשקע איז פֿון שטוב אַרויסגעגאַנגען.

הערט, רבותי, דאָס געשפּיל — זע: שײַך צו וויינען.

25. וואוהין, זאָג, וואוהין און צו וועמען / געלאָזן אין וועג זיך אַליין?

אַלע ווערק זז׳ 21־22 (ערגעץ ווײַט). 5 סטראָפֿעס.

מעל: לייבו לעווין (כּת״י 82־1981).

26. וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט.

אַלע ווערק ז' 49 (דאָס 9טע ליד אין דעם ציקל אין שניי; זע אויבן: אַ ביסל געשטאַנען). 4 סטראָפעס. ביי ראַזשאַנסקי 1963 זז' 52־53 איז דאָס קעפּל, ווי אין דער אָריגינאַל־אויסגאַבע: "וואַרעמער אויוון".

מעל: לייבו לעווין (כת"י 82־1981).

27. וואַלט כאַטש ווער געקומען / אונדז אַנטקעגן ("טויטע וועגן").

אַלע ווערק ז' 40 (אויף די וועגן סיבירער). 4 סטראָפעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז' 51.

מעל: לייבו לעווין (כת"י 82־1981; ביי לוין־ניגונים הייסט דאָס ליד: "כאַטש וואַלט ווער געקומען").

"וואַרעמער אויוון" — זע: וואוינען זיך מענטשן.

וואָס קלאַפּסטו, ברודער, אין מיין טיר?

טרעבלינקע זז' 86־87 (דאָס לעצטע ליד אין אַ ציקל פון 6 לידער געשאַפן "צום זינגען". זע: אויפן בוידעם). 3 סטר', אין יעדער פון זיי 12 שו'. דאָס קעפּל איז אַן אַנצוהערעניש צו די באַקאַנטע פאָלקסלידער וועלכע הייבן זיך אָן "ווער קלאַפּט עס אַזוי שפּעט ביי נאַכט?" (זע ווק"ל 1983־1987 ב' 1, זז' 49־50). דער ריטעם אין לייוויקס ליד איז אַנדערש, און אַזוי אויך דער גראַם (א־א־ב־ב, ניט א־ב־ג־ב).

ווי הערשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען — זע: אַז הירשקע איז פון הויז אַרויסגעגאַנגען.

28. זאַמד און שטערן קומען נאָענט זיך צוזאַמען ("קיבוץ גלויות").

בלאַט זז' 224־225. 8 סטר'. ראַזשאַנסקי 1963 זז' 213־214.

מעל: בלומע מושקעס־סאָובעל (מושקעס 1968 ז' 31, נאָטן ז' 30). נאָר 4 סטראָפעס (נג' 1, 4, 7, 8) פונעם אָריגינאַל. לייוויקס טעקסט איז שטאַרק "אויסגעבעסערט": אַזוי למשל איז אַרויסגעלאָזט אין דער ערשטער שורה דאָס וואָרט "נאָענט"; דאָס וואָרט "סנה", וואָס קומט פאָר דריי מאָל אין ליד, איז פאַרביטן דורך "סיני": "דער סיני" אַנשטאָט "גאָטס סנה", "סיני־פלאַקער" און "סיני־פלאַם" אַנשטאָט "סנה־פלאַקער" און "סנה־פלאַם".

29. זייט געזונט, זייט געזונט, / מאָרגן פאָר איך אָפּ.

אַלע ווערק ז' 33 (הינטערן שלאָס). 3 סטר'. ראַזשאַנסקי 1963 ז' 49.

מעל: לעאָן אַלגאַזי (1964; 1 סטראָפע); מיכל געלבאַרט (געלבאַרט 1933 ז׳ 7). רעצ: בראַדין L-10b.

״חד גדיא״ — זע: דער טאַטע האָט דאָס ציגעלע געהאַנדלט.

״טויזנט געזאַנגען פון זעכציק גיבורים״ — זע: דאָ שלאָפן — דאָ רוען טויזנט געזאַנגען.

״טויטע וועגן״ — זע: וואַלט כאָטש ווער געקומען.

״טולפּאַנען״ — זע: רויטע, ראַזעווע און מילכווײַסע טולפּאַנען.

30. טיף אין הארץ — אַ ציטער (״אַזויפיל גליק״).
אַלע ווערק ז׳ 12 (ערגעץ ווײַט). 3 סטר׳. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 34.
מעל: יהושע שמואל ווײַסער (כת״י 1937; פּג״ל מענדריי 1951 נ׳ 8595).

״יונה הנביא אין די אינגעווייד פונעם גרויסן דג״ — זע: איך ליג אַן אײַנגעקלאַמערטער.

31. יידן זינגען אין די בונקערס: אני מאמין (״יידן זינגען: אני מאמין״).
בלאָט ז׳ 48. 4 סטראָפעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 205, ראַזשאַנסקי 1970 זז׳ 218-219. העבר׳ איבערזעצונג: חיים שורר (דבר 20.4.1950: ״יהודים שרים בבונקרים״).
מעל: לאַזאַר ווײַנער (ווײַנער 1980 נ׳ 1; געזונגען: לישנער L-04b ז׳ 2 נ׳ 4; חזן פאָול אַבעלסאָן מיט אַ קינדער־כאָר אין פרידמאַן־אַרכיוו טאַשמע H-06f, רעקאָרדירט אין לאָנדאָן, Royal Festival Hall, דעם 28.3.1990), לייבו לעווין (לעווין 1980 ז׳ 43; לווין־ניגונים).

״יידעלע־פידעלע״ — זע: ס׳הערצל פון אַ זיבן־יאָריק יידעלע.

ירושלים און חיפה / אויף בערגיקע טרעפּ / ווי זאַנגען ווי רײַפע / פאַרנייגן די קעפּ.
לידער צום אייניקל ז׳ 74. געשריבן אין ירושלים, אויגוסט 1957. 6 סטראָפעס.
רעצ: בראַדין L-10a.

״כאָטש וואָלט ווער געקומען״ — זע: וואַלט כאָטש ווער געקומען.

כלהשע, כלה — ניט וויין.

חתונה זז׳ 169־171. אָנהייב פֿון 8 פֿאַרשיידענע סטראָפֿעס, מיט וועלכע עס ווענדט זיך אין דער דראַמאַטישער פֿאָעמע דער ״יונגער פֿליט״ צו דער וויינענדיקער כלה, כדי זי צו באַרואיקן. די סטראָפֿעס האָבן 11, 10 און 11 שורות, זײַנען ריטמיש און געגראַמט. די צווייטע שורות, וועלכע גראַמען זיך אין די דרײַ סטראָפֿעס מיט דער אָנהייב־שורה, זײַנען: דאָס האַרץ פֿון דײַן חתן איז ריין (ז׳ 169), די פּחדים וועלן אַלע פֿאַרגיין (ז׳ 170), מײַן וואָרט פֿון נחמה איז קליין (ז׳ 171).

די מעלאָדיע איז מסתּמא פֿון דעם טראַדיציאָנעלן ״כלה־באַוויינען״ בשעת דער חתונה: ״כלהניו, כלהניו, וויין זשע, וויין״.

32. לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, / ווײַטע שטראַלנדיקע טעג.

אַלע ווערק ז׳ 45. דאָס ערשטע ליד אין דעם ציקל אין שניי, מיט אַ קעפּל: ״אַ גוטע נאַכט״ (זע אויבן: אַ ביסל געשטאַנען). 4 סטראָפֿעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 48.

מעל: לייבו לעווין (לעווין 1980 זז׳ 45־46).

״ליו־ליו״ — זע: שלאָף, שלאָף, שלאָף.

33. לייג דײַן קאָפּ אויף מײַנע קני, / גוט אַזוי צו ליגן.

אַלע ווערק זז׳ 63־64 (בײַם ראַנד). 4 סטראָפֿעס. העבר׳ איבערזעצונג: ברתיני 1977 ז׳ 16.

מעל: לייב בירנאָוו (ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 58; דעם קאָמפּאָזיטאָרס נאָמען איז ניט אָנגעגעבן). די באַקאַנטע מעלאָדיע איז פֿון סאַלאָמאָן גאָלוב (פֿאַרלאַג ״מעטראָ״ נ׳ 82, ז׳ 103 און יהושע פּ. כּץ, נ״י 1924; העברי לעפֿקאָוויטש, נ״י 1927; גאָלוב 1929; פּג״ל סענדריי 1951 נ׳ 8384); זי ווערט געזונגען פֿון: חזן מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש (פֿרידמאַן אַרכיוו A־05a), טאַלילאַ (דאַרטן T־15c), מילער טאַשמע 3, נ״י 1988, ז׳ 1 נ׳ 8. חזן אַלעקסאַנדראָוויטש זינגט אויך בירנאָווס מעלאָדיע (פֿרידמאַן אַרכיוו F־12).

״מאַרסעליעזע״ — זע: אַרונטער מיט דער וועלט דער אַלטער.

״מדבר קאַראַוואַן״ — זע: איבער מדברס הייסן זאַמד.

״מוזיק״ — זע: דער ים שטילט אײַן זײַן שטורעם.

34. מײַן תפילה — איך װײס נישט צו װעמען זי טראָגן.
בלאַט ז׳ 16. 4 סטר׳. ראָזשאַנסקי 1963 ז׳ 202, ראָזשאַנסקי 1970 ז׳ 216.
מעל: לאַזאַר װײַנער (װײַנער 1980 ז׳ 9 נ׳ 3).

35. מײַן תפילה צו דיר, באַשאַפער: װי באַלד / איך בין באַשאַפן אין דײַן געשטאַלט.
בלאַט ז׳ 346. דרײַ סטראָפעס, 16 שו׳ (5+9+2). דער גראַם: א־א־ב־ב (זעלטן בײַ לײװיקן).
מעל: לאַזאַר װײַנער (װײַנער 1948 ז׳ 15, נ׳ 5). 2 סטר׳; געזונגען: לישנער L־04b ז׳ 2 נ׳ 2.

36. מיר װעלן זיך קײנמאָל ניט זען מער („א שטיקל פּאַפּיר״).
אַלע װערק ז׳ 15 (ערגעץ װײַט). 3 סטראָפעס.
מעל: מיכל געלבאַרט (געלבאַרט 1956 נ׳ 26; געזונגען: דויד קערי, פרידמאַן אַרכיװ C־09a); סידאָר בעלאַרסקי (בעלאַרסקי 1970 נ׳ 59; געזונגען: פרידמאַן אַרכיװ B־03j און R־13a); חיים פערשקאָ (געזונגען: שרה פערשקאָ — RCO פּלאַטע N7OP־3765. אינפאָרמאַציע פונעם פרידמאַן אַרכיװ).
רעצ: בראַדין L־10a, b.

37. ממעמקים — / אַ װאָרט אַזאַ. / אַ װאָרט אַזאַ: / פונדערטיפעניש.
אַלע װערק זז׳ 550־551. דאָס לעצטע (19טע) ליד אין דעם ציקל לידער צו דער באַרעמהערציקער שװעסטער. 3 טײלן (14+12+19 שו׳).
מעל: שלום סעקונדאַ („מעטראָ״ פאַרלאַג, נ״י, נ׳ 312; פג״ל סענדרײ 1951 נ׳ 8538). געזונגען: העגרי ראָזענבלאַט (פרידמאַן אַרכיװ R־13a).

מענטשן האָבן באַדאַרפט קומען.
לידער צום איביקן ז׳ 21. 3 סטר׳ (6+10+8 שו׳). העבר׳ איבערזעצונג: ברתיני 1977 ז׳ 72 („בני אדם עמדו לבוא״).
רעצ: בראַדין (L־10a), הערץ גראָסבאַרד (פרידמאַן אַרכיװ R־13a).

מקובלים / אױפגעשטאַנענע אין חלום („מקובלים אין צפת״).
בלאַט זז׳ 226־228. 66 (3+11+23+16+8+5) שורות. העבר׳ איבערזעצונג: נפתלי גינתון (הצופה 20.4.1951; עיונים לזכרו של נפתלי גינתון, ת״א 1974, זז׳ 23־24).
רעצ: חיים אָסטראָװסקי (פרידמאַן אַרכיװ O־04b).

"נאַכאַנאַנד" — זע: די פעלדער — צעשפּרייט.

"ניט בלײַב אַליין" — זע: אויף ווײַסע בערג די זון פאַרגייט.

"ניט געזעטיקט" — זע: איך בין אַלץ נאָך ניט געזעטיקט.

נעם אונדז, זון, צוריק אַרײַן אין זיך ("נעם אונדז, זון, צוריק אַהייט").
אַלע ווערק ז' 611. 38 שורות. העבר' איבערזעצונג: ברתיני 1977 זז' 57־58.
רעצ: בראַדין L־10b.

38. סאָלדאַטן אַרום בײַ די זײַטן, / מיר שטייען צו פירען אין רייען.
אַלע ווערק ז' 39 (אויף די וועגן סיבירער). 4 סטראָפעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז' 47.
מעל: לייבו לעווין (כת"י 82־1981; לוין־ניגונים).

ס'הערצל פון אַ זיבן־יאָריק יידעלע / ליגט און גוסט אויף אַ גאָלדן פידעלע ("אַ זיבן־יאָריק יידעלע").
טרעבלינקע זז' 82־83 (דאָס 4טע ליד אין אַ ציקל פון 6 לידער געשאַפן "צום זינגען"; זע אויבן: אויפן בוידעם). 8 סטראָפעס מיט אַ 2־שורהדיקן רעפרען וואָס קומט נאָך דער 1טער, 3טער, 7טער און 8טער סטר'. דאָס וואָרט "פידעלע" חזרט זיך איבער אין ליד, און אַזוי אויך "סטרונעלע" און "לידעלע", וועלכע געהערן, ווי "פידעלע", צום שפּראַך־אוצר פון די גאַסן־קלעזמער, פאַר וועלכע דאָס ליד איז, לויט לייוויקס אָנווײַזונג, באַשטימט צום זינגען. די מאָטיוון פון דער געפּלאַצטער סטרונע, דעם אַנטשוויגענעם פידל און די טויטע קלעזמער ווי סימבאָלן פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, קומען אויך פאָר אין אַנדערע לידער פונעם דערמאָנטן ציקל. פג"ל די באַמערקונג צו "אַ, סטרונעס פון יידישע פידלען" און צו "שמערל — אָן אַ פידל". פג"ל אויך די פראַגע פונעם צווייטן קלעזמער אין חתונה ז' 157: "מעגן מיר, הייסט עס, נעמען שפּילן אויף אונדזערע פאַרברענטע פידלעך?" אין דער זעלביקער חתונה־דראַמע רעדט די בדחן־געשטאַלט וועגן אַנצײַען "די סטרונעס אויף אַשיקן פידל" (ז' 160) און זינגט אין נאָמען פון די "מיליאָנען... פאַרגאַנגענע יידעלעך": "שפּילט, שפּילט פידעלעך, / אונדזערע פידעלעך, / איבערגעברענטע אין העלישן פלאַם" (ז' 163).
רעצ: נח נאַכבוש (פרידמאַן־אַרכיוו N־01a; דאָס ליד הייסט: "יידעלע־פידעלע").

39. עס וועלן אונדז בײַנאַכט / קיין פרעמדע טריט דערפרייען ("אַ חורבה").

אַלע ווערק ז׳ 42 (אויף די וועגן סיבירער). 3 סטראָפעס. ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 48.

מעל: לייבו לעווין (כת״י 82־1981).

40. עס לעשט זיך, עס לעשט זיך, ליכט נאָך אַ ליכט.

הינטערן שלאָס, ווילנע 1925, ז׳ 163. פונעם ציקל ״ביים ראַנד״. ניט אַריין אין אַלע ווערק. 3 סטראָפעס.

מעל: חיים ריטערבאַנד (ריטערבאַנד 1938 ז׳ 13, נ׳ 5; נאָר די ערשטע 2 סטראָפעס).

41. ערגעץ וויַט ערגעץ וויַט / ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע.

אַלע ווערק ז׳ 7 (דאָס ערשטע ליד אין ערגעץ וויַט). לייוויקס ערשט געדרוקט ליד. 2 סטראָפעס, 8 שורות אין יעדער פון זיי. מלאָטעק 1974 זז׳ 301־302. לייוויקס שפּעטערדיקע לידער פאַרמאָגן אָפּטמאָל אַנצוהערענישן צו זיַין ערשט ליד. פג״ל דאָס ליד ״ווי זעט אויס די געלע לאָטע״ (אַלע ווערק זז׳ 639־640), וואו עס קומען ווי אַ מין רעפרען (אין קלאַמערן) די שורות: ״ערגעץ וויַט, ערגעץ וויַט / ליגט אין שניי אַ געפאַנגענער״, ״ערגעץ וואַגלט ווער אום / טיף אין שניי אַ פאַר־שאָטענער״, ״ערגעץ וויַט, ערגעץ וויַט / ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע״. אויך דאָס ליד ״פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם ביז דעם לאַנד דעם באַטראָטענעם״ (בלאָט זז׳ 181־182; ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 209־210; 7 סטר׳) איז מרמז צו אונדזער ליד, האָט אָבער אַן אַנדערן ריטעם. צו לייוויקס פאַרשיידענע ״גן־עדן לענדער״ פג״ל ריווקין 1955, זז׳ 104־105, 143־147. העברי׳ איבערזעצונגען: יהודה קרני (הדואר 28.3.1941, זז׳ 353־355: ״אי שם, הרחק״), ברתיני 1977 ז׳ 5 (״אי־רחוק״).

מעל: לאַזאַר וויַינער (פאַרלאַג ״יבנה״, ווין 1936; פג״ל סענדריי 1951 נ׳ 8586; געלבאַרט 1945 זז׳ 76־77; בוגאַטש 1961 ז׳ 81; ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 32; מלאָטעק 1989 זז׳ 84־85, מיט אַן ענגלישן רעזומע; דאַרטן ז׳ 85: ״דאָס זינגליד איז געווען פאַרשפּרייט אין אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן״; געזונגען: חזן לואיס דאַנטאָ אין פרידמאַן אַרכיוו D־04; ביאַנקאַ סאָולער דאַרטן W־05a, אויף אַ פּלאַטע פון יידיש־פּאָעזיע פאַרניגונט פון לאַזאַר וויַינער); מיכל געלבאַרט (געלבאַרט 1951 ז׳ 22 נ׳ 7; געלבאַרט 1955 זז׳ 76־77); לייבו לעווין (כת״י 82־1981; לווין־ניגונים). רעצ: בראַדין L־10b.

אַ רשימה אין ראַזשאַנסקי 1963 ז׳ 310 פאַרצייכנט די [געדרוקטע] ״מוזיק געשאַפן צו ה. לייוויקס לידער״: 9 מעלאָדיעס צו 8 פון לייוויקס לידער, פאַרפאַסט דורך 7 קאָמפּאָזיטאָרן. דער לעצטער אין דער רשימה איז ראַליי וואָס זיַין מוזיק (סאָלאָ און פיאַנאָ) צו ״ערגעץ וויַט״ איז, לויט דער אָנגעגעבענער אינפאָרמאַציע, געווען געדרוקט אין ווילנע, 1935. מיר האָבן דעם דאָזיקן דרוק ניט געזען, און

דעם קאָמפּאָזיטאָרס נאָמען איז אונדז אומבאַקאַנט. אין דער דאָזיקער רשימה איז "ערגעץ וויַיט" דאָס איינציקע ליד לייוויקס וואָס פיגורירט צוויי מאָל. אין אַ צוגאָב־רשימה דאָרטן, פון לייוויקס פאַרניגונטע לידער וואָס עקסיסטירן אין מאַנוסקריפּט און זיַינען ניט געדרוקט, איז פאַרצייכנט אַ פערטע מעלאָדיע צו "ערגעץ וויַיט", פאַרפאַסט פון וולאַדימיר חפץ. דער אָנוויַיז דאָרטן, "ווילנע 1935", פאַסט זיך גיכער פאַר אַ געדרוקט ווערק. אין אַז"י זיַינען קיין ידיעות וועגן דער דאָזיקער פערטער מעלאָדיע ניט פאַראַן.

42. ערשטע שטילע גראָזן / האָבן ניט קיין מורא פאַר אַ שטורעם ("ערשטע גראָזן").

בלאַט ז' 131. 6 סטר', 3 שורות אין יעדער פו זיי. העבר' איבערזעצונג: ברתיני 1977 ז' 75 ("ראשוני עשבים").

מעל: לייבו לעווין (לעווין 1980 ז' 47; דאָס קעפּל: "שטילע גראָזן").

פאַרשניטן — די זאַנגען, / פאַרטריבן — דער שומר ("אַ ניגון").

בלאַט זז' 153־154. 7 סטר'. אַ סך אָנצוהערעניש (אויך אַחוץ דעם קעפּל) צו נגינה. דער וואַנדערער מיט דער פוסטער טאָרבע "ציט געזאַנג" פון אַ דודע אינסטרומענט (ער דודעט!), און זיַין ניגון פליסט.

פון וויַיטן אַמאָל אַנטפּלעקן זיך אויגן ("אַמאָל איז געווען").

בלאַט ז' 329. 5 סטר'. אַן ענלעך קעפּל, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט ווי אַן אַריַינפיר אין יידישע פאָלקס־מעשיות און דערציילערישע לידער, האָט לייוויקס אַ ליד ("אַמאָל איז געווען אַ מענטש") אין אַלע ווערק זז' 565־566. צום סוף פון יעדן פון זיַינע 5 טיילן (7+11+15+14+24 שורות) חזרן זיך איבער 3 מאָל די 2 ווערטער "באַרג אַרויף" (אין טיילן 1, 3, 5), אָדער "באַרג אַראָפּ" (אין טיילן 2, 4).

רעצ: בראָדין L־10a.

43. פון וויַיטע טעג / אַן אַלט געזאַנג / הילכט אָפּ אין מיר.

בלאַט ז' 173. 4 סטר'. ראָזשאַנסקי 1963 ז' 225.

מעל: לאַזאַר וויַינער (וויַינער 1980 ז' 6, נ' 2). געזונגען: לישנער L־04b ז' 2 נ' 3.

פון טויזנט זאַכן אויף דער וועלט איז מיר פון קינדהייט נאָך פאַרבליבן ("אַ בייגעלע פאַפּיר").

לידער צום אייביקן ז' 22. 4 סטר'.

רעצ: בראָדין L־10a.

צוויי זילבערנע בעכער.

בלאַט זז' 216־217, מיט אַ ווידמונג "פאַר רבקה גובר אין כּפר וואַרבורג" (אויף אירע צוויי בעכער זײַנען "אויסגעקריצט / די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער" — אירע קינדער). 8 סטראָפעס. ראָזשאַנסקי 1963 זז' 216־217. העבר' איבערזעצונג: מיכאל דשא (דבר 9.3.1958, מעריב 11.1.1963): "שני גביעי כסף". רעצ: שמאי ראָזענבלום (פרידמאַן אַרכיוו R־12d).

44. צוויי מעשענע לײַכטערס אויף ביידע זײַט שאַנק.

בלאַט ז' 76. דער 7טער סאָנעט (3 סטראָפעס פון 8+4+2 שורות) אין אַ ציקל פון 17 סאָנעטן: "דערמאָנונגען".

מעל: לעאָן ווײַנער (ראָזשאַנסקי 1963 זז' 214־215; געזונגען: רבקה קליניצקי־ווײַנער אויף אַ טאַשמע לאָמיר זינגען, אַרויסלאָז "חברשאַפט" (Dolby) Estereo-Industria Argentina, Homenaje de "Javerschaft" a los 40 anos (de actuacion de la cantante Riwka Klinitzki Wainer en la Argentina, ב"א 1990, ז' A [נ' 3]. די אויספירונג איז פאַראַן אויך אויף אַ פריִערדיקער פּלאַטע וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען ווי די טאַשמע, און איז אַרויס אין ב"א, פאַרלאַג "רינאַ".

45. צופוסנס פון ים — אַ בלוי־זילבערנע צונג ("צופוסנס פון כּרמל").

לידער צום איביקן זז' 93־94; 7 סטראָפעס. ראָזשאַנסקי 1968 זז' 308־309 (דאָס קעפּל: "אויפן כּרמל"; אַזוי אויך בײַ בראַדין L־10a). פג"ל אויך דאָס ליד "אויפן הר־הכּרמל רוקן / וואַקסן נײַע ווײַסע שטיבער" אין בלאַט זז' 206־207 (6 סטר'), איבערגעזעצט אויף העברי' פון נפתלי גינתון: "במרומי הכּרמל".

"קום אַהיים" — זע: אויפן פעלד שטייט אַ בוים.

46. קומען ערגעץ ווען מיר צופאַרן.

אַלע ווערק ז' 53 (דאָס 17טע ליד אין דעם ציקל אין שניי; זע אויבן: אַ ביסל געשטאַנען. דאָס קעפּל אין דער אָריגינאַל־אויסגאַבע איז: "אין זומערדיקן לאַנד"). 5 סטר', 5 שו' אין יעדער איינער פון זיי.

מעל: לייבו לעווין (כּת"י; די דאַטע פעלט אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה בײַ לעווין 1984, אָבער פּרוי שורא לעווין האָט זי אונדז געלאָזט וויסן: 82־1981. מיר דאַנקען איר פאַר דער אינפאָרמאַציע).

"קיבוץ גלויות" — זע: זאַמד און שטערן קומען זיך צוזאַמען.

47. קיינער וועט ניט קומען, / ס'איז אומזיסט צו וואַרטן.
אַלע ווערק ז' 19 (ערגעץ ווײַט). 3 סטראָפעס. ראָזשאַנסקי 1963 ז' 35.
מעל: לייבו לעווין (כת"י 82־1981).

רויטע, ראָזעווע און מילכווײַסע טולפּאַנען ("טולפּאַנען").
לידער צום אייביקן ז' 286. 4 סטראָפעס.
רעצ: בראַדין L־10a.

48. שוואַרצער פּופּיק, שוואַרצער בויך, / זופּ די טויטע גרינע יויך ("אייניקל פון אַנקל טאָם").
אַלע ווערק זז' 274־275 (אַלטמאָדיש; פון דעם ציקל נעגערשעס). 3 סטר' (6+12+12 שו').
מעל: חיים ריטערבאַנד (ריטערבאַנד 1935 ז' 55 נ' 43; 6 סטר' פון 2 מאָל 3, און 4 מאָל 6 שו'). רעצ: בראַדין L־10a.

שוין לאַנג, שוין לאַנג פאַרגעסן ("דיאַלאָג").
לידער צום אייביקן ז' 65. 25 שו'.
רעצ: בראַדין L־10b.

שטייט אויף, איר קנעכט פון אַלע לענדער ("אינטערנאַציאָנאַל").
איבערזעצונג פון דעם באַקאַנטן רעוואָלוציאָנערן הימען (פּאַרפּאַסט 1871 פון אויזשען פּאָטיע; מעל: פּיער דעגייטע). 5 סטראָפעס, וואָס איינע פון זיי איז דער רעפרען: דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער / און אַנטשײדענער זיג. אַן עלטערע איבערזעצונג ("שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן / אין הונגער לעבן מוז און נויט"; רעפרען: "דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער / און אַנטשיידע־נער שטרײַט") איז געבליבן פּאָפּולער אין די לינקע קרײַזן. די 1טע אויפלאַגע פון מיכל געלבאַרטס לאָמיר זינגען (געלבאַרט 1937) הייבט זיך אָן מיט דער עלטערער איבערזעצונג, די 2טע (געלבאַרט 1938) — מיט דער נײַער (לייוויקס).
די "אינטערנאַציאָנאַל"־מעלאָדיע איז געדרוקט אין אַ סך ייִדישע זינגליד־זאַמלונגען, וואָס פאַרמאָגן איינע פון די ייִדיש־איבערזעצונגען פונעם הימען. פּג"ל בערעגאָווסקי־פעפער 1938 ז' 3 (3 סטראָפעס); "מעטראָ" נ' 6 (איין סטראָפע, אַרויסלאָז פון י. פּ. כּץ, אַראַנזשירט פון העגרי לעפקאָוויטש); געלבאַרט 1925 (נ' 32, נאָטן זז' 48־50; די 2טע שו': "וואָס הונגער ליידען מוז און נויט"; דער רעפרען האָט אין זײַן צווייטער שורה "זיג" אַנשטאָט "שטרײַט"); געלבאַרט 1938 נ' 1 (איין סטראָפע). אַ סך פון די איבערזעצונגען זײַנען אַנאָנים, אָבער מע קען זיי אידענטיפיצירן לויט די פאַרשיידענע אָנהייבן פונעם טעקסט און פונעם רעפרען.

49. שטיל אויף די בערג אויף די כּרמלשע.

לידער צום איבּיקן זז׳ 95־96, 8 סטר׳.

מעל: משה ביק (טראַנסמיטירט אין "קול ישראל", ירושלים, אָבער ניט גע־דרוקט. מיר דאַנקען פר׳ משה שעדלעצקי פאַר דער אינפאָרמאַציע).

"שטילע גראַזן" — זע: ערשטע שטילע גראַזן האָבן ניט קיין מורא.

"שטערן" — זע: איך הייב מײַנע אויגן צום הימל.

שײַך צו וויינען, / שײַך צו קלאָגן?

חתונה ז׳ 160, 6 סטר׳ אין דער 10טער סצענע פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע, אין דעם מויל פון דער "בדחן־געשטאַלט". דאָס ליד איז אַ רוף צו די קלעזמער (סטר׳ 2: נעמט בעסער, קלעזמער, / נעמט בעסער שפּילן), און עס ווערן דערמאָנט סטרונעס און פידל. די קלעזמער הייסן (סטר׳ 5) שמערל און יידל (זע אונטן, באַמערקונג צו: שמערל — אַן אַ פידל). די 2 לעצטע סטראָפעס זײַנען: שפּילט זשע אַ פריילעכס / פאַר חתן־כּלה.

אויך אין אַן אַנדער ליד (דאָרטן ז׳ 161) ווענדט זיך די בדחן־געשטאַלט צו דעם עולם פון די פאַרזאַמלטע חתונה־געסט. דאָס ליד (אַנהייב: הערט, רבותי, דאָס געשפּיל) פאַרמאָגט 6 סטר׳ (די 2טע און 5טע האָבן צו 5 שורות) און האָט אין זײַן ווערטער־אוצר די ווערטער: געשפּיל, טאַנץ, סטרונע, פידעלע.

מע קען דאָס ליד זינגען מיט אַ מעלאָדיע פון אַ "חתונה־פריילעכס".

50. שלאָף, שלאָף, שלאָף, / דער פאַסטעך פאַריאָגט האָט זײַן שאָף.

אַלע ווערק זז׳ 18־19 (ערגעץ ווײַט). 5 סטראָפעס. **ראַזשאַנסקי 1963** ז׳ 36. העבר׳ איבערזעצונגען: **ברתיני 1977** ז׳ 10, **אופק 1983** ז׳ 102. בײַביידע איז דאָס קעפּל: "נום, נום".

מעל: לייבו לעווין (פאַרפאַסט 1936, געדרוקט אין 6 **שלאָפלידער**, טשערנאָוויץ 1939, פאָטאָגראַפישער איבערדרוק, ת״א 1969; **קאַץ־קאַפּשטיין 1976** ז׳ 98, נאָטן קעגן איבער ז׳ כ״ב; בײַ לווין־ניגונים הייסט דאָס ליד: "ליו־ליו").

שמערל — אַן אַ פידל, / בערל — אַן אַ באַס ("אין ישראלס זונען").

טרעבּלינקע זז׳ 84־85 (דאָס 5טע ליד אין אַ ציקל פון 6 לידער געשאַפן "צום זינגען"; זע אויבן: אויפן בוידעם). 12 סטראָפעס. **ראַזשאַנסקי 1963** ז׳ 197. דער ליד־אַנהייב איז אַ רמז, מיט אַ טראַגישן אַרומדריי, צום באַקאַנטן פאָלקסליד "יידל (אויך: בערל) מיטן פידל, / בערל (אויך שמערל) מיטן באַס"; פג״ל ענלעכע טראַגישע אַרומדרייען אין די פאָלקלאָריזירטע לידער "ניט קיין ראָזשינקעס

און ניט קיין מאַנדלען" (ישעיה שפּיגל, מעל: דויד בייגעלמאַן; זע ווק"ל 1987-1983 ב' 4, זז' 82-83), "אונטער די פּוילישע גרינינקעביימעלעך" (יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מעל: י. אַלטער, עטל קאָוועַנסקאַ; זע דאָרטן זז' 75-79). א"א. דער גראַם אין לייוויקס ליד איז ניט דער פּאַלקסגראַם א־ב־ג־ב, נאָר א־ב־ב־א, וואָס קומט ביַי לייוויקן זעלטן פֿאָר. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פּאָפּולערסטער גראַם אין לייוויקס פיר־שורהדיקע סטראָפֿעס (אַזוי אויך אין די פּאַרניגונטע לידער) איז א־ב־א־ב, וואָס איז כמעט ניט בנמצא אין די יידישע פּאָלקסלידער וועלכע האָבן צום מערסטן דעם א־ב־ג־ב גראַם. אויך אין לייוויקס ענלעכן ליד "די קאַפּעליע" (זע אויבן: בערל שפּילט אויפֿן פידל, / שמערל — אויפן באַס) איז דער גראַם: א־ב־א־ב.

ג. זוכצעטל

דער זוכצעטל באַציט זיך צו די 91 אַנאָטירטע לידער אין אונדזער אויבּיקער רשימה, 50 פון זיי פּאַרניגונטע (נומערירטע) און 41 אַנדערע (אומנומערירטע). ער נעמט אַריַין די נעמען פון די העברעאיש־איבערזעצערס (א), זינגערס (ז), קאַמפּאָזיטאָרן (ק) און רעציטאַטאָרן (ר), וואָס האָבן איבערגעזעצט, געזונגען, פּאַרניגונט און רעציטירט לייוויקס לידער. עס ווערן פאַרצייכנט די נומערן פון די נומערירטע און די אָנהייבן פון די אומנומערירטע לידער.

פּאָול אַבעלסאָן (ז): 31

אוריאל אופק (א): אונטער דער געלער לאַטע, 23, 50

לעאָן אַלגאַזי (ק): 29

מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש (ז): 33

חיים אַסטראָווסקי (ז): מקובלים

משה ביק (ק): 17, 49

לייב בירנאָוו (ק): 33

משה בסוק (א): 3, אַז הירשקע, 16

סידאָר בעלאַרסקי (ז, ק): 13, 16, 36

מאַקסים בראָדין (ר): אויפן גרינעם גראָז, איך בין, איך האָב, 9, איך ליג, איך קוק, אין אַ זיַידן העמדל, אינטעלעקטועלע ליבע, אַלע געוויינען זיך, 13, געבענטשט געזאַנג, דאָס שעפּסעלע, 16, די מאַמע, 18, דער ים, 29, ירושלים, 36, מענטשן, נעם אונדז, 41, פון וויַיטן אַמאָל, פון טויזנט זאַכן, 45, רויטע . . . טולפּאַנען, 48, שוין לאַנג

ווילי בריל (ז): 17

ק"א ברתיני (א): 3, מענטשן, נעם אונדז, 41, 42, 50

סאַלאָמאָן גאָלוב (ק): 33

שרה גאַרבי (ז): 17

יצחק גודפרוינד (ז): 16

נפתלי גינתון (א): אויפן הר הכרמלס רוקן, מקובלים

מיכל געלבאַרט (ק): 13, 29, 36, 41
מנשה גפן (א): דער טאַטע
הערץ גראָסבאַרד (ר): מענטשן
נתן גרינבלאַט־גורן (א): אַז הירשקע
אַביגדור גרינשפּאַן (א): 9
לואיס דאַנטאַ (ז): 41
מיכאל דשא (א): צוויי זילבערנע בעכער
א״צ הלוי (א): אויף דײַן ערד
לאַזאַר ווײַנער (ג): 6, 9, 11, 19, 31, 34, 35, 41, 43
לעאָן ווײַנער (ק): 2, 44
רבקה קליניצקי־ווײַנער (ז): 44
יהושע שמואל ווײַסער (ק): 18, 30
וולאַדימיר חפץ (ק): 41
טאַלילאַ (ז): 33
בנימין טנא (א): 16
פּנחס יאַסינאָווסקי (ק): 23
מרדכי ירדני (ק): 22
מרדכי כ״ץ (ק): 15
זשיאַנעטאַ לאַ ביאַנקאַ (ז): 16
בינה לאַנדאַו (ז): 13
אברהם לוינסון (א): 16
לעאָ ליאָוו (ק): 7
לעאָן לישנער (ז): 13, 23, 31, 35, 43
לייבו לעווין (ז, ק, ר): 1, 3, 4, 8, 12־14, 20, 21, 24־27, 31, 32, 38, 39, 41, 42, 46, 47, 50
עקיבא מאָזעס (א): 15
בלומא מושקעס־סאָובעל (ק): 5, 17, 28
סימאַ מילער (ז): 16, 23, 33
שמשון מלצר (א): 17
נח נאַכבוש (ר): ס׳הערצל
נסים נסימוב (ק): 16
ביאַנקאַ סאָולער (ז): 41
מרדכי סבר (א): 6
שלום סעקונדאַ (ק): 16, 37
ברכה סקולניק (ז): 16
מ. עצמוני (א): 16
חיים פערשקאָ (ק): 36
שרה פערשקאָ (ז): 36
דויד קערי (ז): 36
יהודה קרני (א): 41
הענרי ראָזענבלאַט (ז): 37
שמאי ראָזענבלום (ר): צוויי זילבערנע בעכער
ראַליי (ק): 41
חיים רבינזון (א): געבענטשט געזאַנג

ה. לייוויקס פאַרניגונטע לידער

חיים ריטערבאַנד (ק): 10, 40, 48
חיים שורר (א): 31
אברהם שלונסקי (א): אַ גוטע פרײַנד, 3, אַ סטרונעס
שלמה שנהוד (א): אויף דײַן ערד
אפרים תלמי (א): אויף דײַן ערד.

ד. ביבליאָגראַפיע, ראַשי־תיבות און קיצורים פון זאַמלונגען, ביכער און אַרטיקלען, דערמאָנט געקירצטערהייט

די קיצורים פון די ביבליאָגראַפישע איינסן אין דער ווײַטערדיקער רשימה פאַרצייכענען אויך דאָס יאָר פון דער פובליקאַציע, כדי קלאָר צו מאַכן אין אונדזערע באַמערקונגען דעם כראָנאָלאָגישן סדר פון די פאַרניגונטע און פאַרעפנטלעכטע לידער. די קיצורים פון לייוויקס ווערק ווערן געגעבן אָן אַ דאַטע; אין דעם איינס אַלע ווערק איז אָנגעגעבן די כראָנאָלאָגיע פון לייוויקס לידער־זאַמלונגען און לידער־ציקלען ביז 1940.

אופּק 1983 — זע: קאַץ־קאַפּשטיין 1967.

אז"י — "ארכיוו פונעם זינגליד בײַ ייִדן"("ארכיון הזמר היהודי"). געגרינדעט און אָנגעפירט במשך פון אַ 40 יאָר דורך מאיר נוי אין תל־אביב, איז דער אַרכיוו (לעת־עתה נאָר דער ייִדיש־אָפּטייל), אַדאַנק אַ ברייטהאַרציקער דאָנאַציע פון דער משפחה עליס און פּעגי וואַקס אין פילאַדעלפיע, אַריבערגעפירט געוואָרן צו דער מוזיק־אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. דער אָפיציעלער נאָמען פונעם אַרכיוו איז : וואַקס־נוי.

אחיספר 1943 — שמואל ניגער ומנחם ריבולוב (רעד'), אחיספר: מאסף לדברי ספרות, נ"י 1943.

אַלע ווערק — אַלע ווערק פון ה. לייוויק: יובליי־אויסגאַבע, ב' 1: לידער און פּאָעמעס 1914־1940, נ"י 1940. — דער באַנד (561 לידער) נעמט אַרײַן כמעט אַלע לידער פאַרעפנטלעכט במשך פון די ערשטע 25 יאָר פון לייוויקס שאַפערישקייט. די לידער קומען פון די זאַמלונגען און ציקלען (די דאַטעס פאַרצייכענען דאָס יאָר פון דער אַנטשטייאונג פון די לידער אינעם ציקל): **ערגעץ ווייט** 1914 (30 לידער), **הינטערן שלאָס** 1915 (27), **אויף די וועגן סיבירער** 1915 (11), **אין שניי** 1915 (26), **בײַם ראַנד** 1916 (56), **אין קיינעמס לאַנד** 1916־1921 (64); **לידער פון אומקום** 1922 (37), **אַלטמאַדיש** 1923־1927 (31), **היים סאָוועטישע** 1926־1927 (29); **לידער צו אַ ווײַטן פרײַנט** 1926־1931 (76); **לידער פון גן־עדן** 1932־1936 ערשטער טייל (61), 1937־1940 צווייטער טייל (14). 7 לידער, געדרוקט אין פריִערדיקע לידער־זאַמלונגען, זײַנען ניט געדרוקט אין דער יובליי־אויסגאַבע. די איבער 90 לידער וואָס זײַנען פריִער אין בוך־פאָרם ניט געווען געדרוקט, זײַנען אַרײַן אין דעם לעצטן טייל פון דער אויסגאַבע (זז' 531־652), אין 5 ציקלען: **לידער צו דער באַרעמהערציקער שוועסטער** 1937 (19 לידער), **דאַרטן וואו די צעדער** 1937 (12), **היטלער־נעכט־מאָטיוון** 1938 (20), **דערמאָנונגען** 1939 (29), **לידער וועגן דער געלער לאַטע** 1940 (13).

ב' — באַנד; בב' — בענד. אויך אַ העפט אָדער אַן אַרויסלאָז אין אַ נומערירטער סעריע פון פּובליקאַציעס.
ב"א — בוענאָס־אײַרעס.
בוגאַטש 1961 — שמואל בוגאַטש, דורות זינגען: בשירת הדורות, נ"י 1961.
ביאַלאָסטאָצקי 1953 — דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך צום זעכציקסטן יאָרצײַט 1892־1952, רעד' פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נ"י 1953.
בלאַט — ה. לייוויק, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים, בוענאָס־אײַרעס 1955. — אַפּקלײַב פון די יאָרן 1946־1954. די ערשטע אָפּטיילונג ("אין פײַער") איז אַ המשך פון טרעבלינקע.
בסוק 1963 — משה בסוק, מבחר שירת יידיש: למן י. ל. פרץ עד ימינו, ת"א 1963. — זע אויך: הירש לעקערט.
בעלאַרסקי 1970 — סידאָר בעלאַרסקי, לידער־זאַמלונג, נ"י 1970.
בערעגאָווסקי־פֿעפער 1938 — משה בערעגאָווסקי און איציק פֿעפער, ייִדישע פֿאָלקס־לידער, קיעוו 1938.
בראַדין — מאַקסים בראַדינס אויספֿירונגען (רעציטאַציעס) פון ה. לייוויקס לידער; פאַר־צייכנט לויט דער נומעראַציע אין פרידמאַן אַרכיוו.
ברתיני 1977 — ה. לייוויק, על תהומות הולך ושר: ילקוט שירים ליריים, תרגם מיידיש והוסיף אחרית־דבר ק. א. ברתיני, ת"א 1977.
גאָלוב 1929 — סאָלאָמאָן גאָלוב, לידער־זאַמלונג, נ"י 1929.
ג"מ 1901 — שאול גינזבורג און פסח מאַרעק, ייִדישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד: פֿאַטאָסטאַט פון דער פעטערבורג־אויסגאַבע 1901, רמת גן 1991. — רעדאַקציע, אַרײַנפיר און באַמערקונגען: דב נוי.
געלבאַרט 1925 — מיכל געלבאַרט, לאָמיר קינדער זינגען, נ"י 1925. — 32 לידער מיט נאָטן.
געלבאַרט 1933 — מ. געלבאַרט, קאָנצערט, נ"י 1933.
געלבאַרט 1937 — מ. געלבאַרט, געזאַנגען, נ"י 1937. — "61 לידער פאַר היים, שול, יום־טובים און פײַערונגען". זע געלבאַרט 1945.
געלבאַרט 1938 — מ. געלבאַרט, לאָמיר זינגען, נ"י 1938. — צווייטע, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע (109 לידער) פון געלבאַרט 1937. זע געלבאַרט 1945.
געלבאַרט 1945 — מ. געלבאַרט, זינג מיט מיר, נ"י 1945. — דריטע, פאַרגרעסערטע אויפלאַגע (131 לידער) פון געלבאַרט 1937. די צוויי ערשטע אויפלאַגעס האָבן אַ טעמאַטישע קלאַסיפיקאַציע (אין 7 אָפּטיילן) און אַ לידער־נומעראַציע, אָבער די דריטע אויפלאַגע האָט זיי ניט.
געלבאַרט 1951 — מ. געלבאַרט, מיר זינגען, נ"י 1951.
געלבאַרט 1956 — מ. געלבאַרט, יובל־געזאַנגען, נ"י 1956.
גפן 1966 — מנשה גפן, דוד אדלשטאַט משורר הפרולטריון היהודי: מאה שנה להולדתו, ת"א 1966.
גפן 1986 — מ. גפן, מתחת לעריסה עומדת גדיה: בנתיבי הזמר היהודי, ת"א 1986.
דאַברושין־יודיצקי 1940 — יחזקאל דאַברושין און אברהם יודיצקי, ייִדישע פֿאָלקסלידער, מאָסקווע 1940. — די דאַטע פונעם פאַרענדיקטן אַרײַנפיר: 18.5.1938.
הירש לעקערט — ה. לייוויק, הירש לעקערט: דראַמאַטישע פּאָעמע, ווילנע 1931. — העבר' איבערזעצונג: מ. בסוק, הירש לקרט: פואימה דרמטית, ת"א 1944.
העבר' — העבּרעאיש(ע).
הע' — הערה, הערות, באַמערקונג(ען).
וואַקס־נוי אַרכיוו — זע: אז"י.

וואַר׳ — וואַריאַנט(ן).

ווייַנער 1947 — לעאָן ווייַנער (מוזיקאַלישער רעד׳), **אונדזער געזאַנג**, וואַרשע 1947.

ווייַנער 1962 — לעאָן ווייַנער, **געזאַנגען פון גערעאַנגעל און אומקום**, ב״א 1962.

ווייַנער 1973 — לאַזאַר ווייַנער, **7 לידער**, נ״י 1973.

ווייַנער 1978 — לאַזאַר ווייַנער, **12 לידער**, נ״י 1978.

ווייַנער 1980 — לאַזאַר ווייַנער, **14 לידער**, נ״י 1980.

ווק״ל 1983־1987 — אַהרון ווינקאָוועצקי, אבא קאָוונער און סיני לייַכטער (רעד׳), **אַנטאָלאָגיע פון יידישע פאָלקסלידער**, 4 בב׳, ירושלים 1983־1987. דער 2טער ב׳ איז אַרויס אין 1984, דער 3טער אין 1985.

ז׳ (זז׳) — זייַט(ן).

זילבערצווייַג 1934 — זלמן זילבערצווייַג, **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**, ב׳ 2, וואַרשע 1934.

חתונה — ה. לייוויק, די חתונה אין פערנוואַלד: **דראַמאַטישע פּאָעמע**, נ״י 1949.

טרעבלינקע — ה. לייוויק, **אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען**, נ״י 1945.

ירדני 1966 — מרדכי ירדני, **יידישע דיכטער אין געזאַנג**, נ״י 1966.

כהן 1957 — יהודה לייב כהן, **יידישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס**, נ״י 1957. — די זאַמלונג (רעד׳ מאַקס ווייַנרייַך) נעמט אַרייַן י״ל כהנס לידער־זאַמלונגען פון 1912 (2 בב׳), 1927־1928 (**פּנקס**, נ״י) און 1931 (**ייִוואָ־בלעטער**, ווילנע).

כּץ 1978 — מרדכי כ״ץ, **איך האָב ליב**, ב״א 1978.

כּץ 1983 — מ. כּץ, **זינגענדיק**, ב״א 1983.

כת״י — זע אונטן: לווין־ניגונים.

לווין־ניגונים — ניגונים פון לייבו לווין. צוויי קלאַנג־טאַשמעס וואָס זייער יאָר איז ניט אָנגעגעבן און זיי פאַרמאָגן 38 לידער פון יידישע פּאָעטן, פאַרניגונט דורך ל. לעווין. 8 פון די לידער זייַנען לייוויקס, געזונגען דורך דעם קאָמפּאָזיטאָר לויט זייַן אייגענער מעלאָדיע. טאַשמע 1 פאַרמאָגט די מעלאָדיע צו : ייִדן זינגען אני מאמין. טאַשמע 2 — די מעלאָדיעס צו: אויף די וועגן סיבירער, כאַטש וואָלט ער געקומען, לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, סאָלדאַטן, ערגעץ ווייַט, שטילע גראָזן, שלאָף שלאָף שלאָף. ניט אַלע לידער פאַרניגונט דורך ל. לעווין זייַנען אויפגענומען אויף די צוויי טאַשמעס. אַ טייל פון זיי זייַנען פאַרבליבן אין כת״י, און די רשימה פון די מאַנוסקריפּטן איז פאַרצייכנט אין לווין 1984, ווי אויך אין אונדזער רשימה, בייַ די געהעריקע לידער, אין דעם לעצטן, ״מוזיקאַלישן״ פּאַראַגראַף פון אַ נומערירטער פּאָזיציע (אין האַלבע לבנות, נאָך לעווינס נאָמען: כת״י). די מוזיק איז אָפּגעהיט אין דער נאַציאָנאַלער פאָנאָטעק בייַ דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. דאָרטן איז אויך פאַראַן אַ 3־שעהדיקער אינטערוויו מיטן קאָמפּאָזיטאָר און זינגער, דורכגעפירט דורך יעקב געלמאַן, לייטער פון דער מוזיק־אָפּטיילונג אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, וואָס האָט אויך געשריבן דעם אַרייַנפיר צו לעווין 1980 (איבערגעדרוקט אין לווין 1984).

לווין 1984 — שורא לווין, לייבו לווין: **שטריכן צו דער געשטאַלט פון אַ וואָרטקינסטלער**, ת״א 1984. — אין דער רשימה (זז׳ 76־78) פון ״לייבו לווינס ניגונים צו לידער פון יידישע פּאָעטן״ (80 איינסן, די מערסטע פון זיי אין כת״י) זייַנען פאַראַן 22 לייוויק־איינסן (נב׳ 29־50), פון זיי נאָר 4 געדרוקטע. אין דער רשימה ווערן אָנגעגעבן דאָס יאָר פון דער פאַרטאַנונג אָדער פון דער פאַרעפנטלעכונג פון די נאָטן אין דרוק. זע אויך אויבן: לווין־ניגונים און אונטן : לעווין 1980.

לחובר 1958 — שמואל לחובר, „ה. לייוויק אין העברעיש: **ביבליאָגראַפֿיע 1958־1924**”, **די גאָלדענע קייט** 32 (1958) זז׳ 231־222. — איך דאַנק אביבה טל פֿון דער ייִדיש־קאַטעדרע אויפֿן בר־אילן אוניווערסיטעט, פֿאַר ציִען מײַן אויפֿמערקזאַמקייט צו דער ביבליאָגראַפֿיע און פֿאַר שטעלן אין מײַן רשות איר רשימה פֿון נאָך־1958 העברעאישע איבערזעצונגען פֿון לייוויקס לידער.

לידער צום אייביקן — ה. לייוויק, **לידער צום אייביקן**, נ״י 1959.

לישנער — לעאָן לישנערס געזאַנג־אויספֿירונגען פֿון לייוויקס פֿאַרניגונטע לידער; פֿאַרצייכנט לויט דער נומעראַציע אין פֿרידמאַן אַרכיוו (L־04).

לעהמאַן 1921 — שמואל לעהמאַן, **אַרבעט און פֿרײַהײַט**, וואַרשע 1921.

לעווין 1980 — לייבו לעווין, **אין דער וועלט פֿון געזאַנגען**, ת״א 1980.

מושקעס 1968 — בלומע מושקעס־סאָובעל, **זאַמלונג פֿון ייִדישע לידער**, ת״א 1968. — דער מוזיק־אָפּטייל (נאָטן) האָט אַ באַזונדערע פּאַגינאַציע.

מילער — סימאַ מילערס אויספֿירונגען (פּיאַנאָ־באַגלייטונג: אַרנאָלד מילער) פֿון ה. לייוויקס פֿאַרניגונטע לידער. אויפֿגעהיט אויף 5 קלאַנג־טאַשמעס. Sima Miller with Arnold Miller at the Piano, *Heritage: The Art of the Yiddish Folk Song,* Global Village Music, 5 vols., New York 1987-1988. בײַ פֿרידמאַן אַרכיוו: M־35. דער אָנווײַז איז צום געזונגענעם ליד אויף דער טאַשמע.

מיר זינגען 1948 — **מיר זינגען: זאַמלונג פֿון אַרבעטער און פֿאָלקס־לידער פֿאַר קינדער, יוגנט און דערוואַקסענע**, פּאַריז 1948.

מלאָטעק 1974 — יוסף און חנה מלאָטעק, **פּערל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע**, נ״י 1974.

מלאָטעק 1989 — חנה און יוסף מלאָטעק, **פּערל פֿון ייִדישן ליד**, נ״י 1989.

מלצר 1977 — שמשון מלצר, **על נהרות: עשרה מחזורי שירה מספרות יידיש**, 2 בב׳, ת״א 1977. — די פּאַגינאַציע איז לויפֿנדיק אין ביידע בב׳.

מעל — מעלאָדיע(ס). — מיר דעפֿינירן דאָס וואָרט „ניגון” ווי אַן אומאָפּהענגיקער מעלאָדיע וואָס ווערט ניט געזונגען מיט ווערטער.

מרמר 1950 — קלמן מרמר, **דוד עדעלשטאַט**, נ״י 1950.

נ׳ (**נג׳**) — נומער(ן).

נוי 1986 — Dov Noy, “The Model of the Yiddish Lullaby”, *Studies in Yiddish Literature and Folklore* (Hebrew Univ. Institute of Jewish Studies Monograph Series No. 7), Jerusalem 1986, pp. 208-235.

נוי 1989 — מאיר נוי, „אָפּקלײַב־בלעטל פֿון ה. לייוויקס פּאַרטאַנטע און געזונגענע לידער”, אין דעם בר־אילן אוניווערסיטעט (ייִדיש־קאַטעדרע) פּראָגראַם: **אַקאַדעמישע קאָנפֿערענץ געווידמעט דעם 100־יאָריקן געבוירנטאָג פֿון ה. לייוויק**, רמת־גן 1988, זז׳ 4־5 (42 איינסן).

נ״י — ניו־יאָרק.

ניגער 1951 — שמואל ניגער, **ה. לייוויק 1888־1948**, טאָראָנטאָ 1951.

סטר׳ — סטראָפֿע(ס). בײַ אַ סטר׳ פֿון 4 שו׳ ווערט די צאָל שורות ניט אָנגעגעבן. מיר באַניצן זיך ניט מיטן וואָרט „פּערז”, וואָס ווערט אָפֿט באַניצט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק (אויך דורך לייוויקן) אויף אַ ניט־אויסגעהאַלטענעם אופֿן, ווי אַ באַצייכענונג סײַ פֿון אַ סטראָפֿע און סײַ פֿון אַ שורה.

סענדריי 1951 — Alfred Sendrey, *Bibliography of Jewish Music,* NY 1951.

סקודיצקי 1936־1933 — ז. סקודיצקי, **פֿאָלקלאָר־לידער**, 2 בב׳, מאָסקווע 1933־1936.

עסייען — ה. לייוויק, **עסייען און רעדעס**, נ״י 1963.

פּיפּע־נוי 1971 — דב נוי און מאיר נוי (רעד׳), יִידישע פֿאָלקסלידער פֿון גאַליציע, געזאַמלט דורך שמואל זלמן פּיפּע, ירושלים 1971.
פרידמאַן אַרכיוו — אַרכיוו פֿון רעקאָרדירטער יִידישער פֿאָלקסמוזיק (פּלאַטן, קאַסעטן, קאָמפּאַקט־דיסקן און טאַשמעס), געגרינדעט און אָנגעפֿירט דורך ראָבערט און מאַלי פֿרידמאַן אין פֿילאַדעלפֿיע, פּש״אַ. אָרגאַניזירט, קלאַסיפֿיצירט און קאָמפּיוטעריזירט אין דרײַ שפּראַכן (יִידיש, העברעאיש, ענגליש), לויט די נעמען פֿון די אינדיווידועלע לידער (דאָס קעפּל, די ערשטע שורה), פֿון זייערע מחברים (פּאָעטן און קאָמפּאָזיטאָרן), און פֿון זייערע אויספֿירערס. מיר דאַנקען אונדזערע פֿרײַנד ראָבערט און מאַלי פֿרידמאַן פֿאַר שטעלן די קאַטאַלאָגן און די דעטאַלן פֿון זייער רײַכן אַרכיוו צו אונדזער באַניץ, און פֿאַר טיילן די אַרכיוו־אינפֿאָרמאַציע מיט דעם וואַקס־נוי אַרכיוו.
קאַץ־קאַפּשטיין 1976 — בנימין קאַץ און ברכה קאַפּשטיין (רעד׳), אונטער יאַנקעלעס וויגעלע, ת״א 1976. — דער רוב לידער פֿון דער זאַמלונג איז איבערגעזעצט אויף העברעאיש אין: אוריאל אופק, שירי ערש ליענקל׳ה, ת״א 1983 (= אופק 1983).
קיפּנים 1918 — מנחם קיפּניס, זעכציק פֿאָלקסלידער, וואַרשע [1918].
קיפּנים 1925 — מ. קיפּניס, אַכציק פֿאָלקסלידער, וואַרשע [1925].
ראָזשאַנסקי 1963 — שמואל ראָזשאַנסקי (רעד׳), ה. לייוויק: אויסגעקליבענע שריפֿטן, ב״א 1963.
ראָזשאַנסקי 1968 — ש. ראָזשאַנסקי (רעד׳), ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט: מדינת ישראל 1948־1968, ב״א 1968.
ראָזשאַנסקי 1970 — ש. ראָזשאַנסקי (רעד׳), חורבן: אַנטאָלאָגיע, ב״א 1970.
ריווקין 1955 — ב. ריווקין, ה. לייוויק: זײַנע לידער און דראַמאַטישע ווערק, ב״א 1955.
ריטערבאַנד 1935 — חיים ריטערבאַנד, יִידישע מעלאָדיען, ווילנע 1935. — 45 לידער מיט נאָטן.
ריטערבאַנד 1938 — ח. ריטערבאַנד, 20 לידער מיט נאָטן, ווילנע 1938.
רעצ — רעציטאַציע.
שו׳ — שורה, שורות.
שטיינבערג 1984 — בינה שטיינבערג, אונדזער געזאַנג, ת״א 1984.
שלונסקי 1950 — אברהם שלונסקי, משירי הימים, ת״א 1950.
ת״א — תל־אביב.

גרשון ווײַנער

מיסטיק און מעטאַפיזיק אין לייוויקס ליד

די ייִדישע ליטעראַטור האָט זוכה געווען צו אַנטפּלעקן אין דער לייוויק־געשטאַלט עפּעס מער ווי אַ דיכטער.

לענגאויס אונדזער צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות־וועג האָבן מיר זיך ניט דערוואָרבן קיין גלאָררײַכע גאַלעריע פון מלכים און מלחמה־העלדן. אַנשטאָט דעם האָבן אויפגעלויכטן מענטשן מיט גרויסע נשמות, ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעטאָן די בגדי־מלכות פון גײַסטיקער גבורה און זיי געקרוינט מיט אויטאָריטעט פון מורי־דרך. אין צוגאָב צו זייער בײַטראָג אין די באַטרעפנדע געביטן פון גײַסט, זײַנען די דאָזיקע יחידי־סגולה אָנערקענט געוואָרן אַלס מנהיגי־הדור אויך מחוץ זייער ספּעציפישער טעטיקייט און שעפערישקייט. צו אָט דער דאָזיקער פמליה של מעלה געהערט אויך דער דיכטער־דראַמאַטורג ה. לייוויק וואָס האָט אויסגעפילט און אויסגעפירט אַזאַ באַזונדערע שליחות.

דער דור וואָס האָט פאַרלאָזן די מתנגדישע קלויז און זיך אָפּגעקערט פון דעם חסידישן שטיבל, איז דאָך פאַרבליבן מיט דער באַדערפעניש צו האָבן אַ ראש ישיבה, אַ רבין, וואָס זאָל זײַן אַ וועגווײַזער אין מאָדערנעם געדאַנק און לעבן. דאָס קומט צום קלאָרסטן אויסדרוק אין דער דיכטערשער פערזענלעכקייט פון חיים גראַדע, וואָס טראָגט אַ "וועלטישער" און אַ פרײַדענקער, גלוסט זיך אים ווײַטער זײַן אין עיגול פון אַ חזון־איש אָדער פון אַן אַנדער שטראַלנדיקער געשטאַלט פון דער רעליגיעזער סביבה. אָט די פונקציע פון אַ במקום שולחן־ערוך און במקום מוסר־ספר, איז איבערגענומען געוואָרן פון דער וועלטלעכער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור. ווי אַ פּועל־יוצא איז דער שרײַבער געוואָרן מער ווי אַ שרײַבער. אחד־העם און ביאַליק אין דער העברעאישער ליטעראַטור, פּרץ און לייוויק אין דער ייִדישער, זײַנען דערהויבן געוואָרן צו מער ווי פראַזאַיִקער און דיכטער. באַקאַנט איז דער ויכּוח אין דער ליטעראַטור וועגן ביאַליקן אין דער ראָלע פון אַ נביא. אין דעם אָרומנעמענדיקן חיבור פון יעקב פיכמאַן וואָס הייסט **שירת ביאַליק**, איז פאַראַן אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג אויף דער טעמע: שירה ונבואה. "אין אַ דור געפּרווט אין נסיונות, אַ דור אויף וועמען ס'איז געפאַלן די שליחות פון דורות, וואָס איז אַזוי געשטראָפט געוואָרן און האָט אַזויפיל זוכה געווען — איז נבואה אַ נויטווענדיקייט פאַרבונדן מיט זײַן עצם קיום... דער דור האָט זיך געבייטיקט אין

אַ דיכטער און זיך געגנייטיקט אין אַ נביא און ס'איז בכלל ניט קלאָר געווען ווער קומט פריִער״ [1]. אונטער די אומשטענדן און דערוואַרטונגען דערהייבט זיך דער אויטענטישער פּאָעט צו דער מדרגה פון נביא.

דאָס איז ניט ווייניקער און אפשר נאָך מער גילטיק לגבי לייוויקן. שוין בײַם פּאַרפּאָסן דער גולם, וואָס איז אפשר די וויכטיקסטע דראַמאַטישע שאַפונג אין אונדזער ליטעראַטור, דערגרייכט דער מחבר אין אַ צאָל שטעלן צו גענייאַלע אַרײַנבליקן און ממש נביאישע פּאַראויסזאָגונגען וואָס ער אַליין האָט ניט באַנומען אין פולן זין, און ערשט אין גאַנג פון די יאָרן אויפגענומען דעם געהער פון זײַנע אייגענע ווערטער. ניבא ולא ידע מה ניבא... אגב־אורחא לאָמיר אָנווײַזן אויף בלויז איין אַזאַ ווײַט־זעעוודיקן אַרײַנבליק: משיח מיט דער האַק איז אַ גולם וואָס אין זײַן גאַנג צו גאולה קאָן גאָר ברענגען דעם חורבן. ס'איז אַ פונק פון נביאישן פאַרגעפיל וואָס לייוויק אַליין האָט תופס געווען אין שייכות מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ערשט מיט אַ יאָרצענדליק שפּעטער.

דער קריטיקער אַ. טאַבאַטשניק ווײַזט אָן אַז ״אויך אין די נעקראָלאָגן אויף לייוויקס טויט האָט אַרויסגעשײַנט די טענדענץ צו פאַרגײַסטיקן און פאַרהייליקן לייוויקס שאַפן, אַרויסנעמען עס פונעם גדר פון בלויז קונסט, נאָר זען אין אים עפּעס מער און עפּעס העכערס ווי אַ פּאָעט״ [2]. שרײַבט דער ישראל־דיכטער אַ. שמרי נאָך לייוויקס פּטירה: ״זען... די וואונדער־זאַלן פון גאָט — האָט נאָר געקענט אייגער אַליין אין דער ייִדישער ליטעראַטור — ה. לייוויק — און ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור... וואו עס באַוועגן זיך די ערשטע און דריישטע גײַסטער פון מענטשלעכן מין...״ [3]

ווידער אַ פאַרגלײַך מיט ביאַליקן. אויב ביאַליק איז צײַטנווײַז געשטיגן אין זײַן פּאָעזיע צו נביאישן אויפברויז און וויזיע, האָט לייוויק זיך אָפּגעגעבן די ראָלע אין פולן ערנסט, און איז דורכגעדרונגען מיט דעם גײַסט אין זײַן גאַנצן וועזן, סײַ אין פּראָצעס פון שאַפן און סײַ אין גאַנג פון לעבן, אָן שום מחיצה צווישן דיכטער און יחיד. ״איך פיר אויס מײַן שליחות מיט ציטער פון אַ נדר־פאַרשוואָרע־נעם היטער׳, אַזוי האָט מיט אחריות און מיט שטאָלץ אַ זאָג־געטאָן לייוויק... עס איז ניט בלויז אַ זאָג־געטאָן, נאָר אַ דרך אין לעבן״ [4].

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פונקציע איז לייוויקס אויפטריט אויפן אידעאָ־לאָגישן כינוס וואָס בן־גוריון האָט צונויפגערופן אין ירושלים אין 1957. זײַן רעפעראַט האָט איבערגעלאָזן דעם טיפסטן רושם אין אָנווײַזן אויף די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע באַגריפן פון גלות און גאולה, וואָס אַנדערע האָבן ניט דערזען און וואָס האָבן אַ דווערדיקן ווערט.

ס'פאָדערט זיך אַ גרעסערן כמותדיקן פאַרמעסט בכדי ווי געהעריק באַטראַכטן פון דער פּערספּעקטיוו לייוויקס דראַמעס וואו ער פאַרטיפט זיך אין דער פּראָבלעמאַטיק פון ייִדישן גורל און זין פון לײַדן, אין אונדזער עטיש־מאָראַלישן וועזן, זיך באַנוצנ־

דיק דערבײַ מיט די אוצרות פון גאולה־מאָטיוון אין דער ייִדישער לעגענדע־ליטעראַ־טור. אין די פּאָעטיש־דראַמאַטישע ווערק ווי דער גולם, מהר״ם פון רוטענבערג, די גאולה־קאָמעדיע, איוב, די חתונה אין פֿערנוואַלד און אַנדערע, דערהערט זיך אויך דער יחידישער טאָן אין די אַנגסטן פון גאָט־זוכעניש, אין דעם געראַנגל פון אַנלאָדן דאָס דיכטערישע וואָרט מיט איבערמענטשלעכער חשיבות בײַם אויספירן די פונקציע פון התגלות און נביאישער שליחות. זײַנען די לידער זײַנע, אַנגעזאַפּט מיט דעם באַוואוסטזײַן און דראַנג צו דערהייבן דאָס דיכטערישע וואָרט צו דער מדרגה וואו די קינסטלערישע פֿאָרעם ציט איר יניקה פון קאָסמישער קראַפֿט. אין קעגנזאַץ צו דער נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, וואָס פּילט אָן זײַנע דראַמעס, איז זײַן ליד שוין אײַנגאַנצן אַרײַנגעפּאַסט אין רשות היחיד פון דיכטער, וואו דאָס וואָרט שײַנט אויף ווי אַ ניצוץ פון געטלעכער אינספּיראַציע. דעם דיכטערס באַציאונג צו זײַנע לירישע, נשמה־אַנטפּעלקנדיקע און אָפּט אויסגעוווייטיקטע שורות, איז אייגנאַרטיק אַפֿילו לויט די ווײַטגייענדיקע נאָרמעס פון ״ליצענציאַ פּאָעטיקאַ״.

בכדי עס גרינטלעך צו פֿאַרשטיין איז כדאי אָנצוווײַזן אויף דעם אופן ווי אַנדערע פֿירנדע מיטגלידער פון דער שרײַבערישער משפּחה באַציען זיך צום אייגענעם קינסטלערישן וואָרט. אין אַ שמועס מיט באַשעוויס־זינגער האָט ער מיר אַמאָל דערקלערט, אַז ווי אַ שרײַבער האָט ער פֿאַר זיך צוויי צוועקן: גוט צו פֿאַראינטערעסירן דעם לייענער, און צו פֿאַרדינען גוט געלט. דאָס איז אפשר אָן עקסטרעמער פֿאַל, אָבער ס׳דינט אַלס באַלערנדער קאָנטראַסט צו לייוויקן. שוין אָפּגערעדט פון פּראַגמאַטישע און פּראָזאַישע צילן, האָט לייוויק, להיפּוך צו אַנדערע גרויסע שרײַבער אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, קיינמאָל זיך ניט דערלויבט אַ לײַכטערן טאָן, אַ שמייכל, אַ מילי־דבדיחותא. מיט דער לופֿט פון פֿולער ערנסטקייט, טיפֿזינקייט און רוחניותדיקייט אָטעמט לייוויק אין זײַן שאַפֿן און אין זײַן פּערזענלעכן לעבנס־וועג.

האַבנדיק דאָס אין זינען קענען מיר אַרײַנבליקן אין לייוויקס דיכטערישן מהות. דער יסוד־היסודות פון זײַן זעלבסטבאַוואוסטזײַן ווי אַ פּאָעט, איז דאָס באַטראַכטן דעם קינסטלערישן פּראָצעס ווי אַ מלאכת־הקודש. ווי דער פֿריִער דערמאָנטער קריטיקער טאַבאַטשניק האָט פֿאַרצייכנט ״אין אַ רעקאָרדירטן געשפּרעך שטעלט לייוויק אַרויס דעם מאָמענט אַז שאַפֿן איז אַ רעליגיעזע טואונג, אַז שרײַבן לידער איז בבחינת טאָן תפילה, און תפילה דאַרף מען טאָן דרײַ מאָל אַ טאָג״.[5] איך וואָלט מוסיף געווען אַז ווען מען לייענט זיך אַרײַן אין לייוויקס דיכטונג, דערפֿילט מען אַז ס׳איז אַפֿילו מער ווי מלאכת־הקודש, מער ווי זיך עוסק זײַן מיט הכנות פֿאַר העכערע צילן. ס׳איז עבודת־הקודש אַליין ד.ה. די רעליגיעזע דערפֿאַרונג אין זיך זעלבסט. עס מיינט שוין דערשפּירן התקרבות צו געטלעכעס, ס׳איז אַ פּראָצעס פון התבודדות וואָס ברענגט צו דביקות.

ס׳דערמאָנט אין דער גאָט־באַוואוסטזיניקייט פון אַ יהודה הלוי, די שפּאַנונג

פון "יה אנה אמצאך / מקומך נעלה ונעלם / ואנה לא אמצאך, כבודך מלא עולם" אין דער געניאַלער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ: "גאָט, וואו זאָל איך דיך געפינען — אַז דײַן פלאַץ איז פאַרהוילן, פאַרשטעלט / און וואו זאָל איך דיך ניט געפינען — אַז דײַן כבוד פילט אָן די וועלט" [6]. אין אַ ליד אונטערן נאָמען "אַלע טיפסטע יסודות" אַנטפלעקט דער דיכטער וואָס ער שפירט אין גאַנג פון שאַפונגס־פּראָצעס: "אין אַ שפריצל טינט פון טינטער / זע די טיפן פון גאָטס בוך" [7]. אין אַן אַנדער ליד פרעגט ער זיך די פראַגע "וואָס וועט זײַן מיט דײַן וואָרט? וואָס וועט זײַן?" און דער ענטפער באַשטייט אין "זיך אַנזאַפן אויף ס'בײַ ווי אַ שוואָם, מיט דער פולקייט פון געטלעכן עול" [8]. דאָס נעמען אויף זיך דעם "געטלעכן עול" קומט צום אויסדרוק אין אות און וואָרט וואָס דרינגט אַרײַן אין דיכטער — "אַ פײַער פון אַ פלאַקערדיקן אות / צעשפרײַט זיך איבער אַלע ווינקלען פון מײַן הויז" [9]. און דאַן קומט די התגלות — אַנשטאָט דער דיכטער זאָל זײַן דער הערשער פון וואָרט, הערשט דאָס וואָרט איבער אים און ער ווערט זײַן מעדיום. אַן אויבערשטע ליכט באַלייכט זײַן זען, אַ הימלש פײַער גליט אין אים. ער ווערט דערהויבן און באַצוואונגען פון דער זעאונג. ס'איז אַ שעת רצון. ס'קומט די אַנטפלעקונג און גייט איבער אין ליד.

דאָס זײַנען ניט פלוצלונגדיקע פונקען פון כמו־מיסטיק, וואָס לעשן זיך גלײַך אויס. ס'איז ניט קיין צופאַל וואָס דאָס גאַנצע בוך ווערט אָנגערופן לידער צום אייביקן. דאָס באַשטייט ניט דער עיקר (ווי ס'וואָלט זיך געדוכט פון עצם נאָמען) אין אַ תפילה לעני בהתעטף עליו נפשו, ווען דאָס האַרץ ווערט אים שווער. ניין, ס'איז אַ תפילה "לאני", וואָס שטרעבט צום וואָרט פון אנוכי, פון צעבינדן אַלע בונדן און באַפרײַען דאָס וואָרט פון צוים (לויטן לשון פון דיכטער), בכדי צו דערגרייכן אין לידער־וואָרט די מדרגה פון "דער קאָפ פאַרריסן און אויס־געשטרעקט די הענט פאָרויס / אַזוי ווי איך וואָלט מיט פרייד באַגריסן / אַ פלאַם וואָס ברענט און ברענט ניט אויס" [10]. און דאָס אַלץ מיטן ציל זיך אויסבעטלען "דעם חסד פון קלאַנג... די מתנה וואָס רופט זיך געזאַנג" [11].

פאָעזיע וואָס רײַסט זיך צו אַזעלכע מיסטישע קוואַלן, וואָס פרעטענדירט אויף טראַנסצענדענטאַלער אינספיראַציע, איז ניט צום האַרצן דעם מאָדערנעם לייענער און אַוודאי ניט דעם קריטיקער־פײַנשמעקער וואָס דיקטירט די מאָדע אין דער הײַנטיקער ליטעראַטור. דערמיט דערקלערט זיך וואָס אין אַ כוללדיקער יִדיש־ענגלישער זאַמלונג פון מאָדערנער יִדישער פאָעזיע, לעצטנס דערשינען אין אַמעריקע אונטער דער רעדאַקציע פון האַו, ווײַס און שמערוק [12], ווערט אָפגעגעבן לייוויקן אַ סך ווייניקער פלאַץ ווי אַ גרויסע צאָל אַנדערע דיכטער. איז דעריבער אויך פאַרשטענדלעך וואָס אַ רעצענזיסט אין אַן ענגלישן זשורנאַל האָט ניט אַרײַנגערעכנט לייוויקן צווישן די וויכטיקסטע פאָעטן פון יִדיש אין אונדזער יאָרהונדערט. אמת איז, אַז דאָס קינסטלערישע וואָרט מיט קאָסמיש־

מיסטישע עלעמענטן איז ניט אין איינקלאַנג מיט די טענדענצן אין דער הײַנטיקער פּאָעזיע. דער פּאָעט אין לעצטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט איז אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך אין אויסגיסן, און אָפּט אויף אַ פּאַרפּלאָנטערטן געהאַמע־ וועטן אופן און אין אַן אומדיסציפּלינירטן שטראָם פון ווערטער, זײַן עגאָ־ צענטרישקייט און אַפילו זײַן עקסהיביציאָניסטישע און פּערווערזע געפילן, חלומות און האַלוצינאַציעס. דער הײַנטיקער דיכטער מעג זיך דערבײַ דערלויבן ווי דער אומרו פון זייגער, זיך צו וואַקלען הין און צוריק, פון שרײַענדיקער זעלבסט־אַנטבלויזונג צו פאַרנעפּלטער צעטראָגנקייט, ווען די פּאָעטישע שורה מעג אַלץ אויסשרײַען אויף אַ הייזעריקן קול. דאָס איז להיפך צו דער טראַדיציע פון דער פּאָעזיע, וואָס איז אײַנגעשטעלט אויף פאָרעם און מוזיק און לכל־הפּחות אַ מאָס זעלבסט־קאָנטראָל אין געלײַטערטן אויסדרוק, אויפצושטעלן דעם בנין פון ליד. די פּאָעטישע שאַפונג בדרך־כּלל איז געניגט זיך אַרײַנפּאַסן און צופּאַסן אין אַ באַשטימטן ראַם, בשעת אין דער פּראָזע איז עס ניט מחייב. אַ דיכטער ווי לייוויק וואָס פאַרנעמט זיך אין גאַנצן ניט מיט די אינערלעכע קאָנפליקטן, תּאוות און קאָשמאַרן פון דער אייגענער פּסיכיק, ציט נישט די נייטיקע אָנערקענונג און אויפמערקזאַמקייט מצד די דעה־זאָגערס אין די הײַנטיקע ליטעראַרישע סאַלאָנען.

באַטראַכטנדיק דעם אינערלעכן שטויס צום דיכטערישן וואָרט כּמעט ווי אַ בת־קול פון אַ העכערער אינסטאַנץ, איז דאָס ליד בײַ לייוויקן מער ווי אַ מענטשלעך־ קינסטלערישע שאַפונג. די עסטעטישע פאָרעם קריגט אַ מעטאַפיזישע דימענסיע — כּמעט אַ ווידערקול פון סיני. ווערטער ווערן ווערטן, אויסדרוק ווערט השראה. די מוזע ציט איר יניקה פון דער שכינה כּביכול. אין דעם קול דממה דקה פון אויטענטישן פּאָעט דערהערט מען אַן אָפּקלאַנג פון געטלעכן ווען וואָס זוכט אַ וועג פון קאָמוניקאַציע מיט דעם מענטשן:

אין אַ וואונדער־שעה — אין אַ באַגערטער
וועט אויך דײַן גוף אַרומגערינגלט ווערן אין אַ פײַער
און אויך אויף אים וועט פלאַקערן גאָטס כּתב מיט זײַנע ווערטער [13].

אין אַזאַ עקסטאַז נעמט לייוויקן אַרום אַ גרויסער הונגער צו לידער־שאַפונג. ער איז דער פּרוכטבאַרסטער פּאָעט אין אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן. די 1600 זײַטן פון זײַנע געזאַמלטע לידער, שוין ניט אַרײַנרעכנדיק די הונדערטער זײַטן פון פּאָעזיע אין זײַנע דראַמעס, שטייגן אַריבער אין כּמות ביאַליקן און טשערניכאָווסקין צוזאַמען. דער שאַפונגס־פיבער ווערט ניט אָפּגעקילט. ער איז מתפּלל "צו זײַן אויף אַן אמתן געראָטן" צום בורא וואָס האַלט אין באַשאַפן וועלטן "מיט נאָר איין וואָרט פון דינסטן טראָפּ, / אַזוי באַשער אויך מיר צו זײַן, / זאָל זײַן אַפילו אין לעצטער פּײַן, / אַ צר צורה בתוך צורה, / מיט נאָר איין קליינער

שורה״ [14]. זײַן טיפסטער באַגער איז צו דערהייבן זיך צו דער מיסטעריע שטאַפל פון יצירה וואָס פאַרוואַנדלט דאָס וואָרט אין דויערנדיקן יש. דער רבונו של עולם האָט דאָך באַשאַפן די וועלט בלויז מיטן אויסגערעדטן וואָרט. דער דיכטער גאַרט נאָך דעם הימלישן כח וואָס זאָל באַקרוינען זײַן געשריבן וואָרט. ער ווערט באַהערשט פון אַן אומגעהויער־אומלעשבאַרן פאַרלאַנג זיך אַרויסצורײַסן פון ערדיש־מענטשלעכן צוים, אַרויף צו העכערע ספערן. דאָס ליד דינט דאָ ווי דער מעדיום פאַרן דיאַלאָג מיטן אייביקן, אַ דיאַלאָג וואָס דערמעגלעכט זיך צו באַפרײַען פון דעם מענטשלעך־באַגרעניצטן, און אין נשמהדיקן אויפברויז און גײַסטיקער שפּאַנונג אויפצושײַנען מיט אַ ניצוץ פון מאַחורי־הפרגוד. הייסט טאַקע זײַן לעצטע לידער־זאַמלונג לידער צום אייביקן וואָס בײַם לייענען דערשפּירט מען אַפּט אַז מ׳וואָלט עס געקאָנט אָנרופן ״לידער פון אייביקן״ אין גײַסט פון נביאישן ״דבר ה׳״. אַט זײַנען עטלעכע אַזעלכע אָנרעגנדיקע אַנטפּלעקערישע שורות:

מיך רופט דײַן רוף... אַז איך הער דיך אויסרופן אין נאַכט מײַן נאָמען
דערוואַרט איך, זאָלסט מקבל זײַן מיך אין באַגינען [15].

דאָס איז די תשוקה אַפילו ווען דער הימלישער תחום איז אומדערגרייכבאַר, אומבאַגרײַפלעך און דערצו אויך ניט אַבסאָלוט פאַרזיכערט אַז ס׳איזווירקלעך פאַראַן. דאָס איז אַזוי אַרײַנדרינגענדיק אין דיכטערס מהות, אַז ווען ס׳האַלט שוין בײַם כלו כל הקיצין, ווען פון זײַן גאַנצער מאַראַליש־מעטאַפיזישער אײַנשטעלונג און באַוואוסטזײַן פאַרבלײַבט בלויז דאָס אויסגעברענטע אַש פון טרעבלינקע, איז ער ניט מסוגל אָנצונעמען אַז ס׳איז אפשר מער ״נישטאָ״, נישטאָ אויף דער ערד און נישטאָ אויפן הימל, און ער טרעט אַרויס מיט זײַן אויפפאָדערונג:

דער חשבון איז נאָך מיט ד י ר באַשעפער
אַפילו אויב ס׳איז אמת אַז דו ביסט ניטאָ [16].

אין דעריבער פאַרשטענדלעך וואָס דער דיכטער באַנוצט זיך מיט די מעטאַפיזישע סימבאָלן פון פײַער אין די פאַרשידענע פאָרמען. אין די הייליקע ספרים האָט עס אַ שייכות צו שטראַלונג פון געטלעכן מקור, סײַ אין התגלות צום מענטשן און סײַ אין התקרבות־שטרעבן צום געטלעכן. די טערמינען פײַער, ליכט, שײַן, שטראַלן, שטערן, פלאַם, העלן, ברענען, — טרעפן מיר אָן גאָר אָפט דער עיקר אין זײַן לעצטער תקופה. אין דער פריִער־דערמאָנטער זאַמלונג לידער צום אייביקן — זײַן לעצט בוך, באַווײַזן זיך די ווערטער כמעט אין יעדן ליד.

פאַרן סטודענט פון ליטעראַטור הײַנט־צו־טאָג אין ישראל איז שווער צו באַגרײַפן ווי אַזוי אַ שרײַבער — ניט קיין שומר מצוות, ניט שבת, ניט כשרות,

ניט תּפֿילין, זאָל זײַן דורכגענומען מיט רעליגיעזער מיסטיק. דער סטודענט, דער "דתי" ווי "חילוני", טײַטשט עס אויס ווי בלויז אַ קינסטלערישן און אַפֿט אַ קינסטלעכן אָנשטעל, אַ זשעסט... אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער ענין. אינטערעסאַנט איז וואָס די פֿאַרצווײַגטע קריטיק און די צאָלרײַכע אָפּהאַנדלונגען, האָבן זיך כּמעט אין גאַנצן ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם אַ צענטראַלן קאָמפּאָנענט פֿון לייוויקס שאַפֿן. די סיבה איז טײלווײַז וואָס דער דיכטער אין זײַן לאַנגן לעבנסוועג האָט אָנגעהויבן מיט סאָציאַלן פּראָטעסט, ממשיך געווען מיט רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז, אַרויף צו נאַציאָנאַלע גאולה־מאָטיוון, קידוש־השם טעמאַטיק, מאָראַלישע געפֿילפֿולקייט און געוויסן, און ערשט אין לעצטן קאַפּיטל פֿון זײַן לעבן, אַריבער צו רעליגיעזער איבערלעבונג אין תּחום פֿון פּאָעזיע.

מען קאָן ניט, מען טאָר אפֿשר ניט, באַקרוינען לייוויקן מיט דער עטרה פֿון נביאישער שליחות און התגלות. אָבער דורכגעדרונגען, איבערגעלעבט, דורכגע־ווייטיקט און אויסגעלייטערט מיטן נביאישן באַוואוסטזײַן און געוויסן, — דאָס האָט דער דיכטער יאָ פֿאַרקערפֿערט און פֿאַרגײַסטיקט. אין דער ליכט וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון אים — "הייבן מיר זיך אויף ווידער און שפּאַנען אַוועק ווײַטער..."

הערות

1 יעקב פיכמאַן, שירת ביאליק, ירושלים, תשי"ג, ז' קא.
2 אַ. טאַבאַטשניק, דיכטער און דיכטונג, נ.י. 1965, ז' 287.
3 א. שמרי, אײַנזאַמלונג, תל־אביב 1982, ז' 143.
4 יודל מאַרק אין קולטור און דערציאונג, פֿעברואַר 1959, ז. 2.
5 דיכטער און דיכטונג, ז. 289.
6 י. י. שוואַרץ, אונדזער ליד פֿון שפּאַניע, פֿילאַדעלפֿיע תּרצ"ב, ז. 217.
7 ה. לייוויק, אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים, בוענאָס־אײַרעס 1955, ז. 251.
8 ה' לייוויק, לידער צום אייביקן, נ.י. 1959, ז. 115.
9 דאָרטן, ז. 114.
10 דאָרטן, ז. 14.
11 דאָרטן, ז. 15.
12 Irving Howe, Ruth Wisse, Chone Shmeruk (eds.): *The Penguin Book of Modern Yiddish Verse*, New York: Viking, 1987.
13 אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים, ז. 363.
14 דאָרטן, ז. 346.
15 לידער צום אייביקן, ז. 24.
16 ה. לייוויק, אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען, נ.י. 1945, ז. 17.

אַביבה בערלינסקי-טל

ארץ-ישראל אין זייַנע לידער

ה. לייוויקס ערשטער באַזוך אין ארץ-ישׂראל איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1937 — צוויי יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. נאָך זייַן באַזוך האָט ער געשריבן אַ ציקל לידער אויף דער ארץ-ישׂראל-טעמע. ער האָט אויך געהאַלטן אַ צאָל רעדעס און אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען וועגן דעם נייַעם ישוב אין לאַנד.

אין אַלע זייַנע עסייען און רעדעס האָט לייוויק פּראָקלאַמירט זייַן הייסע ליבשאַפט צו ארץ-ישׂראל און זייַן באַגייַסטערונג פון דער ברויזנדיקער ענערגיע פון דעם ישוב אין לאַנד [1]. אַלס פּאָעט האָט ער דערפילט, אַז ער איז געקומען קיין ארץ-ישׂראל צו געפינען אַ תּיקון פאַר זייַן אָנגעוויטיקט געמיט [2]. אָבער, נישט געקוקט אויף די טיפע וואָרצלען פון ארץ-ישׂראל-מאָמענט סײַ אין אים, סײַ אין פאָלק בכלל [3], האָט דער מאָטיוו נישט באַקומען קיין פּאָסיקן אויסדרוק.

לייוויק האָט זיך מערערע מאָל אויסגעדריקט אַז דיכטונג איז שליחות [4]. איז ער געקומען קיין ארץ-ישׂראל כדי צו געפינען אַ נייַעם אמת, אַן ענטפער אויף "די פראַגע פון אַלע פראַגעס" און "דעם ליכטנדיקן פלאַץ אין [זייַן] נשמה" [5]. לייוויק האָט דערוואַרט, אַז זייַן באַזוך אין לאַנד וועט צופירן צו אַן אַנטפּלעקונג און אַ נייַעם אמת פאַר זיך אַליין אַלס יחיד און אויך אַלס דיכטער-אויסטייטשער פון יידישן גורל און גאַנג פון דורות [6].

אין פּאָעטישן ווידוי-נוסח האָט לייוויק באַשריבן דעם שפּעריגן פּראָצעס זייַנעם:

> "איך דאַרף זיך איינלעבן מיט מייַנע אייַנדרוקן — איך דאַרף זיי צוגרייטן, פאַרפולקאָמען, פאַרוואַנדלען זיי אין בילדער, געפינען פאַר זיי דעם ריכטיקן וואָרט-אויסדרוק — איך מוז זאָגן אמת און דער טיפער אמת ווערט געבוירן אין אייַנזאַמקייט. ... עס איז צו טיף דער געפיל פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבן אין זיך געטראָגן און טראָגן, אַז איך זאָל איצט וועגן דער אינטימקייט קענען רעדן. אַ לעבן קען מען זיך נישט באַפרייַען פון ארץ-ישׂראל, וועלכע האָט דיך נאָכגעיאָגט אין יעדן ווינקל..." [7].

לייוויק, דער אמת־זוכנדיקער דיכטער, איז זיך מודה, אַז אַ מחיצה פון פרעמדקייט און קאַלטקייט איז פאַראַנען צווישן דעם ייִדישן ישוב אין אַמעריקע און די בויערס פון לאַנד אין ארץ־ישׂראל. ער איז אָבער איבערגעצייַגט, אַז די פרעמדקייט איז נישט קיין אָרגאַנישע, ווייַל סײַ ער סײַ די ייִדן אין אַמעריקע ווייסן אַז אַן דער היסטאָרישער פאַרבינדונג מיט ארץ־ישׂראל, וועט דער גייסט פון פאָלק ווערן אויסגעוועבט [8]. מיט היסטאָרישער פאַרבינדונג מיינט לייוויק נישט נאָר די פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז בשותּפותדיק פאַרן גאַנצן פאָלק, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע דערלייזונג אין דער צוקונפט. אָן פאַרגאַנגענהייט איז נישטאָ קיין געמיינזאַמע איצטיקייט און עס קען נישט זייַן קיין טרוים פאַר אַ נייַער צוקונפט — אין גלות אַזוי ווי אין ארץ־ישׂראל.

באַטראַכטנדיק דעם ציקל לידער "דאָרטן וואו די צעדער", וואָס לייוויק האָט אָנגעשריבן נאָך זייַן ערשטן באַזוך אין ארץ־ישׂראל, איז בולט, אַז נאָר אַ טייל פון זיי באַשעפטיקן זיך דירעקט מיט דער ארץ־ישׂראל־טעמע: "בײַם כּותל מערבֿי", "אויפֿן באַרג פון שעיך־אַ־ברעק", "פּאַסטעך שאול", "מדבר־קאַראַוואַן", "דאָרטן וואו די צעדער" און "זיבן שטיינער". די אַנדערע לידער, כאָטש זיי זייַנען אַרייַנגענומען געוואָרן אין דעם ציקל, האָבן, אויבנאויפיק קיין שום דירעקטע שייַכות צו דער טעמע פון ארץ־ישׂראל. דאָס זייַנען אַלגעמיין־פילאָזאָפישע און פאַנטעאיסטישע לידער.

ש. ניגער מיינט, אַז אין דעם ציקל זייַנען דאָ נאָר צוויי לידער וואָס זייַנען ארץ־ישׂראל־לידער: "אויפֿן באַרג פון שעיך־אַ־ברעק" און "פּאַסטעך שאול". ניגער שטעלט פעסט, אַז ארץ־ישׂראל־לידער דאַרפן פאַרמאָגן פיר אייגנשאַפטן: די אויפֿריכטונג פונעם אַלטן חרובן לאַנד, צוקונפט־האָפענונגען, בויאונג און באַנייַאונג און יונג ווערן [9]. אין די צוויי לידער שטייט דער פאָעט מיטן פּנים צו דער צוקונפט, זייַנען זיי דעריבער די איינציקע וואָס פּאַסן זיך אַרייַן אין זייַן דעפיניציע [10]. אין דעם ציקל אין אַלגעמיין "רינגלען זיך אַרום שאָטנס פון אַמאָל" ווייַל "לייוויק האָט טיפער געפילט דאָס אַלט זייַן און דאָס אייביק זייַן פונעם לאַנד..." [11]. אין דעם ליד וואָס עפנט דעם ציקל, "בײַם כּותל מערבֿי", זאָגט דער לירישער איך: "ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר, און איך — ניט ייִנגער — —".

די אַנדערע לידער אין דעם ציקל שפּיגלען אָפּ אַ געוויסע "וועלט אומרואיקייט" און זייַנען דורכגעדרונגען מיט "ליריש־פילאָזאָפישער געלאַסנקייט און געהויבנקייט". ניגער דעפינירט זיי אויך אַלס "בילדלעך־מעדיטאַטיווע לידער" [12] און שטעלט פעסט אַז באַזונדערס די לידער "מדבר־קאַראַוואַן", "צוויי מוראַשקעס" און "שטיל־לעבן" פאַרמאָגן אַ "קאָסמיש לעבנסגעפיל [וואָס] פּאָרט זיך מיט דער בלויער חכמה פון אַ שטילן באַהאַלטענעם הומאָר" [13].

ניגערס אַנאַליז באַטאָנט נישט די דיסטאַנץ צווישן לייוויקס לויב־געזאַנג צו דעם נייַעם ישוב אין ארץ־ישׂראל און דעם נייַעם ארץ־ישׂראל־מענטש וואָס

האָבן באַקומען אַן ענטוזיאַסטישן אויסדרוק אין זײַנע עסייען און רעדעס, און דאָס כּמעט אויספעלן פון לויב־געזאַנג עלעמענטן אין די לידער. ניגער דערמאָנט אויך נישט אַז לייוויק האָט אין די לידער געשאַפן אַ נײַעם גואל. נעמענדיק אין אַכט לייוויקס פריערדיקע שאַפונגען אויף דער טעמע פון גאולה, וואָלט געווען לאָגיש צו מאַכן אַן אויספיר אַז די האָפענונג אויף דערלייזונג וואָלט איר נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע פאַרקערפּערונג באַקומען אין דער געשטאַלט פון משיח בן־דוד.

אָבער לייוויק, ווי אַן אמת זוכנדיקער פּאָעט מיט אַ שליחות האָט אינטואיטיוו פאַרשטאַנען, אַז אַלע אָנגענומענע אײַנשטעלונגען, וואָס האָבן ביז איצט עקזיסטירט, זײַנען נישט מער גילטיק. דער ציקל לידער איז אַ ווענדפּונקט אין לייוויקס אויפ־פאַסונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אַנטקעגן איצטיקייט, אידענטיפיצירן זיך מיטן לאַנד און מיט דעם נײַעם ישוב און מיט דער גאולה־פּראָבלעמאַטיק.

כאָטש דער פּאָעט וויל זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירן מיטן לאַנד און שאַפן אַ גײַסטיקע סימביאָזע מיט אַלץ וואָס געהערט צו דער מדינה, דריקן די לידער אויס אַז ער איז צו דעם נישט פעאיק; עס שטייט כּלומרשט צווישן זיי אַ מחיצה, וואָס ער איז נישט מסוגל צו צעשטערן. שוין אין דעם נאָמען פון דעם ציקל דריקט זיך אויס אַ פאַרפרעמדקייט: עס הייסט "דאָרטן וואו די צעדער", און ווײַזט אַן אויף אַ ווײַטקייט, אַ "דאָרטנקייט" און נישט קיין "דאָאיקייט". (טראָץ דעם וואָס דער עצם אויסדרוק איז אויסגעבאָרגט פון אַן אַלט חיבת־ציון־ליד).

דאָס ערשטע ליד אין דעם ציקל "בײַם כּותל מערבֿי" שילדערט ווי אַזוי דער לירישער איך זוכט אַ פיזישן קאָנטאַקט מיט דעם סימבאָל פון קדושה און חורבן, ממשותדיקע עלעמענטן אין דער פאַרגאַנגענהייט פונעם דאָזיקן לאַנד. דער קאָנטאַקט קען נישט ספּאָנטאַן פאַרווירקלעכט ווערן:

"איך זע צום ערשטן מאָל דיך, און איך וויל
דיך אָנרירן מיט מײַנע פינגער,
און —
איך ריר ניט אָן.
ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר, און איך — נישט ייִנגער — —"

דער קאָנטאַקט מיט דעם אָנגענומענעם סימבאָל פון ייִדישער פאַרגאַנגענהייט ווײַזט זיך אויס ווי זייער אַ פּראָבלעמאַטישער, ווײַל דער לירישער איך וואָס איז ביכולת זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם עבר איז נאָך נישט גרייט פאַר דער איצטיקייט. צוויי טויזנט יאָר זײַנען צוויי טויזנט יאָר גלות, וואָס דער פּאָעט איז נאָך אין זיי טיף אײַנגעוואָרצלט. די פאַרבינדונג מיט איצטיקייט דאַרף האָבן, אפשר, מער צײַט זיך אײַנצושטעלן.

דאָס ליד וואָס דריקט אויס, מער פון אַנדערע, די שטרעבונג צו אַ צונויפבונד מיט דעם באָדן פון ארץ־ישראל, איז דאָס ליד "זיבן שטיינער". אין דעם ליד וויל

דער לירישער איך זוכה זײַן צו דער אַנטפּלעקונג פון גאָט, און פּרובירט עס צו דערגרייכן גייענדיק אין די טריט פון יעקב אָבינו: ער קלײַבט צונויף זיבן שטיינער, בויט אַ מזבח און וויל זיך לײַגן שלאָפן אויף זיי. דער נס געשעט נישט ווײַל די שטיינער — אַ מעטאָנימיע פאַר ארץ־ישׂראל — האָבן זיך נישט פאַראייניקט. זיי זײַנען געבליבן צעשפּאָלטן, צעשפּיציקט און צעקראַכט, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט אָננעמען זײַן ווילן זיך צוזאַמענגיסן מיט זיי, און דורך זיי מיט דער געטלעכקייט. וואָס האָט געזאָלט זײַן אַ וויזיע פון געטלעכן גענאָד, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר, און דער אויספיר איז אַ געפיל פון אָפּגעפרעמדקייט, ריס און טויט:

„און אויף יעדן שפּיץ פון זיי,
ווי שטיקער אָפּגעקילט געשריי,
געהאָנגען זײַנען קריעה־ריסן פון זײַן שלאָף".

די מסקנה איז, אַז דער פּאָעט איז נאָך נישט אַרײַנגעוואַקסן מיט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט ארץ־ישׂראל און דעם ישׂראלדיקן פייזאַזש.

די גאולה־מאָטיוון, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין די ארץ־ישׂראל־לידער, זײַנען נישט דער המשך פון לייוויקס צוגאַנג צו גאולה אין זײַנע דראַמאַטישע פּאָעמעס. אין דעם ליד „פּאַסטעך שאול" פּרעזענטירט לייוויק זײַן נײַעם סימבאָל פון גאולה — פאַר דעם נײַעם ישוב אין ארץ־ישׂראל, רעפּרעזענטירט דורך „עין־חרוד", וואָס ליגט צופוסנס בײַם באַרג גלבוע, היסטאָריש פאַרבונדן מיט מלך שאול. נישט משיח בן־דוד, נאָר שאול המלך איז דער נײַער גואל.

אין איינער פון זײַנע עסייען שרײַבט לייוויק, אַז ער האָט דערפילט, אַז שאול המלך איז דער פּאַסיקער סימבאָל פאַר דער רעאַלער „גאולת־הקרקע" וואָס קומט פאַר אין ארץ־ישׂראל. שאול המלך איז זוכה צו „תחית־המתים" ... „אָבער נישט צו זײַן מלך שטייט ער אויף. דאָס בלוט פון זײַן האַרצן רינט, אָבער די קרוין וואַרפט ער אָוועק... ער וויל זײַן צוריק פּאַסטעך. ער וויל פּיטערן שאָף... ער וויל פּיטערן לעבן" [14]. דאָ קומט אַרײַן אַ נײַער פאַקטאָר וואָס איז אַ מוז אין דעם פּראָצעס פון דער נײַער גאולה אַליבא דלייוויק — דער מאָטיוו פון זיך מקריב זײַן פאַרן לאַנד [15]. אויך שאול המלך, אַלס אַ יונגער פּאַסטעך און אויך אַלעקסאַנדער זײַד, וואָס איז אין יענער צײַט געפאַלן יונגערהייט אויף די בערג פון שעיך־אַ־ברעק, ווערן די נײַע סימבאָלן און די נײַע מיטאָסן פון דער גאולה, ווײַל אַ נײַע גאולה דאַרף פאַרמאָגן נײַע מיטאָסן. אַלעקסאַנדער זײַד איז דער וואָס איז זוכה צו געטלעכער גענאָד, ווי יעקב אָבינו, אָבער „ניט אין חלום, נאָר אין וואָר —"... וואָס איז געווען אָפּגעהאַלטן פון לירישן איך, ווערט געשענקט דעם וואָס האָט מיט זײַן קערפּער פאַרווירקלעכט די „גאולת־הקרקע". בײדע געשטאַלטן זײַנען די

פאַרזעצערס פון תנ״ך. צוזאַמען מיטן באַזינגען דאָס נײַע ארץ־ישׂראל, איז בײַם דיכטער דאָ דער נביאישער פאַרגעפיל פון קאַטאַסטראָפע.

אין די לידער ווי ״אויפן חורבן פון אַביסיניע״ שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף דער אומבאַהאָלפנקייט פון זײַן וואָרט אַנטקעגן דער אימהדיקייט פון דעם וועלט חורבן, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן[16]. מיט די אַנדערע לידער, אַרײַנגענומען אין דעם ציקל, וואָס אויבנאויפיק האָבן זיי ווייניק שײַכות צו דער ארץ־ישׂראל־טעמאַטיק, פּראָקלאַמירט אפשר דער לירישער איך, אַז ער אַליין איז נאָך נישט פאַרטיק מיט דער באַאַרבעטונג פון זײַנע איבערלעבונגען אין ארץ־ישׂראל.

מען קאָן אויך אויסטײַטשן, אַז קעגן דער שוידערלעכער וויזיע פון דעם חורבן, איז עס אוממעגלעך פאַר דעם פּאָעט זיך פאָרצושטעלן אַ שטראַלנדיקע צוקונפט, און די לידער ענדיקן זיך אין ניט קיין פריילעכן טאָן.

הערות

1 אידישער קעמפער, 17טן דעצעמבער 1937. אויך אין ה. לייוויק, עסייען און רעדעס, אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1963, ז״ז 345.
2 דאָרט.
3 רעדע אין פּאַריז וועגן ארץ־ישראל, עסייען און רעדעס, ז״ז 366.
4 רעדע געהאַלטן אויף דער ליטעראַטור־סעסיע פון קולטור־קאָנגרעס, דער טאָג, סעפּ־טעמבער 1948.
5 געזעגענונגס־רעדע אין צריף ׳אוהל׳ אין תל־אביב. עסייען און רעדעס, ז״ז 359.
6 דאָרט.
7 דאָרט.
8 אידישער קעמפער, 17 טן דעצעמבער 1937. אויך אין עסייען און רעדעס, ז״ז 343־344.
9 ש. ניגער, ה׳ לייוויק 1888־1948, ה. לייוויק יובל־קאָמיטעט, גרשון פּאַמעראַנץ עסיי־ביבליאָטעק, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע 1951, ז״ז 321.
10 דאָרט, ז״ז 322.
11 דאָרט, ז״ז 321.
12 דאָרט, ז״ז 323־324.
13 דאָרט.
14 אידישער קעמפער, 17טן דעצעמבער 1937. אויך עסייען און רעדעס, ז״ז 352.
15 עסייען און רעדעס, ז״ז 363.
16 ש. ניגער, ז״ז 322.

מרדכי יושקאָווסקי

ה. לייוויק און די סאָוויעטיש־ייִדישע פּובליציסטיק

דער ביבליאָגראַפישער אַנאַליז פון דער סאָוויעטישער ייִדישער פּובליציסטיק פון הײַנטיקער צײַט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אויסשליסלעך (נישט רעכענענדיק די לאָקאַלע צײַטונג ״ביראָבידזשאַנער שטערן״) מיטן חודש־זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״, ווײַזט דײַטלעך, אַז אין קוואַנטיטעט פאַרנעמט אין איר די באַלויכטונג פון דער אויסלענדישער ייִדישער ליטעראַטור אַ קנאַפּן אָרט. דער ביבליאָגראַפישער אָנווײַזער פון אָט דער רובריק וואָלט נישט פאַרנומען מסתמא מער ווי דרײַ־פערטל פון אַ זשורנאַל־זײַטל.

בלי ספק, אַז די מערהייט סיבות פון אַזאַ דערשײַנונג זײַנען אידעאָלאָגישע. די סאָוויעטישע ייִדישע ליטעראַטור בכלל, און ליטעראַטור־קריטיק און פּובליציסטיק בפרט, זײַנען אין העכסטער מאָס פּאָליטיזירט און אידעאָלאָגיזירט, ווײַל לויט דער סאָוויעטישער אָפיציעלער פּאָליטיק האָט געמוזט געשאַפן ווערן אַ באַזונדער סאָוויעטיש־ייִדיש פאָלק מיט זײַן באַזונדער סאָוויעטיש־ייִדישער קולטור. אַלץ וואָס פלעגט זיך שאַפן מחוץ די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד אויף דער ייִדישער גאַס, איז געשטעמפּלט געוואָרן פאַר עפּעס פרעמדס און זײַטיקס. אָבער אַפילו די אָרעמע רשימה פון די מאַטעריאַלן וועגן דעם ייִדישן ליטעראַרישן אויסלאַנד, וואָס זײַנען אָפגעדרוקט געוואָרן אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״, רעדט פאַר זיך אַליין.

דער גרעסטער טייל פון די מאַטעריאַלן איז געווידמעט דער קאָמוניסטישער פּרעסע און מחברים מיט אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויאונג. ס'איז מער ווי שווער צו באַרעכטיקן ממש אַ נישטיקע צאָל אַרטיקלען וועגן וועלט־באַקאַנטע מײַסטער פון ליטעראַטור. ס'איז מאָדנע, אַז דאָס באַציט זיך אין גלײַכער מאָס אויך צו די שרײַבער מיט לינק־אידעאָלאָגישע איבערצײַגונגען.

אַן אויסנאָם שטעלט מיט זיך פאָר לייוויק. אים זײַנען געווידמעט אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״ פינף אַרטיקלען אָדער עסייען. אָט איז זייער רשימה:

1. ה. לייוויק נעקראָלאָג 1963, נומ׳ 1, ז׳ 112.
2. מילער ל., ״קינסטלערישער באַרוף״ (זכרונות וועגן ה. לייוויקן). 1969, נומ׳ 4, ז׳ 110־117.

3. רעמעניק ה., "אַ גרויסער דיכטער" (וועגן ה. לייוויק). 1979, נומ' 1, ז' 134־143.
4. ה. לייוויק. "ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס". 16 בריוו פון ה. לייוויקן צו זײַן פרוי. 1988, נומ' 11, ז' 106־120.
5. ח. ביידער, "ה. לייוויק — דער איבערזעצער פונעם 'אינטערנאַציאָנאַל'". 1988, נומ' 3, ז' 116.

שוין דער פאַקט, וואָס לייוויק האָט זוכה געווען, מען זאָל אים אָפּגעבן אין "סאָוועטיש היימלאַנד" מער כּבֿוד ווי אַנדערע ייִדישע אויסלענדישע שרײַבער, — איז אַן אָנצוהערעניש אויף באַזונדערע באַציאונגען פון לייוויק מיט דער ייִדישער סאָוויעטישער ליטעראַטור. אַ סימן האָט מען: פינגער פון ביידע הענט וועלן סטײַען איבערצוציילן די אויסלענדישע ייִדישע שרײַבער, וואָס זייערע ביכער זײַנען דערשינען אין ראַטן־פאַרבאַנד, און לייוויק איז אין זייער צאָל. זײַנע ביכער פון דראַמאַטישע ווערק און פּאָעזיע זײַנען אַרויס אין קיִעוו (1925 און 1926), ווי אויך אין מאָסקווע (1925).

פּובליקאַציע פון די ביכער אין יענע יאָרן איז דערמעגלעכט געוואָרן בלויז צוליב דער קאָמוניסטישער אָריענטאַציע פון לייוויקן אַליין אין זײַנער צײַט און צוליב זײַן רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט.

דער דאָזיקער פּעריאָד פון לייוויקס ביאָגראַפיע איז אָפּגעמערקט געוואָרן אויך אינעם נעקראָלאָג אויף זײַן טויט, אָפּגעדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד":

"אין 1906, ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר, האָט די צאַרישע מאַכט אים פאַרמשפּט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט צו פיר יאָר תּפיסה. ער איז דעם טערמין אָפּגעזעסן אין דער בוטירקי־תּפיסה אין מאָסקווע. אין 1912 האָט מען אים צוגע־משפּט צו לעבנסלאַנגער פאַרשיקונג קיין סיביר. אין אַ יאָר אַרום איז ער אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג און מיט גרויסע שוועריקייטן זיך דערקליבן קיין ניו־יאָרק. דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט ער באַשריבן אין זײַן בון 'סיבירער לידער', וואָס האָט אים באַלד אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער ייִדישער פּאָעזיע". דער לעצטער זאַץ איז זייער טיפּיש פאַר דער סאָוויעטישער ליטעראַטור־עסעיסטיק, וואו די שעפערישקייט איז אומאָפּרײַסבאַר פון די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע סובסטאַנצן.

אָבער די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון לייוויקן און זײַנע לײַדן אין צאַרישן רוסלאַנד איז בלויז דער ערשטער רינג פון דער קייט, וואָס האָט פאַרבונדן דעם גרויסן דיכטער מיט דער סאָוויעטישער ייִדישער ליטעראַטור. אין 1925 האָט דער דיכטער באַזוכט דאָס סאָוויעטישע רוסלאַנד. אָט דער וויזיט איז געווען סײַ אַ פּרוכטבאַרער פאַר לייוויקס שאַפונג, סײַ אַן אַנטשיידנדיקער פאַר זײַן פּאָליטישער וועלט־אָנשויאונג.

אינעם שוין דערמאָנטן נעקראָלאָג לייענען מיר: "אין 1925 האָט ער באַזוכט

דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אָפּגעדרוקט אין 'מאָרגן־פֿרײַהייט' אַ סעריע באַ־גײַסטערטע אַרטיקלען".

אָבער שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז די באַגײַסטערונג איז געווען מער ווי באַגרענעצט. אין שײַכות דערמיט לאָמיר זיך אָפּשטעלן מער אויספֿירלעך אויף דער יובל־פּובליקאַציע אין יאָר 1988, געווידמעט לייוויקס הונדערטסטן געבורטסטאָג "16 בריוו פֿון ה. לייוויקן צו זײַן פֿרוי".

כאָטש דאָס איז נישט קיין אָריגינעלער מאַטעריאַל פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד", נאָר איבערגעדרוקט פֿונעם 124סטן נומער פֿון "די גאָלדענע קייט", איז עס זייער אַ וויכטיקע פּובליקאַציע, ווײַל זי שפּיגלט דײַטלעך אָפּ לייוויקס אײַנדרוקן און איבערלעבונגען בשעת דעם וויזיט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, באַשריבענע פֿון אים אַליין. הייסט עס, די מאָס פֿון אָביעקטיווקייט איז אין דעם פֿאַל די גרעסטע. חוץ דעם, לייוויקס בריוו צו דער פֿרוי אַנטהאַלטן זייער אַ ווערטפֿולן קאָמפּאָנענט — די פּוסנאָטיצן מיט דערקלערונגען, צוגעגרייט דורך י. ליפּשיץ פֿון ניו־יאָרק, וואָס פֿאַרמאָגן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע בײַ־קאָמענטאַרן.

צום בײַשפּיל, אויף דער פֿראַגע פֿון לייוויקס אַ בריוו: "עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטיקל קריג־קריטיק צווישן מיר און די היגע שרײַבער. איך האָב זיך אָנגערופֿן, און זיי האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט און גלײַכצײַטיק אָנגעפֿאַלן אויף מיר אויך", געפֿינען מיר אַ פּוסנאָטיץ: "אויף דעם באַנקעט האָט לייוויק זיך געווענדט צו די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער: "ווי גרויס האָט באַ־דאַרפֿט בײַ אײַך זײַן דער זשעסט און דער פּאַטאָס פֿון ייִדיש! ווי גרויס האָט באַדאַרפֿט זײַן דער רוף און ווי פֿאַרכאַפּנד האָבן באַדאַרפֿט זײַן זײַנע אָפּקלאַנגען! אַלע אומשטאַנדן זײַנען גינסטיק און טרײַבן דערצו. לײדער, איז מײַן אײַנדרוק נישט אַזאַ. איך פֿיל נישט קיין גרויסן זשעסט און פּאַטאָס. פֿאַרקערט, עפּעס אַ קאַרגשאַפֿט אַזאַ, כמעט ווי אַ מורא, אַן אײַנגעשרומפּטקייט. פֿון איין זײַט, איז דאָ אַלץ נײַ, מע הערט נאָר "מיר", אַפֿילו אין מײַן היימשטעטל איהומען זאָגן אַלע נאָר "מיר", "מיר — די מלוכה". פֿון דער אַנדערער זײַט, איז נעמט, למשל, די ווײַסרוסן, איך האָב געזען אין מינסק אין "אינבעלקולט", ווי די ווײַסרוסן באַציִען זיך צו זייער קולטור. אַ מין פּאַטאָס! אַ מין ציטערדיקייט! און בײַ אײַך בנוגע צו ייִדיש — נישט־פֿאַנאַנדערגענומענע הענט און אַ קול אַזאַ הער איך עפּעס נישט קיין אינערלעך זיכערן. איך זאָג דאָס ווי אַ באַשולדיקער, איך זאָג דאָס אָפֿן!".

לייוויקן האָבן אָפּגעענטפֿערט און קריטיקירט משה ליטוואָקאָוו, מ. ראַפּעס, יחזקאל דאָברושין, יצחק נוסינאָוו, חיים גילדין, אהרן קושניראָוו און איזי כאַריק. אַלע האָבן אים געזאָגט, ער זאָל נישט שטיין פֿונווײַטנס און קריטיקירן, נאָר קומען זיך באַזעצן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און העלפֿן אין דער אַרבעט. דער "עמעס" פֿון 17סטן סענטיאַבער האָט איבערגעגעבן זײַנע רייד פּינקטלעך. לייוויק האָט אין דעם

בריוו צו ניגערן פֿאַרן 12טן אָקטאָבער געלויבט דעם "עמעס", וואָס איז געווען מוטיק און דרייסט "איבערצוגעבן דעם טאָן פֿון באַנקעט פֿאַר מיר אין מאָסקווע אָפֿן און ערלעך". וועגן די ייִדישע שרײַבער האָט לייוויק געשריבן, אַז זיי לײַדן פֿון אַן "אינערלעכער מורא אויסגעטײַטשט צו ווערן נאַציאָנאַליסטיש".

דער קאָמענטאַר שילדערט אַמבולטסטן די אַטמאָספֿער, אין וועלכער עס איז פֿאָרגעקומען דער היסטאָרישער באַזוך. צו זײַן פֿרוי שרײַבט לייוויק: "איך וועל אַ סך לערנען פֿון מײַן באַזוך און עס וועט ווירקן אויף מײַן גאַנצער שטימונג". און נאָך: "איך בין דאָ אַליין אין אַזאַ מאָדנער לאַגע, שטימונג און באַציאונג צו די היגע. עס קומט אויס, אַז צווישן מיר און זיי קומט פֿאָר אַ דראַמע. עפּעס אַזאַ אינערלעכער צוזאַמענשטויס, אַ קאָנפֿליקט, און יעדערן טוט עס וויי, און יעדער זוכט, ווי אַזוי דעם קאָנפֿליקט בעסער צו לייזן, און עס וועלן נאָך זײַן אַ סך רייד וועגן דעם דאָזיקן ענין". וואַרשיינלעך, אַז דער וויזיט האָט געענדערט און אַפֿילו איבערגעקערט לייוויקס אידעאָלאָגישע איבערצײַגונגען און זײַן באַציאונג צום קאָמוניסטישן רוסלאַנד, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז לייוויק געבליבן אַנטציקט פֿון זײַן באַזוכן די ייִדישע שולן, קינדערהיימען, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס און אַנדערע אַנשטאַלטן: "און אַלץ אַרום איז ווידער פֿול מיט ענערגיע, מיט אַרבעט, מיט פּלענער און נײַע האָפֿענונגען". אָבער סײַ־ווי־סײַ זאָגט עדות דער טאָן פֿון די בריוו, אַז די אַנטוישונג און נעגאַטיווע איבערלעבונגען האָבן אַ סך איבערגעוואָגן אין לייוויקס אײַנדרוקן. אַליין דער פֿאַקט, וואָס דער צוקלייב פֿון בריוו מיט די קאָמענטאַרן איז דערשינען אויף די שפּאַלטן פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד", באַשטעטיקט די פּאָליטישע ענדערונגען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד בכלל, און אין דער אָריִענטאַציע פֿון דעם דאָזיקן זשורנאַל בפֿרט. ס'איז אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אַזאַ פּובליקאַציע וואָלט באַשײַנט די זײַטן פֿונעם זשורנאַל אַפֿילו מיט פֿינף יאָר צוריק.

און ס'איז אינגאַנצן אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, ווי וואָלט זיך געפֿירט לייוויק, באַזוכנדיק דעם הײַנטיקן ראַטן־פֿאַרבאַנד און דערזעענדיק דעם הײַנטיקן מצב פֿונעם ייִדישן זײַן דאָרטן. דאָס געפֿינט זיך שוין אויסער די גרענעצן פֿונעם מענטשלעכן באַנעם, דעמאָלט אָבער, אין די 20ער יאָרן, איז קלאָר, אַז לייוויק האָט זיך אומגעקערט פֿון רוסלאַנד מיט אַנדערע מחשבות אין פֿאַרגלײַך מיט די, מיט וועלכע ער איז געקומען אַהין. און דער סאָוויעטיש־ייִדישער אָפּיציאָז האָט עס גלײַך באַמערקט. אַזוי לייענען מיר אינעם נעקראָלאָג אויף לייוויקס טויט: "אין 1929 האָט ה. לייוויק, ליידער, פֿאַרלאָזט די "מאָרגן־פֿרײַהייט" און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער רעאַקציאָנערער ייִדישער פּרעסע. מיט זײַנע ווערק אָבער, מיט די לידער וועגן סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי, וועגן דער נעגער־דיסקרימינאַציע, וועגן קאַמף קעגן פֿאַשיזם, קעגן די מלחמה־העצער, מיט זײַן אַרבעט לטובת דער בויאונג פֿון "איקוף" איז לייוויק געבליבן געבונדן מיט

דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג". דער נעקראָלאָג איז אָפּגעדרוקט אין 1963, דעריבער ווערן דאָ די "מאָרגן-פרײַהייט" און דער "איקוף" פאַררעכנט פאַר פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, שפּעטער, ווי באַוואוסט, האָט די שטעלונג פון דער רע־דאַקציע "סאָוועטיש היימלאַנד" צו די ייִדישע אינסטיטוציעס אויך אויסגעשטאַנען אַ שטאַרקע ענדערונג.

אין שײַכות מיטן אַרטיקל פון ה. רעמעניק "אַ גרויסער דיכטער" וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען מיט זײַן דעטאַלן אַנאַליז, ווײַל דער אַרטיקל טראָגט מער אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער און האָט פאַר זײַן ציל מער צו באַקענען דעם סאָוויעטישן לייענער מיט לייוויקן, נעמענדיק אין אַכט, אַז דווקא דער סאָוויעטישער לייענער איז ווײַט נישט איבערגעזעטיקט מיט וויסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַ־רישער גאָס אין אויסלאַנד. ס'איז אָבער כדאי אָפּמערקן דעם עצם פאַקט, אַז דער אַרטיקל איז געשריבן פון ה. רעמעניקן, וואָס איז געווען איינער פון די באַדײַטנ־דיקסטע סאָוויעטיש-ייִדיש ליטעראַטור-פאָרשער און ליטעראַטור-קריטיקער. מע קאָן נישט מסתמא געפינען קיין איין וויכטיקן סאָוויעטיש-ייִדישן שרײַבער אָדער דיכטער, עס זאָל נישט זײַן וועגן אים אָנגעשריבן אַן עסיי פון רעמעניקן. אין דער זעלבער צײַט האָט רעמעניק זיך כמעט נישט באַשעפטיקט אינגאַנצן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. און דער איינציקער אַרטיקל זײַנער אין דער רובריק, אָפּגעדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" — איז דער אויבנדערמאָנטער אַרטיקל וועגן לייוויקן (רעמעניק האָט פאַרעפנטלעכט אין "ס.ה." מער ווי פערציק עסייען וועגן סאָוויעטיש-ייִדישע שרײַבער. באַנאַנד מיט דער אויסערגעוויינלעך גוטער ליטעראַריש-קריטישער קוואַליטעט שפּיגלען אָפּ זײַנע עסייען תּמיד די אָפיציעלע פּאָזיציע פונעם סאָוויעטישן שרײַבערישן עסטאַבלישמענט). דער פאַקט, וואָס רעמעניק האָט געווידמעט אַן עסיי לייוויקן, פאַרפעסטיקט בכן די באַזונדער־קייט פון דער באַציאונג צו לייוויקן מצד דעם ייִדיש-סאָוויעטישן אָפּיציאָז.

ס'איז ווינטשנסווערט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אַרטיקל פון ל. מילערן "קינסטלערישער באַרוף", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "סאָוועטיש היימ־לאַנד" אינעם יאָר 1969.

דער עסיי טראָגט סײַ אַ ליטעראַריש-קריטישן, סײַ אַן אינפאָרמאַטיוון כאַ־ראַקטער. ל. מילער שטרײַכט עטלעכע מאָל אונטער, אַז ער איז געווען אַ נאָענטער פרײַנד פון לייוויקן, ווי אויך זײַן ליטעראַרישער פאַרערער. ער האָט געקענט לייוויקן פון דער נאָענט, דעריבער קאָן ער באַשרײַבן אים נישט בלויז ווי אַ דיכטער, נאָר אויך ווי אַ פערזענלעכקייט. וועגן די פערזענלעכע שטרויכלונגען פונעם דיכטער און זײַן מענטשלעכער אויספורעמונג אַנטפּלעקט ל. מילער:

"ער האָט זיך אַליין דערזען אַ צעשפּאַלטענעם, אַ צווייאיקן, אַן אָפּגעזונדערטן פונעם לעבן און פון דעם מענטשן...".

דער דאָזיקער אויספֿיר פֿון ל. מילערן איז זייער בולט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין לייוויקס שורות:

איך בין אַ צוויי־געשטאַלטיקער און אַ
פֿאַרקערטער.

איך ווייס, דער צווייטער איז אין מיט אַן
אויסגעקלערטער, —
אַ הונט, וואָס יאָגט נאָך מיר אַליין זיך
אין געיעג.

און נאָך:

מיר גייען צווייען,
די וועלט איז שוואַרץ;
איך טראָג די טאָרבע,
און ער — מײַן האַרץ.

ל. מילער האַלט אין זײַן עסיי, אַז די פּייניקונגען פֿון יונגן לייוויקן מצד די צאַרישע מאַכטן אין די טורמעס און סיבירער קאַטאָרגע האָבן געשפּילט אַ ראָלע פֿון אַ ווענדפּונקט אין דעם דיכטערס שאַפֿונג, געווירקט אויף זײַן סטיל, "אין וועלכן ער האָט זיך באַשאַפֿן אַ גאָט פֿון פֿײַער און שניי. ער האָט זיך אַליין געפֿירט צו דער עקידה, וואו ער אַליין איז דער מזבח, דער קרבן און דאָס פֿײַער, אין וועלכן ער ברענט און ווערט נישט פֿאַרברענט".

ל. מילער ווענדט אויך דעם לייענערס אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער אויסער־געוויינלעך שטאַרקער לעבנסקראַפֿט פֿון לייוויקן, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אויס־שטיין אַלע לײַדן אין זײַן שווערן לעבן און בלײַבן גרויס אין זײַן דיכטערישער מאַיעסטעט.

מילער ברענגט אין זײַן אַרטיקל אַ סך אויסצוגן פֿון לייוויקס פּערזענלעכע בריוו צו אים, וועלכע אַנטפּלעקן דורך דער לויטערער שײַן פֿיל עפּיזאָדן אין לייוויקס ביאָגראַפֿיע.

דער לעצטער טייל פֿונעם עסיי איז געווידמעט זייער אַ וויכטיקער אַפֿילו פֿאַרן הײַנטיקן ליטעראַטור־פֿאָרשער טעמע: די באַציאונגען צווישן לייוויקן און פֿאַר־שיידענע ליטעראַרישע גרופּעס און שטראָמען אין אַמעריקע. מילער דערציילט, אַז אין 1925 איז דערשינען דער איינציקער נומער פֿונעם זשורנאַל "פֿון צײַט צו צײַט" — "מיט דער נאָענטער מיטאַרבעט פֿון ה. לייוויקן, י. אָפּאַטאָשו און א. לעיעלעס". אין דעם זשורנאַל האָט לייוויק אָפּגעדרוקט זײַנס אַן עסיי, פֿול מיט קריטיק קעגן די "יונגע" און "קונסט־עסטעטן". אויך די געבראַכטע דורך מילערן

אויסצוגן פון לייוויקס בריוו צו אים, ווײַזן אָן, אַז פֿאַר לייוויקן איז די אידעאישע טעמאַטישקייט געווען און געבליבן פון גרעסטער וויכטיקייט אין דער טעאָריע פון פּאָעזיע.

אינטערעסאַנט, אַז מילערס אַרטיקל ווערט פֿאַרענדיקט אַזוי:

״ער איז געפֿאָרן קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און איז דאָרטן געווען דער גאַסט פון די ייִדישע שרײַבער״. מילער האָט וואָרשיינלעך געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן דעם וויזיט, אָבער לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז דער אַרטיקל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״ אין 1969... און די אויבנדערמאָנטע פּרטים וועגן דעם וויזיט זײַנען געבראַכט אינעם זשורנאַל אין 1988...

און, צום סוף, עטלעכע ווערטער וועגן לייוויקס איבערזעצונג פונעם ״אינ־טערנאַציאָנאַל״.

ווי ס'איז באַוואוסט, האָט דעם הימן איבערגעזעצט אויף ייִדיש אינעם סוף פאַריקן י״ה ש. אַנ־סקי. אָבער די פּובליקאַציע פון ח. ביידער אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״ מעלדעט אונדז, אַז ס'זײַנען געווען אַ סך פרווון פון נײַע איבערזעצונגען, און איינער פון זיי געהערט ה. לייוויקן. אינעם אַרטיקל איז געבראַכט געוואָרן נאָך אַן איבערזעצונג פון אַ רוסיש־רעוואָלוציאָנער ליד, געמאַכט דורך לייוויקן, זיצנדיק אין מינסקער טורמע אין 1909.

סײַ ווי — דער נאָמען פונעם גרויסן דיכטער איז נישט פרעמד דער סאָוויעטיש־ייִדישער פּובליציסטיק. די פּאָליטישע ווינטן וואָס בלאָזן אין הײַנטיקן ראַטן־פֿאַרבאַנד, לאָזן האָפֿן, אַז לייוויק וועט נאָך פֿאַרנעמען זײַן פּאַסיק אָרט אויף דער סאָוויעטיש־ייִדישער ליטעראַרישער בינע.

י. ח. בילעצקי

גרונט־מאָטיוון פון לייוויקס יצירה

א.

עס זײַנען דאָ אין אַלע ליטעראַטורן אײנמאַליקע דיכטער, אײנמאַליקע אין זייער אומפאַרגלײַכלעכן ריטעם, אין זייער פּערזענלעכקייט, וועלכע זיפּן אויס דאָס געטלעכע ליכט פון מענטש און לאָזן איבער אַ ירושה נישט נאָר פאַר איין דור, נאָר פאַר דורות.

אַזאַ דיכטער־דראַמאַטורג איז ה. לייוויק, וועלכער האָט צעאַקערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַזויפיל טעמעס, מיט אַזויפיל שאלות, מיט איבערגאַנג פון שטומקייט צו ריידעוודיקייט, פון עמאָציע צו געדאַנקלעכקייט.

אַ דיכטער וועלכער האָט גענומען שטאָף צו זײַנע ווערק פון זײַנע אייגענע יסורים און פון די יסורים פון אַלע הרוגי מלכות, פון פײַניקער און געפּײַניקטע, פון קרבן און מזבח, פון עקידות און פּאַלמעסער פון לעבעדיקע גופים, פון אַלע גרוילן און ביטערנישן, פון אַלע וועלט־וואונדן און יחיד־וואונדן, צי זײַן נאָמען איז איוב, צי זײַן נאָמען איז נתן ניומאַן.

איך דערלויב זיך אַ פּערזענלעכן זײַטן־שפּרונג.

בערך מיט פערציק יאָר צוריק אין ניו־יאָרק בין איך געקומען צו לייוויקן אָפּקויפן די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום פאַר ספרית הפועלים, נאָכדעם ווי איך האָב שלאָנסקין געבראַכט צו דער הסכמה אַז ער וועט די באַלאַדע איבערזעצן אין העברעאיש. איך בין אויך געקומען צו יוסף אָפּאַטאָשון אָפּקויפן פאַר ספרית הפועלים "בר כוכבא" און "רבי עקיבא". אַ יונגער צוציק צווישן אַזעלכע צוויי בכבודיקע ייִדן. פאַרענדיקט די טראַנזאַקציע אין אָפּאַטאָשוס הויז, און נאָכדעם ווי אַדעלאַ, אָפּאַטאָשוס פרוי, האָט דערלאַנגט כּיבוד, האָט לייוויק געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און כ׳געדענק זיי ביז הײַנט.

האָט לייוויק געזאָגט: מ׳דערציילט אַז דער ווילנער גאון איז געזעסן אין טלית און תּפילין אין זײַן צימערל און געלערנט תּורה, איז אַרײַן צו אים זײַן פרוי און מיט אַ וויינענדיקן קול געזאָגט צו אים: אַלינקע, ווײַב און קינדער שטאַרבן פון הונגער און דו לערנסט תּורה? האָט דער גאון אויפגעהויבן זײַנע צוויי קלוגע אויגן און האָט איר געזאָגט: נעם די טאָרבע און גיי איבער די הייזער. דאָ האָט לייוויק צוגעגעבן: מיינט איר נישט, פרײַנט בילעצקי, אַז ס׳וואָלט געווען אַ סך

אצילותדיקער ווען ר׳ אלינקע אליין נעמט די טאַרבע און גייט ברענגען אַ גלאַז מילך און אַ פּענעץ ברויט פאַר ווייב און קינדער ?

ווי לאַנג איז עס געווען, האָט לייוויק שטיל זיך צערעדט ווי די העברעאישע ליטעראַטור האָט געזאָגט דעם יידישן שרייבער: נעם די טאַרבע און גיי איבער די הייזער. און דער יידישער שרייבער איז אַוועק מיט דער אָרעמער טאַרבע אויף נע־ונד־וועגן און געבראַכט צום יידישן טיש בנימינקען דעם דריטן מיט זיין ״ותוליכנו קוממיות לארצנו״, און געבראַכט טביהן מיט די קאַנען מילך און מיט זיינע טענות צום רבונו־של־עולם און זיין איבערבעטן זיך, און געבראַכט צום יידישן טיש פּרצעס מורד ר׳ שלמה פון ״די גאָלדענע קייט״ מיט זיינע חסידים און מקובלים, קעמפער און מאַרטירער.

און יעצט, יונגער פריינט בילעצקי, נעמט מיט צום העברעאישן טיש, צום העברעאישן לייענער מיין באַלאַדע פון דענוועדער סאַנאַטאָריום און יוסף אַפּאַטאָשוס ווערק בר כוכבא און רבי עקיבא. דער אמת איז דאָך: אחים אנחנו און פון שלוחה־בעכער אויף דער וועלט האָבן מירביידע נישט געטרונקען. צוזאַמען שאַפן מיר איין שלימות, איין גאַנצקייט...

ב.

— ווילסטו לייוויקס דיכטונג קענען ?

גיי אַרויס אויפן ברייטן שליאַך פון יידישן לעבן נישט נאָר אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָר פון דורותדיקן שאַפן און צאַפּל; גיי אַרויס אויפן שליאַך פון איובדיקע יסורים פון יידישן מענטש, און נישט נאָר פון יידישן מענטש, נאָר פון די אַלע וועלכע האָבן דורכגעמאַכט עקידות און זיינען אין טרעבלינקע יאָ געווען; שטעל זיך אַוועק לעם קוואַל פון משיחים, רעוואָלוציאָנערן, וועלט־דערלייזערס, הירשקע לעקערטס וואו נאָר זיי זיינען; און דאָרט וואו עס נעסטעט שרעק און אימה און צאַפּל פאַרן מאָרגן פון ייִד, פאַרן מאָרגן פון מענטש, דאָרט וואו טיר און טויער ווערן פאַרשלאָסן מיט אייזערנע גראַטעס — שטיי און דערקען לייוויקס דיכטונג.

— ווילסטו לייוויקס ליד זען ?

גיי אַריין אין יידישע הייזער, וואו דער ווי און צער האָט זייער נעסט געבויט נאָך דעם חורבן, דאָרט וואו דער ווידוי איז פאַרשטומט געוואָרן אויף די ליפּן, וואו דער קדיש איז נישט דערזאָגט געוואָרן; גיי אַריין אין די אומעטיקע הערצער פון מיליאָנען ייִדן, וועלכע גייען נאָך די אומרואיקע קלאַנגען פון ״אני מאמין״ לעם די אָנגעצונדענע גאַז־קאַמערן, דאָרט וואו אליהו הנביא קומט אָן און וויל ברענגען זיין נס, נאָר דער האַנקרייץ, דער שׂטן הייבט זיין האַק אויף דעם גאולה־שליח; קום אַריין אין יענער אָרעמער מלוכה פון ייִד, פון מענטש, וועלכער האָט אויס־געטרונקען זיין בעכער סם ביזן דנאָ — און דו וועסט זיין ליד זען.

ווילסטו לייוויקס געזאַנג פאַרנעמען ? —

גיי אַרײַן אין פּרדס פון ייִדישער מחשבה, און קוק זיך אַרום: פעלקער שטייען מיט אָנגעשאַרפטע העק, און ווילן דעם ווילנער גאונס קאָפּ, איינשטיינס קאָפּ, און פרעמד איז זיי הײַנעס קאָפּ — ווײַל זייערע וואָרצלען זײַנען ייִדישע, און קוק זיך אַרום: זיי הרגענען, זיי ממיתן, זיי שעכטן, ווי געניטע רוצחים פון דורות אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט די עשׂרת הדברות. זע ווי אַ וועלט איז אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין טומאה, אין רשעות. און אַרום דער רשעות וועסטו דערזען: אויף די כּרמלשע בערג אַ נײַעם ייִדישן צאַפּל, אַן אויפשפּראָץ פון אַ נײַעם לעבן, — אויף קליינע ייִדישע שטחים וואַקסט פונדאַסנײַ אַ פאָלק און וויל און וועט לעבן — און דאָרט וועסטו לייוויקס געזאַנג פאַרנעמען.

און ווילסטו לייוויקס דראַמע פאַרשטיין ? —

שטעל זיך אַוועק לעם די טויערן פון רוים און קוק אַן משיחן אין זײַנע קייטן. זע, ווי מ׳שמידט זיי די קייטן פונדאַסנײַ. זע ווי ער, דער אויסגעמאַטערטער, ווייטיקדיקער משיח רײַסט זיך אַנצוקומען אין פּינפער שלאָס, און אפשר אויך אין ירושלים, און העלפן דעם גולם קעגן טאַדעאושן. גיי אַרײַן אין פּראַגער אַלט־נײַ שול און וועק אים אויף, יאָסעלען, און זאָג אים אפשר איז זײַן צײַט פונדאַסנײַ געקומען. גיי אַוועק צו הירשקע לעקערטן און דערצייל אים דעם גאַנג פון ייִדישן אַרבעטער, פון האַראַנטשיקס "אין גערויש פון מאַשינען", ביז דעם האַמער־קלאַפּ אין קיבוץ און מושב; גיי דערצייל אים פון אַ באַרג־אַרויף אין ייִדישן לעבן, ווען די טויערן פון ירושלים זײַנען פונדאַסנײַ אָפן און אונטן גרינען ייִדישע גערטנער — דאַן וועסטו לייוויקס דראַמע פאַרשטיין און באַנעמען די תּשובה פון תּנחומס רוף: ווער קען ראַטעווען ?

און ווילסטו לייוויקס עסיי פאַרשטיין און באַנעמען ? —

שטעל זיך אַוועק בײַם שטענדער פון די צוויי און צוואַנציק ייִדישע אותיות, פון אליהו בחור ביז הײַנט צו טאָג, פון די ערשטע גראַמען, פון אונדזער געוועזענער ייִדישער אַרעמקייט; עפן אויף שׂרה בת טובימס תּחינות, און בראַצלאַווער מעשׂיות און דערגיי צו פרצן, צו ניגערן, צו ביקלען, צו דב סדנען, צו חיים גראַדען, צו די אַלע וועלכע האָבן דעם ייִדישע עסיי באַפרײַט פון אָרעמער מחשבה און רײַכער געמאַכט מיט עשירות פון וואָרט און געדאַנק — און דאַן וועסטו אויך לייוויקס עסיי פאַרשטיין און באַנעמען.

ג.

ווען מ׳רעדט וועגן לייוויקס שאַפן דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם אמת, אַז לייוויקס אויטאָביאָגראַפיע איז דער צענטער פון זײַן שאַפן.

לייוויקס יונגע יאָרן אין טורמע, אין סיביר, איז דער בעסטער אינפאָרמאַטאָר פון אַלע זײַנע הויפּט־טעזיסן: לײדן, געראַנגל, זוכעניש נאָכן גואל.

לייוויקס דיכטונג איז אַ פּירוש אויף זײַן לעבן און זײַן לעבן איז אַ פּירוש אויף זײַן דיכטונג. לייוויק האָט דראַמאַטיזירט יעדן ניואַנס פון זײַן לעבן, פון זײַנע שפּירונגען. זיצנדיק אין תּפיסה זײַנען געבוירן געוואָרן די צוויי פּאָעמעס: "די קייטן פון משיח" און "איוב דער צווייטער", און לייוויק איז דאַן אַלט געווען צוואַנציק יאָר! אין די צוויי ערשטע דראַמעס געפינען זיך שוין אַלע פּראָבלעמען פון לייוויקס יצירה.

לייוויקס בנין איז געבויט אויף צוויי פונדאַמענטן: ליידן און גאולה. צום סוף פון זײַנע יאָרן איז צוגעקומען אַ דריטער פונדאַמענט: מדינת ישׂראל.

לייוויק איז אָנגעקומען צו דער משיח־אידעע מיט אַ טעזע, מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך ווי אַ גרויסער דראַמאַטורג אין זײַן גולם און דער גולם חלומט. דער יסוד פון דער טעזע איז: ראַטעוועון הײַנט ווען מ'וואַרפט זיך אויפן ייִד אויסראָטן אים; שאַפן דעם גולם, וועלכער דאַרף זײַן דער שליח הצלה, דער גולם, דער וואָס דאַרף ראַטעוועון פּראָג פון אַ פּאָגראָם. און דער צווייטער יסוד: דער באחרית הימים.

נאָך אַ יסוד אין דער משיחיש־ייִדישער אידעע: דער ויכּוח מיטן קריסטנטום. קריסטנטום טענהט אַז משיח איז שוין געקומען און ייִדנטום טענהט: אף על פּי שיתמהמה אחכּה לו בכל יום שיבוא. ד"ה: משיח איז נאָך נישט געקומען.

די ייִדישע ליטעראַטור איז אויסגעקנאָטן מיט דער אידעע פון משיחיזם: אַלע ביכער וועגן ירושלים, חברון, צפת, טבריה, זײַנען בענקענישן נאָך גאולה, נאָך משיחן. די פּושקע פון ר' מאיר בעל הנס איז משיח־בענקעניש. קבלה — איז משיח־בענקעניש; דער בעש"ט איז בענקעניש נאָך גאולה, ר' נחמן בראַצלאַווער איז כּיסופי גאולה; די עליה פון די חסידים, ר' גרשון קיטאָווער איז אַ רעזולטאַט פון דחיקת הקץ, אומצוטרוי צום גלות.

דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט: איטלעכער ייִד האָט אין זײַן נשמה אַ טייל פון משיחן און ער דאַרף דעם דאָזיקן טייל מתקן זײַן, כּדי דאָס גאַנצע געשטאַלט פון משיחן זאָל זײַן פון אַלע ייִדן אינאיינעם.

ד.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף פינף פון לייוויקס שאַפונגען.

1. דער גולם

מיט דאַרשטיקייט איז דער ייִדישער דיכטער, דראַמאַטורג און דער גרעסטער פון זיי לייוויק, אָנגעקומען צו דער טעמע: גאולה. די משיח־לעגענדע האָט געציטערט און געפּלאַטערט אין יעדער ייִדישער שטוב. לייוויק און אַ סך ייִדישע דיכטער האָבן זיך אַרײַנגעפילט און אַרײַנגעלעבט מיט דער משיח־אידעע.

לייוויקס משיח קומט נישט מיט קיין שטראָף־רייד צו זײַן פאָלק. בײַ די טויערן

פון רוים, צי ביי אַנדערע טויערן, איז ער היימיש מיט זיין פאָלק, מיט זיין שׂמחה און מיט זיין עצבות, מיט זיין געשריי און מיט זיין שווייגן. אַ היימישער ביים ייִדישן טיש. משיח איז דער גרעסטער יש אין ייִדישן לעבן.

לייוויק האָט געזוכט אין דעם מיסטישן וועלט־באַנעם די קאָנקרעטע געשטאַלט פון אויסלייז, פון גאולה.

מיטן פּנים צו דער גאַנצער וועלט און דער עיקר מיטן פּנים צום ייִד. מיט פולן גלויבן, אַז די וועלט נאָך פּיינען און יסורים וועט נאָך פּראווען יום־טוב, אַז די וועלט טראָגט וואונדער און דער מענטש, דער ייִד, וועלכער רייסט זיך צו גאולה וועט דעם וואונדער פון דער וועלט פאַרוואַנדלען אין גלויביקערווירקלעכקייט. דער אחרית הימים טראָגט אין זיך דעם גרויסן וואונדער. ער טראָגט פאַרן ייִד און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט דעם שׂמחת תּורה נאָך תּשעה באב...

זיינען מיר מחויב אָנקומען צו לייוויקס ״גולם״, ביז היינט די שטאַרקסטע דראַמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיטן בוראס ווילן, איך שטרייך אונטער, מיטן בוראס ווילן, פאַרטראַכט דער מהר״ל צו שאַפן אַ גולם. אַ גולם, וועלכער דאַרף זיין אַ שליח פון רעטונג, שליח הצלה פאַר פּראָג, וועלכע שטייט אונטער דער סכּנה פון עלילת־דם, פון פּאָגראָמען. אונטערן דרוק פון געטלעכן געבאָט ווערט אויסגעקנאָטן פון ליים דער שליח הצלה. ביים קנעטן פלאָנטערן זיך אין מהר״לס מח מאָמענטן פון יאוש, און חשבון הנפש.

טראַגיש זיינען די מינוטן ווען דאָס געקנאָטענע לייב וואַקסט אויס אין אַ געשטאַלט און בעט זיך ביים מהר״ל, אַז ער זאָל אים נישט באַשאַפן, נאָר לאָזן ווייטער אים רוען אין שטומען חומר.

דער מהר״ל זאָגט קלאָר און אָפן: ״עס האָט מיך גאָט געשיקט איך זאָל דיך קנעטן, און אַריינבלאָזן אין דיר אַ לעבעדיקן אָטעם״.

דער גולם ווערט באַשאַפן אין דער האַלב־נאַכטיקער שטילקייט, ביי צאַנקענדיקע ליכט אונטער צעצויגענע קריאת התּורה־טענער פון דער סדרה בראשית. און די פּרשה בראשית פאַרנעמט זיך מיטן תּוהו־ובוהו פון דער וועלט און מיטן געטלעכן אויסרוף: יהי אור!

צוויי קעגנגעזעצטע כּוחות: דער גולם, מיט געזונטע פויסטן, אַ קאָלאָס, אַ גיבור, מיט אומגעהויערער קראַפט, און קעגן אים דער מהר״ל, אַ קליינינקער, אַן אַלטינקער, אַ שוואַכער, און ער, דער מענטש מיט די פויסטן, ווערט דער משרת פון קליינינקען, אַלטיטשקען, שוואַכן מהר״ל.

אויב איר ווילט קענט איר אויך אין דעם זען אַ סימבאָליש בילד.

ביסלעכווייז וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ געשטאַלט מיט פאַרשטומטן ווײ, מיט צעקרומטן צער, מיט אַן עראָטישן ציטער צו דעם מהר״לס אייניקל, דבורהל...

ספיקות וואַקסן אין מהר״לס האַרץ, ווען ער קוקט זיך אײַן אין זײַן יצירה וואָס טראָגט דעם שם־המפורש: ״אַט דאָס איז ער — מײַן מענטש מײַן אויסגע־חלומטער? מײַן גיבור? מײַן שליח? ער? — אַזוינע הענט, אַזוינע אַקסלען, פיס... אַזוי פיל גוף... אַזויפיל שטומער צער?״.

וואָס איז זײַן ערשטע אַרבעט? טראָגן וואַסער און שפּאַלטן האָלץ. זײַן סימבאָל איז די שאַרפע האַק. די סביבה, די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע געשטאַלט. בית המדרש־ייִדן, אײַנגעטונקטע אין די הייליקע ספרים, שוואַכענקע, קענען נישט באַנעמען אַ געשטאַלט וואָס דרייט זיך אַרום אין מהר״לס חצר, טראָגט וואַסער, האַקט האָלץ און די האַק אין זײַן האַנט הייבט זיך ווי אַ לײַכטע פעדער...

דער מהר״ל אָבער גלייבט, אַז אין דעם גולם איז דאָ אַן אָפּשײַן פון אַלמעכטיקן, אין אים איז פאַרבאָרגן אַ שטראַל פון דער גאָטהייט, ווײַל סוף־כל־סוף איז ער דאָך נישט בלויז אַ באַשאַף פון מהר״ל, נאָר פון גאָט אַליין.

אין מהר״לס סביבה דרייט זיך אַרום אַ פּשוטער ייִד, וואָס געפינט זיך נאָענט צום גולם, דער ייִד הייסט ר׳ תּנחום. דער פּשוטער ייִד האָט געהאַט אַ זון, יוחנן, וועלכער איז געטויט געוואָרן ערב פּסח.

דער ייִד גייט אַרום מיט קריעה־לאַצן, און עס וואַרטן אויף אים אַלע לאַצן ער זאָל זיי פונאַנדערהײַסן. דאָס איז נישט נאָר אַן אינדיווידועלער צער פון אַן אָב שכול, נאָר אַ ייִד וועלכער האָט פאַרקניפּט זײַן אינדיווידועל אומגליק מיטן פאָלקס צער... דער אינסטינקט פון שרעק לעבט אין אים, ער איז אײַנגעהילט אין שוואַרצן, ער זעט ווי ״פינסטערניש גייט אויף אויף אונדז — פינסטערניש פון אַלע זײַטן״.

(איך דערלויב זיך אַ דעגרעסיע: מיט פיר יאָר צוריק בין איך געווען אין דער ערשטער משלחת מיטן ראש העיר פון תל אביב שלמה להט אין פוילן. באַזוכנדיק אוישוויץ האָט מען אונדז דערלאַנגט אַ פּנקס, כּדי אַרײַנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער וועגן שוידער און גרויל וואָס מיר האָבן אײַנגעזאַפּט.

ס׳איז מיר אויפגעקומען דער פּסוק פון ספר דברים: ״ובגויים ההם לא תרגיע״. אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן. ווען מיר האָבן באַזוכט טרעבלינקע, האָט זיך די בקשה איבערגעחזרט און איך האָב אַרײַנגעשריבן לייוויקס ווערטער פון גולם: ״פינצטערניש גייט אויף אויף אונדז, פינצטערניש פון אַלע זײַטן״, און די מלווים האָבן זיך אונטערגעשריבן. און גלייבט מיר, געטראַכט האָב איך וועגן לייוויקס גולם און זײַן האַק און וועגן ״שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך״...)

און דאָ דערהערן מיר דעם קרבנס געשריי, תּנחומס געשריי: ווער קען ראַטעווען?

ציט זיך אַ דורות־לאַנגע קייט פון קרבנות על קידוש־השם, הערט זיך דורך אַלע ייִדישע דורות תּנחום־לייוויקס געשריי: ווער וועט ראַטעווען?

געטריבן פון תּנחומס געשריי האָט לייוויק געפירט זײַן פּען צו אַלע ייִדישע

דורות, צום מהר״ם פון רוטענבורג, צו דניאלען אין דאַכאָו, צו דער עקידה, צום גולם, צו גאולה־קאָמעדיע, צו סדום, צו אַבעלאַר און העלויז, דאָרט וואו עס טרעפט זיך דער פייניקער מיטן געפייניקטן, דער קרבן און דער תּליון.

אין פינפער שלאָס וואו עס דאַרף פאָרקומען דער גערანגל צווישן גולם און דעם קריסטלעכן מאָנאַך טאַדעאוש, טרעפט דער גולם אליהו הנביא און דעם יונגן משיח. דער יונגער בעטלער־משיח פאַלט פון מידקייט, בינדט פונאַנדער די וואונדן און פאַרוויקלט זיי צוריק מיט שמאַטעס. אָבער דער מהר״ל באַגרייפט, אַז איצט איז נאָך נישט די צײַט פון דעם יונגן משיח, נאָר פון גבורה־דערלייזונג. ער פאַרטרײַבט דאַריבער דעם משיח פון פינפער טורעם, ווײַל ער איז געקומען פריצײַטיק, נישט קיין גערופענער.

דער מהר״ל זאָגט צום גולם: ״זייער צײַט איז נישט געקומען נאָך, איצט איז דײַן צײַט״. הווה אומר: יעדע צײַט מיט איר משיח. קעגן טאַדעאושן פון פּראָג מוז זיך אַנטקעגנשטעלן די פויסט. דער גולם מיט דער האַק אין האַנט. קעגן דעם דאָזיקן פינצטערן גײַסט וואָס באָדט זיך אין יידיש בלוט, און בויט שײַטערהויפנס, קעגן אים דאַרפן קומען די מוראדיקע קלעפּ פון גולם. דער גולם איז באַשטימט פאַר חיי־שעה, דער יונגער משיח פאַר חיי־עולם. דעם בעטלערס צײַט איז נאָך נישט געקומען, זײַן צײַט וועט זײַן באחרית הימים.

אַזוי פאַרלאַנגט די ווירקלעכקייט. די וועגן זײַנען פול מיט הרוגים און מיט בלוטיקע רוצחים, לעכצט דאָס לעבן נאָך אַ מגושמדיקן משיח. דער יונגער משיח, זאָגט לייוויק דורכן מהר״ל, האָט נישט קיין אײַזערנע פויסטן וואָס קען שלאָגן מיט רציחה איבער קעפּ, אויפמאָנען צאָן פאַר צאָן, אויג פאַר אויג און קאָפּ פאַר קאָפּ. ער, דער יונגער משיח, דאַרף זײַן דער לעצטער.

די דראַמע פון גולם און אויך די גאולה־קאָמעדיע, איז געטריבן פון תּנחומס געשריי: ווער קען ראַטעווען.

דער גולם, דער גולם חלומט, זײַנען דראַמעס פון יסורים, פון לײַדן, פון ספק, פון צער, פון איינזאַמקייט. שרעק, מורא, פּחדים זײַנען דער אינהאַלט פון די העלדן. זיי ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, מיטן אַרום און מיט דער וועלט, מיטן גורל, מיטן עשאַפאָט, מיטן חלף, מיט דער האַק. אין זייערע טיפסטע טיפענישן האָט זיך אַנגעקליבן אַ געוואַלדיקער רוחניותדיקער כּח, וועלכער ווערט רעפּרעזענטירט דורכן מהר״ל, און אַ גשמיותדיקער כּח וועלכער ווערט רעפּרעזענטירט דורכן גולם.

אַ דראַמע פון לײַדן, דער יונגער בעטלער און אליהו הנביא לײַדן, דער מהר״ל אַ טראַגישע פיגור אויסגעקנאָטן אין ספיקות, צער און לײַדן, לייוויק לײַדט, אפילו דער מאָנאַך טאַדעאוש לײַדט, וואָס ער קען נישט דערטרינקען דעם יידישן פאָלק אין גריבער בלוט. אַלע סתירות פון גאולה זינקען אין לײַדן, אַכזריות

און גבורה און די געדולדיקע ייִדישע וועגן אין טיפענישן פון יסורים און לײַדן.
דער סינטעז: מהר״ל־גולם טובלט זיך אין יסורים.
פון די אַלע לײַדן האָט לייוויק געבויט די גרונט־מאָטיוון פון זײַן יצירה.

ווען לייוויק איז געווען אין מאָסקווע אין 1925 זײַנען די ייִדישע שרײַבער און קריטיקער געקומען צו אים מיט טענות: פאַרוואָס האָט איר נישט געפירט דעם גולם צו נצחונות? פאַרוואָס האָט איר געלאָזט דעם גולם שטאַרבן אויף אַ באַנק פון פאַליש און אַרויפגעשלעפּט אים צוריק אויפן בוידעם פון דער שול אין פּראָג? איינער פון די קריטיקער האָט געזאָגט מיט כּעס און פאַרדראָס: מיר האָבן פײַנט אַזאַ באַשעפעניש, וואָס לאָזט זיך אײַנצאַמען בשעת ער האָט אַ האַק אין האַנט. פאַרוואָס האָט דער גולם נישט פאַרכאַפּט פּראָג? נישט פאַרשטאַנען האָבן די מאָסקווער קריטיקער דעם דיכטערס און מהר״לס פאַרשטיקטן געשריי, זייער יאָמער, זייער רײַסן זיך צו ליכטיקייט און צו ליבשאַפט, פאַרשטיין די שטילע, געדולדיקע פול־בטחונדיקע אייביקע וועגן פון ייִדישן פאָלק. לייוויק האָט דאַן געשריבן: ״ברודער מײַנער, וואו ביסטו? איך וועל אַרויפגיין צו דיר אויפן בוידעם און צופאַלן מיט מײַן מויל צו דײַנע אומגעקומענע ליפּן, איך וועל אָטעמען אויף זיי מיט מײַן אָטעם, איך וועל אויפוועקן דיר פון דײַן צערפולן שלאָף, איך וועל זאָגן: שטיי אויף און דו וועסט אויפשטיין. איך זע אַ שיינער, אַ דינער, אַ ווײַסער, דורך פײַן ביסטו אַזוי געוואָרן אַזוי שיין, אַזוי דין, אַזוי ווײַס״.

די גאולה־געשטאַלט איז אַרײַן אַ דאַנק לייוויקן אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור מיט אימפּעט, כּח און אומרו, און געוואָרן אַ תּוכיקער באַשטאַנדטייל פון איר אָטעם.

2. עקידת יצחק

קיין שום דראַמע קען זיך נישט פאַרגלײַכן מיט עקידת יצחק פון חומש.

עקידת יצחק פון חומש האָט געקענט געבוירן ווערן נאָר פון דורות גלויביקע, נאָר פון מענטשן וואָס זײַנען אומגעגאַנגען מיט גאָט, ווי מיט זייער גלײַכן. עקידת יצחק איז פון די גרעסטע און וואונדערלעכסטע ביבלישע מיטאָסן. אין חומשדיקן עקידת יצחק ליגט דער גרעסטער נסיון פאַר וועלכן אַ בשׂר־ודם קען געשטעלט ווערן. מיר האָבן דאָ די מוראדיקע אמונה, וואָס האַלט דעם שׂכל שטום און דעם געפיל טויב. ניין, נישטאָ קיין קינסטלער וואָס זאָל קענען בעסער, פּשוטער און מײַסטערישער דערציילן די מעשׂה עקידה ווי דער חומש.

יעדע איבערדיכטונג מוז זײַן נידעריקער, אָרעמער.

לייוויק האָט זיך נישט פאַרמאָסטן מיט די קורצע עקידה־פּסוקים פון תּנ״ך. לייוויק איז געקומען איבערחזרן אַ הויפּט־מאָטיוו פון זײַן גאַנצער יצירה.

אַ הויפּט־מאָטיוו וואָס האָט באַאומרואיקט זײַן גאַנץ לעבן: לא תרצח. דאָס מענטשלעכע לעבן איז הייליק און עס איז נישטאָ קיין הייליקער צוועק, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס אויסלעשן אַ מענטשלעך לעבן; אונטער קיין שום אומשטענדן טאָר דאָס מענטשלעכע לעבן נישט געבראַכט ווערן ווי אַ קרבן. דאָס איז בעצם די הויפּט־אידעע פון דעם רוב פון זײַנע שאַפונגען. די אידעע איז שטאַרק בולט אין די גאולה־קאָמעדיע: דער גולם חלומט. אויך דער מזבח פון גאולה איז נישט ווערט קיין קרבן. דער מזבח וואָס הייסט לעבן, וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש, פאַרטראָגט נישט קיין בלוט־פאַרגיסונג, אַפילו נישט אין גאָטס נאָמען.

חנינה, דאָס געוויסן פון דער וועלט, האָט נישט געזוכט דאָס ליד פון דער גאולה. ער האָט דאָס פאָלק געגעבן זײַן ברכה און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, אַליין מיט זײַן טרויער, אַליין מיט זײַן שאָטן — דעם תליון, און לייוויק נעמט אַרויס די האַק פון תליונס האַנט. אויס תליון. די עקידה איז בײַ לייוויקן געוווען אַ מיטל פון אַ קינסטלער אַרויסצוברענגען זײַן הויפּט־רעיון פון הונדערטער לידער זײַנע און דראַמעס.

עקידת יצחק ווערט בײַ לייוויקן עקידת אברהם. ווען יצחק גייט אַראָפּ פון מזבח, נאָכדעם ווען עס הערט זיך גאָטס קול: "אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה", טרעפט יצחק ישמעאלען און די צוויי ברידער רעכענען זיך אָפּ מיט זייער טאַטן אברהם פאַר די עוולות וואָס ער האָט זיי געטאָן, און זיי מאַכן פון עקידת יצחק — עקידת אברהם.

ישמעאל און יצחק וואָלגערן אַרויף אַברהמען, זייער טאַטן, אויפן מזבח.

אַברהם בלײַבט לעבן, אַזוי ווי יצחק איז לעבן געבליבן, אָבער ער גייט דורך דעם גאַנצן וועג, דעם וועג פון פּײַן און מאַטערניש, דעם וועג פון אומרו און שרעק, וואָס זײַנע קרבנות זײַנען דורכגעגאַנגען, און ווען איצטער זאָל אים שׂרה זאָגן אַז דאָס לעבן פון אַ קינד איז טײַערער אַפילו ווי דער ווילן פון גאָט, וואָלט ער זיי אפשר פאַרשטאַנען בעסער ווי פריִער, און ער וואָלט אויך אפשר בעסער פאַרשטאַנען די רייד, וואָס זײַן זון יצחק האָט גערעדט, ווען ער איז געשטאַנען איבער אים אַ געבונדענער און אַ געפּײַניקטער מיטן חלף אין האַנט. ווען אַברהם פאַרנעמט יצחקס פּלאַץ אויף דעם מזבח, ווען די צוויי ברידער, יצחק און ישמעאל, בינדן אים, זאָגט יצחק צו דעם טאַטן: "וויין העכער. די לעצטע מינוטן זאָלן פול זײַן מיט אַנגסטן ווי אַן אַנגעגאָסן לאָגל, וויין שטאַרקער. און דו, גאָט, האַר פון דער וועלט, אויב דו ווילסט זײַן אַן עדות, גיי אַראָפּ און זע און זײַ אַן עדות, ווי דער לאָגל פון טויט ווערט פול... און גיי, גאָט, און דערצייל עס דערנאָך צו אַלע מענטשן, צו אַלע דורות; דערצייל אַז דער לאָגל פון גוואַלד און פון קרבן־טויט, איז אויסגעטרונקען ביזן דעק. פריִער האָב איך געטרונקען — איך דער אומשולדיקער, און איצט טרינקט אים אויס ביזן סוף דער שולדיקער; און מער וועט קיין טויט נישט זײַן, ווײַל איך האָב געפאַנגען דעם טויט אַליין און

פאַרברענט אויפן מזבח. און דאָס וועט זײַן מײַן בונד, גאָט, וואָס איך וועל פאַרשנײַדן מיט דיר און מיט דער וועלט; און דאָס וועט זײַן אַ דערמאָנונג פאַר יעדן, וואָס וועט וועלן אויפהייבן אַ האַנט אויף אַ לעבעדיקן ווען, — אַ צייכן פאַר אַלע דורות אַז קיינער זאָל נישט וואַגן אויפהייבן אַ האַנט אויף אַ לעבעדיק ווען".

יצחק, אליבא דלייוויק, איז סײַ ווי געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן. ער איז געלעגן אונטערן חלף, האָט איבערגעלעבט טויט־אַנגסטן און דאָס איז גלײַך ווי טויט. יצחק גייט אַראָפּ פון מזבח אַן אַלטער מאַן. ווײַס געוואָרן פון טויט־שרעק.

הייסט עס, אַז אויב אַפילו יצחק איז ניצול געוואָרן פון טאַטנס חלף, האָט אַברהם געבראַכט יצחקן פאַר אַ קרבן סײַ ווי. ווײַל יצחקס גאַנץ לעבן וועט שטיין אונטערן שאַרף פון חלף, אונטער אַנגסטן און שרעק. ווײַל דער חלף וועט אים נאָכגיין זײַן גאַנץ לעבן. ער וועט זיך פון טאַטנס חלף אויף זײַן האַלדז נישט באַפרײַען. און דערפאַר איז ער סײַ ווי אַ קרבן. עקידת אברהם, און נישט עקידת יצחק, וויל זאָגן: זאָלן אַלע וואָס פירן מענטשן צו דער תּליה אין נאָמען פון אַן אידעאַל, אַליין איבערלעבן די עינויים און די אַנגסטן פון טויט און דענסמאָל וועלן זיי האַלטן הייליק דעם מענטשנס לעבן.

איז דאָך קלאָר, אַז לייוויק האָט אויפשריבן אין דער הקדמה צו דער עקידה: "געווידמעט דעם אָנדענק פון אַלע די וואָס זײַנען ווען עס איז געבראַכט געוואָרן אומשולדיקערהייט פאַר אַ קרבן אויף וואָס פאַראַ מזבח עס זאָל נישט זײַן, — צי דער מזבח איז אַ קופּע שטיינער, צי אַ נאָרע פון אַ תּפיסה, צי אַ בעט פון אַ שפּיטאָל, צי נאָר אַ שוועל פון אַ שטוב".

3. אַבעלאַר און העלואיז

פון די שענסטע און דערהאַבנסטע דראַמעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און אפשר נישט נאָר אין דער ייִדישער, איז לייוויקס דראַמע: **אַבעלאַרד און העלואיז**, די ליבע פון אַ גלח אין דרײַצנטן י"ה צו אַ נזירה, אַ מאָנאַכין: העלואיז. לייוויק פאַרמעסט זיך אין דער דראַמע צו ווײַזן די רשעות פון קלויסטער און די גרויסקייט און אַצילותדיקייט פון ליבע.

דער קלויסטער קען נישט פאַרטראָגן אַזאַ ליבע, דערפאַר קאַסטרירט זי דעם גלח אַבעלאַרד — אַ ליבע געטובלט אין יסורים. אַ ליבע וואָס ווייסט נישט פון פאַרבאָטן און גרעניצן.

אַבעלאַרד און העלואיז — אַ קוואַל פון ליכטיקייט, די רשעות פון קלויסטער, — אַ שמוציקע, ברודנע קאַלוזשע... אַ דראַמע פאַר אַלע פאַרפײַניקטע ליבעס, אויסגעהאַדעוועטע אין יסורים.

אַ ליכטיקע, יסורימדיקע ליבע וואָס איז וואונדער פון הייליקייט, איז געוואָרן

פאַר לייוויקן אַ פּאָן, אַ רוף קעגן אַלע גריגאָריס וועלכע פּײַניקן אַבעלאַרדן. אין שעה פון פּײַן הערן מיר אַבעלאַרדס אני מאמין: "איך בין דער גערעכטער". דאָס איז די תּשובה פון דיכטער צו אַלע קייטן שמידער, צו אַלע פּײַניקער, צו אַלע פאַרברעכער קעגן מענטש.

אַבעלאַרד ווערט געשלעפּט פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר פופצן יאָר און זײַן בענקעניש נאָך העלואיזן ווערט גרעסער. ער טראָגט אַלץ אַריבער און אויך זי: שפּאָט, באַליידיקונג, שניטן פון מעסער אין זײַן לײַב. די יונגן האָבן אים געבונדן הענט און פיס, גריגאָרי האָט מיט אַ מעסער זײַן לײַב געשענדט, קומט דער ייִדישער דיכטער לייוויק אויסזינגען דעם פּראָטעסט קעגן די מאָנאַסטירן, קעגן די גריגאָריס, קעגן די פאַרגוואַלדיקער. אַבעלאַרד, העלואיז און לייוויק טראָגן אין דער דראַמע די שטראַלן פון דעם קומענדיקן טאָג. און ווײַל דער גלויבן אין נצחון איז אַזוי גרויס, זינגט אויס דער דיכטער לייוויק אין העלואיז און אַבעלאַרד פּײַנפולע ליבע: "דאָס תּפילה־טאָן פון מענטש צו מענטש איז מער ווי פון מענטש צו גאָט, ווײַל מענטש צו מענטש מיינט צוויי וואָס בלוטיקן, און מענטש צו גאָט מיינט איינער נאָר וואָס בלוטיקט. דעם טרויער פון גאָטס זון האָב איך געזען, נאָר נישט געזען האָב איך, אַז בלוט זאָל רינען פון דעם לײַב פון גאָט אַליין".

זינגט לייוויק אין דער דראַמע:

"ווי איז מיר, ווען יעדער גאָרנישט ווערט אַ מערדער, ווען יעדער קנעכט, ווי נאָר ער ווערט אַ שטיקל תּקיף, ווערט מושל, מלך, פירער, אַכזריותדיק און האַרט, נעמט פּײַניקן, נעמט מאַטערן זײַן קרבן, און נאָכדעם קומט אַ חונף־קנעכט און מאַכט אים פאַר אַ הייליקן".

אָט דער מאָטיוו איז אײַנגעוועבט אין לייוויקס יצירה. דאָס איז דער אור הגנוז אין זײַנע דראַמעס און דיכטונג.

דעם צער פון געפּײַניקטן גוף האָט לייוויק נישט געקענט פאַרשווײַגן. אַליין אַ קאַטאָרגע־מענטש אין זײַנע יונגע יאָרן, אײַנגעזאַפּט אין זיך די סיבירער שנייען, דעם געשריי פון מענטשלעכן פאַרשוועכטן כּבוד, דעם געקלאַנג פון קייטן, האָט ער געפירט זײַן לעבן "דורך אַלע געפאַרן, דורך תּפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה". און דער רצון איז געווען: "פירן און דורכפירן, ווײַל איך האָב פאַרשניטן אַ בונד מיט דיר, לעבן מײַנס".

לייוויק איז נישט געווען קיין איינזאַמער ייִדישער דיכטער. ער איז געווען פאַרוועבט אין געוועב פון דורות, געשטאַנען אויפן שיידוועג פון עפּאָכעס און געוואָרפן דיכטערישע, דראַמאַטישע בליקן אויפן פאַר און אויפן דערנאָך.

אײַנגעוואָרצלט אין דעם גרויסן עבר און אַרײַנגעוואַקסן טיף אין דעם עתיד, אַ נעכטיקער, אַן אײַערנעכטיקער, אַ מאָרגנדיקער און אַן איבערמאָרגנדיקער.

אין ליד, אָפטמאָל אין חלום, דאַכט זיך אין די עולמות עליונים און שטייט

פעסט אויף דער ערד. לייוויק איז נישט דער בעל־תשובה, נאָר דער בעל־שאלה, אַ פרעגער מיט זײַן וועגווײַזער: דער מענטש אין פּײַן, אין יסורים, דער ייִד מיט דורות־באַגלייטער.

אַ דיכטער וואָס דאָס האַרץ קילט זיך נישט בײַ אים, ביז ער זעטיקט זיך אַן מיטן צוקוקן זיך צו זייערע געברענטע לײַדן. אַ גאַרונג נאָך לײַטערונג און דער־הייבונג, מיט אַ חשבון האַלטנדיק סך־הכל־צייכנס אין דער האַנט.

"נאַכט בין איך? אַ, וואָס זאָל עס באַטײַטן / אליהו, גוטער נביא, קלאַפּ אַן אין מײַן טיר / און מײַן חלום פון קינדיש ווײַטע צײַטן / שפּרײַט אויס איבער מיר דורך דײַן באַריר".

"מאַך אַ חשבון אויך פון נעכט, ווען דיקע כמאַרעס / האָבן צוגעדעקט דעם הימל מיט דער ערד צוזאַמען / און אויך אונדז צעוואַלגערט ווי אויף טורמע־נאַרעס / אַרעסטאַנטן הינטער שלעסער, הינטער צאַמען".

פון די בני־עליה פון אונדזער דור, פון די יחידי־סגולה אין יאַמערטאָל פון וועלט, מענטש און ייִד.

4. די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום

די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום, איז לייוויקס רײַפסטער אויסדרוק פון געראַנגל צווישן טויט און לעבן. אַ צוזאַמענשפּיל פון ליריק און עפּיק. קינסטלערישע פּשטות וואָס רײַסט זיך צו שלימות.

"נישט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם / נישט משה אויפן שוועל פון כנען־לאַנד, / נאָר נתן ניומאַן הערט איך וועל דערציילן — / אויף אַ פּראָסטן בעטל בײַ אַ פּראָסטער וואַנט / דערציילן איז אין אמתן ניטאָ וואָס — / ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען בײַם צווײַטן מענטש, — / וואָלט אויך דער מלאך־המות אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען".

אַ העלד, וואָס איז נישט קיין גואל, נאָר גלאַט אַ מענטש, אַזוי ווערט פאַרוועבט אין אַ באַלאַדע מיט אַלע זײַנע פיבערן, מיט אַלע קערפּערלעכע און נשמהדיקע וויבראַציעס, דער מלאך המות וואָס שטייט למראשותיו של גוסס, צוקאַפּנס פון אַ גוסס האָט פאַרפירט דעם קינסטלער לייוויק צו אַ נשמה־געוויין פון אַ יחיד, צו אַן ערדיש־הימלישן געזאַנג וועגן הייליקייט פון לעבן. נישט זײַן איך האָט ער אַרויסגעיאָמערט נאָר זײַן מאיעסטעט דו, אַ לעבן פון אַ פּשוטן העלד וואָס בעטלט בײַ דער זון אַ שטראַל, און בײַם נצח אַ מינוט לעבן...

וויפל גלויבן איז אין דער שורה: "אַז דער וואָס איז אין אמתן געהויבן, פאַלט כּורעים פאַר אַ יעדן מינדסטן גליד".

ס'איז געווען אַ מענטש אַזאַ, נתן ניומאַן. צו זעכצן יאָר, איז ער אַהער אין סאַנאַטאָריום דאָ געקומען און אָפּגעלעגן אויף שפּיטאָל־בעט פופצן יאָר...

די וועלט, אויף יענער זײַט פֿון שוועל, האָט דורכגעמאַכט געשעענישן. נתן ניומאַן האָט זײַנע אויסגעבלײַכטע פֿינגער אויסגעשטרעקט צו זיי, אַרײַנגעזאַפּט אין זיך אַ וועלט־נשמה און זײַן בענקשאַפֿט נאָך זײַן היימיש שטעטל, האָט ער מיט אַ שמייכל און מיט אַ וויץ פֿאַריאָגט. געהיט נאָר האָט ער אין זײַן האַרץ דעם העלן אָפּשײַן פֿון יחוס־דור מאַרטירער, קעמפֿער, טרוים־געשטאַלטן פֿון אַ העלער וואָר. שוין אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך געגרייט אַרײַנגיין אין דער פֿרײַהייט־אַרמיי, און זײַן אַ בראַווער קעמפֿער מיט אַלע בראַווע קעמפֿער צוגלײַך. אָבער צו יונג איז ער געווען פֿאַר תּפֿיסה־קייטן, נאָר אויך צו יונג פֿאַר דער טויטנדיקער שווינדזוכט. געוואָנדערט פֿון איין שפּיטאָל אין צווייטן, ביז אָנגעקומען אין ספּיוואַק־הויז אַהער. פּופֿצן יאָר געשמידט צום בעט. געשליידערט זיך אין לוסט און געפֿיבערט חלומות, ביז וואַנען ער האָט זיך דערפֿילט געלייטערט און „יע" געזאָגט צו זײַנע שטילע ווענט.

דאָס ליד פֿון צײַט ווערט אויסגעזונגען אויף דעם פּשוטן בעטל אין שפּיטאָל, דורכן געוועב פֿון קראַנקע לונגען.

אַ גרויסע וועלט אויסער די פֿענסטער פֿון שפּיטאָל, און דאָ לעם אים אַן אַנדער וועלט: אַ פֿיבערמעטער, אַ גלאָז, אַ טישל. אויפֿן טישל אַ פּאָר ביכלעך. זײַן גוטע שוועסטער, זי האָט אים אַ מתּנה דאָס געשיקט. ער שרײַבט איר בריוו. ער האָט זי ליב. ער גלעט דאָס ציפּערבלעטל פֿון זייגערל. און זי האָט אים נאָך מער ליב. און נאָך איינע איז דאָ — נאָר נישט קיין שוועסטער, דאָס הייסט — אַ שוועסטער און נאָך עפּעס מער.

„איר לעצטן בריוו צו זײַנע ליפּן פּרעסט ער, זי האָט אים ליב, און ער האָט ליב נאָך מער".

„ער שרײַבט: איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג זאָלסט קומען, און מאָרגן קומסטו מיט דער באַן אַהער, דערפֿאַר אין אייל האָב איך די פֿען גענומען און לאָז דיך וויסן: קום צו מיר נישט מער. איך האָב דיך ליב, דערפֿאַר דאַרף איך צערײַסן אַ יעדן בונד, וואָס בינדט דיך צו מיר צו, ביזט יונג, געהערסט דער גאַרער וועלט דער גרויסער, גיי לעב, און נעם פֿון אַלץ מיט פֿולער מאָס; עס שיקן גרוסן דיר פֿון ליבשאַפֿט הייסער, מײַן פֿלאַש, מײַן זייגערל, מײַן פֿען, מײַן גלאָז". פֿאַרקלעפּט דעם בריוו. אַ קלונג. די נוירס אַרײַנגעקומען: „איך בעט אײַך, שיקט אַוועק"... „פֿון ניומאַנס האַלדז צעשפּאַרטן נעמט שטראָמען רויטס אויף קישנס ווײַסער דעק. די נוירס איז דאָ צוריק... זי ברענגט אים הילף... ער ליגט. די הענט צעשפּרײַט. אַ האַנט — אַ שטעקל, נאָר אויפֿן מויל אַ גוטער שמייכל רוט. ער פֿרעגט: אַוועק־געשיקט? זי ענטפֿערט: זיכער. נאָר רעדט נישט ליבער מער. ער פֿאַלגט. ער ליגט. אַלץ נעמט זיך דרייען פּלוצלינג, גיכער, גיכער און ווי אַ הוידלקע אַרויף־אַראָפּ צעוויגט".

מיר פֿילן אין דער באַלאַדע לייוויקס גאַנג צו פּשטותדיקער שלימות.

די מיסטעריע פון טויט, איינער פון לייוויקס הויפּט־מאָטיוון, די מיסטעריע פון טויט וואָס טראָגט אַ הימן צו דער הייליקייט פון לעבן.

לייוויק טראָגט דאָ אַ זאַק מיט געשריי פון צער. אפשר האָט ער שרײַבנדיק די באַלאַדע זיך אַליין געזען אַ געליימטן וואָס בעטלט אַ מינוט לעבן בײַם טויט.

דאָ ווערט אויפגעריסן אַ שטראָמיקער שירה־קוואַל, אַ ציטער, אַ טיפע אימה פאַר דער מיסטעריע טויט. געוויינטלעכע שפּראַך־מיטלען, נישט קיין ווירטואָזישע, און דאָך אַזוי איבערוועלטיש און איבערמענטשיש, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן.

אַ סך לייוויקס הויפּט־מאָטיוון אין דער באַלאַדע: דער זאַק מיט געשריי, מיטן ווײַסן חלום, דער וידוי, זעלבסטפּײַניקונג, דער אויסגעלײַטערטער מענטש נאָכן דורכמאַכן די יסורים.

5. די חתונה אין פערנוואַלד

לייוויק האָט געזען אַ וועלט אַ צעיושעטע פון שׂנאה, שׂנאה צו דעם באַרג־קלעטערער, שׂנאה צו די ייִדישע לוחות, מוז ער אָנקומען פון דער שׂנאה צו דער "חתונה אין פערנוואַלד", ווען די שארית הפליטה שטעלט די ערשטע חתונה נאָכן חורבן...

דער דײַטשער די.פּי. לאַגער, וואָס נעכטן איז ער ערשט געווען אַ "טויט־פאַבריק" — דאָרט ווערט געפּראַוועט די ערשטע חתונה, ללמדך דעם אַלטן זאַג: "ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך: בדמיך חיי, ואומר לך בדמיך חיי!". דאָס איז נישט סתּם אַ שׂמחה, דאָס איז אַ צייכן, אַ סימבאָל, אַ בשׂורה, אַז דאָרט וואו עס האָט געהערשט עלנט, קראַנקייט, פּײַניקונג, יאוש, פאַרניכטונג, הייבט זיך אָן אַ נײַער פּראָצעס פון באַנײַאונג, פון אויפלעבונג. דאָס אויסגעע־הרגעטע ייִדישן פאָלק, ווי יצחק קאַצענעלסאָן האָט געזונגען און באַשריבן, שאָקלט זיך אָפּ פון טויט און קומט אָן צו "בדמיך חיי".

און צווישן די געסט, אליהו הנביא דער אַלטער פּליט, און משיח, דער יונגער פּליט, און אַלטע ייִדן און ייִדישע יונגן וואָס האָבן דעם קראַנקן ייִד געטראָגן אויף די פּלייצעס, צום טויט, יעצט צוזאַמען מיטן דיכטער זײַנען אַלע אומגעקומענע ייִדן מחותּנים אויף אַ חתונה געשטעלט אויף אַ קרעמאַטאָריע.

אַזאַ חתונה טראָגט אויף זיך דעם חותם פון גאולה. אַ טראַגישע חתונה, מיט אומגעקומענע — די הויפּט־מחותּנים, אַ חתונה פון לעבנגעבליבענע וועלכע ווערט געפּראַוועט מיטן הסכּם פון די אויסגעהרגעטע ייִדן, אַ חתונה מיט דער ברכה פון דעם אַלטן פּליט אליהו הנביא, און דעם יונגן פּליט משיח צדקנו.

פון אַ חתונה אין פערנוואַלד צו מדינת ישׂראל איז אַ דיכטערישער שפּאַן, אַ שפּאַן פון אַ דור נאָכן חורבן וואָס זײַן חתונה הייסט: מדינת ישׂראל.

"דער וואַלד איז גרויס מיט זײַן רוישן, דאָס פעלד איז שיין מיט זײַן זאַנג, און דאָס וואָרט איז גרויס און שטאַרק מיט זײַן אמת", זאָגט עלי שעכטמאַן אין "רינגען אויף דער נשמה". יעדער בוים רוישט פאַר זײַן וואַלד, יעדער זאַנג באַשײַנט זײַן פעלד און איטלעך וואָרט דאַרף אין האַרצן אַרײַן. אַ ליד אָן אַן אָפענער נשמה איז טויט. פרעגט לייוויק אין אַלע זײַנע דראַמעס און לידער: פאַר וועמען רוישסטו? דער דיכטער האָט אויף דעם אַ תשובה: ער גלייבט אַז זײַן וואָרט, דאָס צעבלוטיקטע און צעיסורימטע וועט דערגיין צום דור און צו די צוקונפטיקע דורות.

לוי שאַליט

ה. לייוויק בײַ דער שארית הפליטה אין דײַטשלאַנד

דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס האָט געשיקט אַ קולטור־דעלעגאַציע צו די ייִדן אין דײַטשלאַנד, באַפרײַטע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די שליחים: ה. לייוויק, דער העברעאישער פּאָעט ישׂראל אפרת, און די זינגערין עמאַ לאַזאַראָוו שייוועד. זיי האָבן געגרייכט מינכען דעם 21טן אַפּריל 1946. עס איז שוין געווען אַ יאָר נאָך דער מלחמה, אָבער די לעבנגעבליבענע ייִדן דאָ האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען אין לאַגערן — נײַע, פרײַע, נאָר פאָרט אין ענקלייווס, כּאילו אין תּחום המושב; און די גאַנצע וועלט איז געווען פאַרשלאָסן פאַר זיי, אויך ארץ־ישׂראל. קיין שום לאַנד האָט נישט געוואָלט אויפנעמען קענטיקע צאָלן פון די לעבנ־געבליבענע ייִדן.

דער נאָמען לייוויק, און אַפילו זײַן פּאָעזיע, איז נאָך געדענקט געווען בײַ וויפל פון די באַפרײַטע. צו יחידים זײַנען שוין אויך דערגאַנגען איצט לייוויקס לידער וועגן אומקום, וועלכע זײַנען שפּעטער אַרײַן אין בוך אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען.

צו מיר זײַנען אָט די לידער געקומען דורך אַ דראַמאַטיש געשעעניש. איך בין באַפרײַט געוואָרן, בשעת דעם "מאַרש קיין טיראָל", אין אַ טיראָלער שטעטל. נאָך חדשים היילונג דאָרטן, האָב איך זיך געלאָזן גיין קיין מינכען, ווײַל את אחי אנכי מבקש, און געהערט אַז אין מינכען, אין אַ קאַזאַרמע, האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אַ קענטיקע צאָל ייִדן.

דערגאַנגען, פאַרנאַכט, און זיך געלייגט שלאָפן, אויף דער הוילער נאַרע, אין דער קאַזאַרמע. ווי לאַנג אָבער קען מען שלאָפן אויף האַרטע ברעטער!? מיטן אויפשפּראָץ פון באַגינען, ווען די פרילינג־זון האָט אָנגעהויבן אַרײַנשײַנען, האָב איך דערזען אַז אויף אַ דערבײַיקער נאַרע איז צוגעקומען דורך דער נאַכט אַ שלאָפער. נעבן אים איז געלעגן זײַן סאָלדאַטישער מאַנטל און פון די קעשענעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט צײַטונגען — צײַטונגען מיט ייִדישע אותיות; פריש־געדרוקטע פּירקאַנטיקע אותיות, וואָס אַזעלכע האָב איך שוין נישט געזען גאַנצע פינף יאָר. די האַנט וויל זיך טאָן אַ ציִ, ברענגען די צײַטונגען נענטער צו די אויגן. נאָר דער סאָלדאָט שלאָפט, און וועקן אים איז נישט שיין. אָבער אפשר האָט פאָרט מײַן התפעלות און די תשוקה מײַנע צו די צײַטונגען אים איבערגעוועקט.

וועגן אויפקום פון דער ייִדישער (ארץ־ישׂראלדיקער) בריגאַדע האָבן מיר זיך דערוואוסט נאָך אין געטאָ, פון דײַטשע צײַטונגען. דער חייל, מיטן בלויען מגן־דוד אויף זײַן מונדיר, דערפרייט זיך מיט מיר, אַזוי ווי איך מיט אים. דער בלויער און געלער מגן־דוד האָבן זיך דאָ געטראָפן. כוואַליענען רייד, טרויעריקע, פריידיקע, אַ געמיש, מיט פרעגענישן, אין ווילן אַלץ צו וויסן, וועגן די קעגנזײַטיקע וועגן, וועלכע האָבן בײַדן דערפירט אַהער.

אין דעם פעקל צײַטונגען "דבר" איז אויך פאַראַן אַ נומער "דער טאָג", און אין דעם לייוויקס לידער, פון דער סדרה "אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען".

אין די טאָלן פון טויט האָט מען זיך אָפט געפרעגט אויב עס וועט נאָך ווער־נישט־איז בלײַבן, צו דערציילן וואָס דאָ איז אַלץ געשען. און אָט האָט איינער דורכגעפילט די פּײַן, די לײַדן, דעם גרויליקן אומקום פון די מיליאָנען און דערציילט וועגן דער רציחה פון די אומברענגער — הגם ער איז דאָרטן נישט געווען מיט זײַן נפש. לייוויקס פּאָעטישע סענסיוויטעט האָט סיסמאָגראַפיש אויפגענומען וואָס דאָרטן איז געשען. און כאָטש "וואָס דער קרבן האָט בײַם לעצטן וואָרג געזען, / קאָן קיינער הײַנט פאַר קיינעם נישט דערציילן", איז לייוויקס "דערציילן" אויסנאָמיק מיט דעם וואָס עס איז אינטים, וואָס עס איז זיך מתיחד מיטן גרויליקן גורל פון קרבן, ביז —

ניט צער און צאָרן העלפן צו דערטרינקען
אין זייער שטורעמדיקער טיף מײַן שולד פון זײַן,
מײַן שולד פאַרוואָס די פלאַמען פון טרעבלינקע
אין מײַנע אברים זײַנען ניט אַרײַן.

נאָך איינער, וועלכער איז דאָרטן נישט געווען מיט זײַן נפש, האָט אַזוי אינטים דורכגעפילט דעם חורבן, עס געטומען אויף זיך, אַרויסגעוויינט און אַרויסגעביטערט. דאָס איז אורי צבי גרינבערג, אין זײַן ספר רחובות הנהר.

ווי טיף לייוויק האָט אַדורכגעפילט דעם חורבן, אַזוי שטאַרק איז געווען זײַן באַגער צו קומען, זײַן מיט די געראַטעוועטע, מיט דער שארית הפליטה.

דער ערשטער עפנטלעכער צונויפטרעף מיט די געסט איז געווען אין סנט. אָטיליע, אַ קאַטוילישער מאָנאַסטיר, וואָס איז איצט אַ שפּיטאָל פאַר געראַטעוועטע ייִדן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די הונדערטער קראַנקע, צעוואונדיקטע גופים, געוועזענע געשוואָלענע פון הונגער, צעשמיסענע לײַבער, אַלע פאַרזאַמלען זיך אין דער גרויסער קאַזאַרמע. טייל ברענגט מען אויף שטולן און קראַנקן־בעטלעך. לייוויק רעדט צו זיי :

ייִדן זײַנען עלטער פון תפיסות און שטאַרקער פון גאַז־קאַמערן. אײַערע

וואונדן זײַנען ליכטיקער ווי דער שניי אויף די אַרומיקע באַרג־שפּיצן דאָ. אײַערע דורכגעגאַנגענע לײַדן זײַנען די טריט פון משיחן. איר, מיר אַלע, דאַרפן וועלן לעבן — — — וועלן לעבן — — — וועלן לעבן.

*

אין דער „הסתדרות ציונית אחידה" (פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע), וואָס מיר האָבן שוין אויפגעשטעלט, באַציט מען זיך צו לייוויקן מיט רעזערוו: צי וועט ער אײַנשטימען מיטן ווילן פון דער שארית הפליטה, מיטן גרויסן דראַנג בײַם רוב זײַערן צו „גיין" קיין ארץ־ישׂראל!

דער אַרײַנגעוואָרפענער ספק האָט זיך גלײַך אָפּגערופן אויך אין „צענטראַל־קאָמיטעט", ווײַל ביידע די זײַנען געווען ענג פאַרבונדן, מיטן זעלבן אידעאישן אײַנשטעל.

אויף אַ זיצונג פון „מרכז" אין דער „הסתדרות ציונית אחידה" פּרוביר איך אויפטײַען דאָס אײַז: „לייוויקס ווערק זײַנען דאָך אַדורכגעדרונגען מיט גאולה־בענקשאַפט. זײַנע וויזיעס קומען פון דער ייִדישער מסורה. אין ארץ־ישׂראל האָט אים די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, די הסתדרות, אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. ער האָט זיך אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיטן אַרבעטער־ציוניזם, און קײַן ייִדיש־שרײַבער האָט נישט דורכגעטראָגן, דורכגעפילט די יסורים פון ייִדישן אומקום, ווי ער".

בײַ דעם קבלת־פּנים אין צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען, זײַנען די באַגריס־רייד געווען וואַרעמע, אָבער פאַרט פאַרבראַקט מיט פּאָליטישער אָנצוהערעניש, צו לערנען לייוויקן וואָס מען דערוואַרט פון אים... אברהם מלמד, אַ געראַטעוועטער פון קאָוונער געטאָ און פון דאַכאַו, האָט אָנגעשלאָגן אַ האַרציקערן טאָן. „ביאַליק איז געקומען קײַן קישענעוו, נאָכן פּאָגראָם דאָרטן, אָנצושרײַבן אַ רעפּאָרט. אָנ־געשריבן האָט ער בעיר ההריגה. לייוויק איז אין טרעבלינקע נישט געווען. מיר ווייסן אָבער זײַנע געפילן, קענען זײַן תּהומיקן ווייגעשרײַ איבער מענטשלעכע יסורים. פאַרלאָזן מיר זיך אויף זײַן רעפּאָרט".

דעם קומענדיקן נומער פון „אונדזער וועג", צײַטונג פון דער שארית הפליטה, האָב איך געווידמעט כּמעט אין גאַנצן די געסט. די צײַטונג איז דאַן זיך צעגאַנגען אין אַכציק טויזנט עקזעמפּליאַרן, צו אַלע באַפרײַטע ייִדן אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך. האָט עס באַלד געהאַט אַן עכאָ: פון אַלע ערטער זײַנען אָנגעקומען ביטעס, אַז די קולטור־שליחים זאָלן קומען צו זיי.

עס האָט זיך באַלד געשטעלט אַ פּראָבלעם פאַר די באַגלייטערס און באַגרי־סערס: ווי האַלט מען אײַן „אַ באַלאַנס" צווישן ישׂראל אפרת און לייוויקן. אפרת פאַרהוילט נישט פאַר מיר זײַן קרענקונג, וואָס וועגן לייוויקן קומען עקזאַלטירטע רייד און וועגן אים ווערטער ווי נאָר פון יוצא־וועגן. אפרת שרײַבט העברעאישע

לידער, טײַטשט ער אַז דאָס נישט ריידן וועגן אים איז אַן עוולה קעגן העברעאיש. און דער עולם רײַסט זיך דאָך קיין ארץ־ישׂראל, דאַרף ער דאָך גאָר זײַן דער רעכטער מחותן. דער עולם אָבער, אין זײַן רוב, פאַרשטייט נישט קיין העברעאיש. האָב איך ״אויף גיך״, איבערזעצט זײַנס אַ שיר, און מען האָט עס פאַרגעלייענט. עס האָט ווייניק געהאָלפן. זאָגט אָבער לייוויק: ״שטעלט פאַר אפרתן מיט וואַרעמ־קייט, לאָמיר זײַן גלײַכע שותּפים״...

אַ גאַר האַרציקע אויפנאַמע האָט דערוואַרט לייוויקן אין דעם לאַגער פעלדאַפינג, אַ צענדליק מײַל פון מינכען. אָבער ער האָט אַנטוישט די, וואָס האָבן געוואָלט ער זאָל זײַן נאָר זייער גאַסט. אין אָט דעם לאַגער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ קאָנטיקע צאָל בונדיסטן, און זיי זײַנען אַפילו געקומען צו דער ״מאַכט״ אין לאַגער־קאָמיטעט. איצט האָבן זיי דערוואַרט אַז לייוויק זאָל נאָר זיי געהערן.

די קולטור־שליחים זײַנען געקומען אין פעלדאַפינג דעם 13טן מאַי. דעם לעצטן 1טן מאַי זײַנען דאָ פאַרגעקומען דעמאָנסטראַציעס — צוויי. ווײַל די יום־טובער פון 1טן מאַי האָבן נישט געקענט זיך אייניקן. די בונדיסטן האָבן ״מאַרשירט״ דורך די ענגע לאַגער־געסלעך נאָר מיט רויטע פענער. די ״פּועלי ציון״, אַ שעה שפּעטער, מיט רויטע און בלוי־ווײַסע פענער...

אַז לייוויק הערט וועגן דעם, פאַרנדיק צום לאַגער, ווערט ער אויפגעבײַטערט פון פאַרדראָס, פון דעם גראָטעסק, וואָס ייִדן, אַרויסגעקומענע פון טויט־לאַגערן, פירן צווישן זיך, ווידער, אַזעלכע אָפּגעלעבטע מחלוקתן.

בײַם קבלת־פּנים זיצן די באַגריסערס אויף דער בינע, אויסגעשטרויעט לויט פּאַרטייען. קיינער פון זיי וועט נישט מוותר־זײַן אויף זײַן פּאַרטייאישן קנייטש אין דער באַגריסונג. לייוויק זיצט און שרײַבט, הערט זיך אײַן און שרײַבט:

אויף איין זײַט לאַגער מאַרשירט די רויטע פאָן,
און אויף דער צווייטער זײַט די ווײַס־בלויע פאָן,
און צווישןביידן — מיט אַ שוואַרצע פאָן —
מאַרשירן קדושים זעקס מיליאָן.

נאָך דער ערשטער וואָך האָבן לייוויקס רייד זיך גענומען אײַנשטילן. די ווערטער זײַנען שוין נישט אַזוי יסורימדיק. דער פּאַטאָס איז אַרײַן אין ראַמען. ער רעדט שוין מער וועגן תּוכיקע פּראָבלעמען, מער פּראָזאאיש. ער פאַנגט שוין אָן זיך באַנוצן אַפילו מיט דער טערמינאָלאָגיע פון דער שארית־הפליטה, וואָס איז אים אין אָנהייב נישט געווען ניחא. ״ווי חורט מען עס איבער עטלעכע ווערטער אָן אויפהער; ארץ, גיין קיין ארץ, קאָצעט — אַ שפּראַך פון עטלעכע ווערטער נאָר״, האָט ער לכתּחילה געפרעגט. נאָר אָט האָט ער שוין אַליין אָנגעהויבן ניצן ״ארץ״, פאַר ארץ־ישׂראל. ער האָט זיך פולהאַרציק אידענטיפיצירט מיטן ווילן פון דער

שארית־הפליטה, נישט נאָר מיט זייערע יסורים. ער טוט עס, נאַטירלעך, אויף זײַן אופן, מיט פּאָעטישע רייד, וועגן דעם נאַציאָנאַלן שטרעבן פון דעם ציבור.

*

עס איז געווען אַ גײַסטיקע חיות צו זען די האַרמאָניע פון פּאָעט און מענטש לייוויק. דעם סינטעז פון וואָרט און לעבן זײַנעם.

לייוויק האָט געגלייבט, נאָך יִינגלווייז, ווי ער זאָגט עס אין איינעם פון זײַנע גאָר ערשטע לידער, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ שליחות:

איך ווייס נישט ווער עס האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט פון אַלעמען דערווײַטערט;
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך — פאַר גוט עס אָנגענומען,
מײַן יוגנט אין דערוואַרטונגען געלײַטערט.

אין די לעצטע לידער זײַנע בעט ער נאָך אַלץ: באַוויליק מײַן לעבן צום זכות פון אַ שליחות. און כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן זכות האָט ער געלײַטערט זײַן לעבן דורך טיפע ראַנגלענישן מיט זיך.

אין לייוויקס מאָראַלישע פּערזענלעכקייט איז געווען אַ מאַגישער צויבער, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען זײַן ליד. אַפילו זײַן פיזישער אויסזען האָט געליכטיקט מיט אַ מיסטעריעזן שײַן.

לייוויקס וואָרט איז נישט קיין איבערגעשליפענער. זײַן לשון איז זייער פּשוט. און אַזוי אויך זײַנען, אין תּוך, די אידעען אין די לידער און דראַמעס זײַנע. פאַראַן אָבער אין די לידער און דראַמעס די אָריגינאַליטעט פון אמת, וואָס גיט זיך איבער צום לייענער. דאָס האָט אויך אַרויסגעבירט ווען מען האָט געהערט לייוויקן ריידן, עפנטלעך, און אַזוי אויך אין פּערזענלעכן צוזאַמענטרעף.

לייוויק איז, אין אינטימען שמועס, געווען זייער צוגעלאָזן, אָן אַ שמץ פון זײַן פּאָעטישער אויסדערוויילטקייט. ער האָט זיך נישט באַמיט צו זאָגן רייד מיט דורכגעבליצטע רעיונות, אַפילו ווען ער האָט געזען אַז אויף זײַנע ליפן זײַנען אָנגעהאָנגען דאַרשטיקע אויגן און אויערן. ער האָט אין זײַן ריידן געניצט פּשוטע ווערטער, ווי אין זײַן שרײַבן, וואָס האָבן אָבער געהאַט אַן אייגנאַרטיקן, זעלטענעם פּאָעטישן ריטעם און רעזאָנאַנס.

אויף די פאַרזאַמלונגען אין די לאַגערן פלעגט לייוויק, שפּעטער, אויך לייענען פון זײַנע לידער. פאַר יעדער פאַרלייענונג איז ער זיך מכין, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ סאַמע ערשטע געשעעניש. דערבײַ באַראָט ער זיך, וועלכע לידער ער זאָל פאַרלייענען: "האַ, וואָס מיינט איר, וועלכע לידער וואָלט איר אויסגעקליבן? דאָס ליד איז גוט? און דאָס ליד וועגן פּסח אין וואַרשעווער געטאָ?"... לייוויק ווייס, אַז דאָס לעצטע ליד האָב איך שוין עטלעכע מאָל גאַלאַנט "אויסבראַקירט",

דאָך פרעגט ער — און ווי ער וואָלט באמת געדאַרפט מײַן מיינונג. איך זע אויך איַין ווי געדערעכט ער איז, ווײַל דאָס ליד וועגן פסח אין וואַרשעווער געטאָ ווערט אויפגענומען פון עולם מיט התלהבות. אָבער אין זײַן שאלה, מיטן "איבערציטער" פאַר מײַן מיינונג, איז פאַראַן אַ זעלטענער חן, תמימות געפּאָרט מיט חכמה, אַז עס איז נישט כּדאַי אויפצוגעבן דעם שפּיל...

אין איינעם פון די לאַגערן האָט אַ פרוי געשיקט לייוויקן אַ בריוול, אַז זי "מוז" אים זען. די פרוי, אַ דאָקטאָרין פון מאָסקווע, איז געווען אויפן פּראָנט, געוואָרן פאַרוואונדעט. איצט האָט זי זיך פאַרנומען אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל. דערווײַל געפינט זי זיך דאָ אין שפּיטאָל, וואו זי היילט אירע וואונדן, און אויך ווײַל זי וויל נישט "זיך וואַרפן אין די אויגן". איז לייוויק געגאַנגען איר באַזוכן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי איז "ערגעץ" געווען צוזאַמען מיט אַ נאָענטער יוגנט־חברטע לייוויקס. פון דעם גרוס ווערט לייוויקס געמיט פאַרטראָגן ערגעץ ווײַט, און זײַן שניי־ווײַסער פּנים גליט ווי אין אָפּשײַן פון פײַער.

*

די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט האָט געהאַלטן אַ וואַך־אויג אויף די ייִדישע פּליטים־לאַגערן, הגם זי האָט אויך צוגעטיילט אַ סך מענטשלעכע הילף. געווען דעמאָנסטראַציעס, אויפגעשרײַען פון פאַרביטערונג קעגן דער ענגלישער רעגירונג, פאַר וואָס זי לאָזט נישט קומען אין ארץ־ישׂראל, און דאָס האָט דער מיליטערישער רעזשים נישט געוואָלט; מורא געהאַט אויך אַז דער מאַכטלאָזער צער און צאָרן פון די ייִדן זאָל נישט רייצן די דײַטשן. און די מאַכט האָט געהאַט אירע אויגן און אויערן אין די לאַגערן, דורך די באַאַמטע פון דער "אונרא"־הילף־אָרגאַניזאַציע. די ייִדישע "אונרא"־פונקציאָנערן איז תּיכּף נישט געפעלן וואָס די אַמעריקאַנער קולטור־געסט אידענטיפיצירן זיך אַזוי אינטים מיטן צער פון די באַפרײַטע. זייערע רייד "העצן אָפילו אויף" די לאַגערניקעס, לאָזן נישט "פאַרגעסן" די דורכגע־בלוטיקטע קאָשמאַרן זייערע. און געווען געוויס אויך אַ פּערזענלעכער מאָטיוו פאַר זייער אַנטאַגאָניזם: טייל "אונרא"־באַאַמטע אין די לאַגערן, ייִדן, האָט פאַרדראָסן וואָס די קולטור־שליחים ווערן אויפגענומען פון גאַנצן לאַגער־עולם מיט אָפענער ליבשאַפט, בשעת אויף זיי קוקט מען אַראָפּ מיט ביטול, ווי אויף האַרטע ביוראָקראַטן. דערפאַר, ווען די דעלעגאַציע האָט געדאַרפט אַ פאַרלענגערונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט צו זײַן אין דײַטשלאַנד, נאָך די ערשטע זעקס וואָכן, האָט "אונרא" זיך אַנטזאָגט עס צו רעקאָמענדירן. די דעלעגאַציע האָט געדאַרפט תּיכּף פאַרלאָזן דײַטשלאַנד (נאָר עמאַ שייוועך האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו בלײַבן לענגער, אויף דער שתּדלנות פון דער סוכנות. געווען אַ סברא, אַז אויך אַנדערע הענט, ייִדישע, האָבן צוגעלייגט אַ קנייטל קעגן דער דעלעגאַציע, וואָס האָט געמיינט קעגן

לייוויקן. זיי זאָלן עס האָבן געטאָן — אויב זיי האָבן עס געטאָן — צוליב, כּלומרשט, אידעאישע מאָטיוון).
וועגן דעם געצוואונגענעם אָוועקפאָר האָט לייוויק פאַרשריבן, דעם 29טן מאַי, 1946 :

קיינעם גיט זיך נישט איַין צו באַהאַלטן זיַין קרענקונג, זיַין פאַרדראָס, און דערהויפּט זיַין אָפּשייד־טרויער. דער פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט, זלמן גרינבערג און דער רעדאַקטאָר פון "אונדזער וועג", לוי שאַליט זיצן אויף אונדזערע בעטלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן אונדזער אָוועקפאָרן, אַזוי שטאַרק ווי מיר אַליין. פאַר זיי איז אונדזער געצוואונגענער אָוועקפאָר אַ צייכן פון דער גאַנצער טראַגיק, אין וועלכער די שארית־הפליטה געפינט זיך, — פון דער טראַגיק וואָס זיי ווי פאַראַנטוואָרטלעכע פירער, פילן, אַז זי ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער און פאַרפאַלענער.

דאָס איז געווען אַזוי. פונדעסטוועגן האָט מען געקענט שפּירן אַז לייוויק נעמט אויך אויף אַנדערש די געשעעניש : פאַרדראָס געפּאָרט מיט מקבל זיַין באהבה וואָס עס געשעט אַזוי. זיַין געצוואונגענער אָוועקפאָר האָט געשטימט מיט זיַין שטענדיקער אַנונג פון פּלוצימדיקע, שאַרפע איבערבראַכן. עס האָט אויך געשטימט מיט דער איצטיקער שליחות זיַינער און מיטן מצב פון דער שארית־הפליטה, מיט וועלכן ער האָט זיך סאָלידאַריזירט אין גאַנצן. עס האָט זיך געפילט, אַז אין זיַין אויפריכטיקן געזעגן־טרויער איז פאָרט פאַראַן אַ מין סאַטיספאַקציע — וואָס ער דאַרף זיך נישט אָוועקרײַסן פון די ייִדן דאָ, אָוועקפאָרן צו זיך אין אַמעריקע, נאָר ער ווערט אַרויסגעטריבן ; אַזוי ווי דאָס געשעט אין זיַין דראַמע דער גולם, ווען דער גלח טאַדעאוס טריַיבט די ייִדן אין פּראָג ; אַזוי ווי זיַינע רייד יענע וואָלטן איצט מקוים געוואָרן איבער אים אַליין : איר וואָרט שוין איך זאָל אויסשריַיען : אַרויס ! / אָ, אייביק, אייביק זיַינט איר גרייט צו גיין — / טאָ גייט !

לייוויק גיט אונדז אַנדענק־מתנות. מיר גיט ער זיַינע אַלע ווערק, פון וועלכע ער האָט פאַרגעלייענט אין די לאַגערן. ער שריַיבט אויף :"פאַר מיַין ליבן חבר און פריַינד — — — אין אָנדענק פון אונדזער ביידנס זיַין אין מינכען, אין יאָר פון אונדזער שארית הפליטה".

אַוונט. מיר פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע. שטיל. ליפּן עפענען זיך נישט, הגם אַזוי פיל ווערטער ווילן נאָך געזאָגט ווערן. און אָט, לייוויק פאַלט צו מיט זיַינע ליפּן צו אונדזערע באַקן און פאַרזיגלט די צעשיידונג.

שמואל ראָזשאַנסקי / בוענאָס-איירעס

ה. לייוויק און י. ל. פּרץ

נאָך אַלע דיסערטאַציעס, זכרונות, געזאַנגען און טעאַטער־סצענעס, אין די צוויי טעג פון אָפּשאַצן, אַנאַליזירן און אויפלעבן דעם דיכטער ה. לייוויק און די פּערזענלעכקייט פון לייוויק האַלפּער, וואָלט געפּאַסט, אַז אין דעם זאַל, וואו דאָס אַלץ איז געהערט געוואָרן, זאָל אויף דער בינע, אויף אַן עקראַן, זיך באַווייזן, אין צעפליקטע קליידער, די געשטאַלט פון צעממיתטן רעוואָלוציאָנער און צעפּייניקטן ייִדן, ווי ער ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כּוחות אויף נישט אומצופאַלן און שעפּטשעט:

"איך הייב זיך אויף ווידער
און שפּאַן אַוועק ווייטער..."

דאָס איז לייוויק האַלפּער. דאָס איז דער דיכטער ה. לייוויק. דער מענטש און דיכטער פון ייִדישן געוויסן. פּרצעס יורש.

י. ל. פּרץ האָט דער ערשטער סיגנאַליזירט דעם טיפן קריזיס אינעם ייִדישן לעבן אין אייראָפּע ביים אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ה. לייוויק האָט דער ערשטער סיגנאַליזירט דעם טיפן קריזיס אין דער ייִדישער קולטור־וועלט אין אַמעריקע צווישןביידע וועלט־מלחמות.

אין זיין דראַמע די גאָלדענע קייט — די דראַמע פון דער ייִדישער פּער־זענלעכקייט און איר צוזאַמענשטויס מיט דער פאַלקסמאַסע — מאָלט י. ל. פּרץ פּאַראייִנזאַמטע פירער פון פיר דורות און זייער קאָנפליקט מיטן עולם.

ר׳ שלמה גייט אַפילו אויף די חורבות שבת־יום־טובדיק. זיין זון, ר׳ פּנחס, מאַכט וואָכעדיק זיין שבת. ער ווערט שוין נישט נתפּעל פון דער אַרומיקער גלייַכגילטיקייט צו ייִדישקייט און פאָדערט שוין פון ייִדן זייער ווייניק: "איין ייִד זאָל זיין, נאָר מיט מסירת נפש". ר׳ משה איז שוין אַ חלוש: ער זוכט זכות־אָבות, ווי קוליעס, אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. דאָך, צו אַלעמענס איבער־ראַשונג, שפּרינגט אַרויס דער ייִנגסטער, יונתן, און נעמט זיך דאָס רעכט אויס־צורופן: "איך בין!"

פּירט לייוויק ווייטער אָט דעם געדאַנק. אין זיין דראַמע קייטן ראַשט אַלעמען איבער דער עגאָצענטרישער פירער לעווינע. בעת קיינער פון די אַרעסטאַנטן וויל

ניט זײַן דער צענטער, אויף דערשאָסן צו ווערן, איז לעווינע דער וואָס ווערט פּריווילעגירט דער צענטער. זאָגט דערויף נוקי, איינער פון די אַרעסטאַנטן: "אַלע מאָל דאַרף זײַן איינער, איינער וואָס גיט זיך אַוועק פאַר אַלעמען, און אַלע דאַרפן באַגלייטן דעם איינעם און אַלע דאַרפן זיך צעטיילן מיט זײַן לעבן אויף גלײַכע חלקים, אַזוי ווי מען צעטיילט זיך מיט ברויט"...

האַלפּער־לייוויק איז דער לעווינע אין קייטן, אַ צווילינג מיט לייוויקס הירש לעקערט, ווי ר' שלמה און יונתן זײַנען יצחק־לייבוש פּרץ.

דער חילוק איז נאָר, וואָס י. ל. פּרץ האָט געלעבט און געווירקט אין ראָמאַנטישן רענעסאַנס פון משׂכּיליש־חסידיש־רעוואָלוציאָנערן פּוילן פון אָנהייב יאָרהונדערט, בעת לייוויק איז אַרײַנגעפאַלן אין דער "גרינער" אַמעריקע, אין גרויסן הור־האַ פון פּרעטענזיעס, אין געיעג נאָכן דאָלער, אין אַן אַטמאָספער פון אומצוטרוי פאַר יעדן נײַעם מענטשן, בפרט פאַר אַ טאַלאַנטירטן, צו וועמען מ'דאַרף זיך צוהערן, וויניקסטנס.

— ווער איז ער, דער...?

דעריבער האָט קיינעם נישט איבערגעראַשט, וואָס גלײַך נאָך י. ל. פּרצעס אַוועקגיין, אין אַ טרויעריקער צײַט פאַרן יידישן לעבן, בײַם אָנהייב פון ערשטן וועלטקריג, זײַנען אַפילו צווישן "די יונגע" געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט דערשאַצט י. ל. פּרצעס ראָלע, ווי קאָליע טעפּער, למשל. דאָס האָט שפּעטער זיך איבערגעחזרט אין דער באַציִאונג צו לייוויקן:

— ווער איז ער, דער...?

אַז מ'איז פרײַ געווען פון פליכט!

יידיש איז טאַקע געווען אײַנגעבאַקן אין די הערצער פון מיליאָנען יידן בײַ גרויס און קליין און יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן זייער חשוב און צוציִענדיק, אָבער מיט דעם אַלעמען איז זי געווען היימלאָז און שוצלאָז. געווען און איז עד־היום.

יצחק־לייבוש פּרץ, דער לאָמפּן־צינדער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט דער ערשטער איר צוגעשריבן, דער שפּראַך און איר ליטעראַטור, אַן ערשטקלאַסיקע נאַציאָנאַלע ראָלע. און ה. לייוויק האָט דאָס געטאָן מיט צענדלינגער יאָרן שפּעטער אויף נײַע קאָנטינענטן אין אַזעלכע געהויבענע טענער.

י. ל. פּרצעס רעקאָמענדאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז געווען: "דער הויכער פּונקט", פון וועלכן אַלץ זאָל געזען ווערן. אַלע פּראָצעסן פון יידישן לעבן זאָלן געוויזן ווערן. גאָר נישט איגנאָרירן און פאַר אַלץ זײַן פאַראַנטוואָרטלעך. ווי ער האָט דאָס פּראָקלאַמירט אויף דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, אין טשערנאָוויץ, אין 1908: "אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווײַטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צײַטן".

פֿאַר דעם איז אָבער קודם־כּל נייטיק געווען, און איז נייטיק, צו האָבן אַ היים פֿאַרן ייִדישן לשון, זאָרג פֿאַרן ייִדישן לשון און שוץ.

ייִדיש האָט עס נישט געהאַט און האָט עס נישט עד־היום. ייִדיש איז היימלאָז און שוצלאָז, נישט געקוקט אויף אַלע גרויסע דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

י. ל. פּרץ האָט דאָס געוואָלט אָנהייבן דערגרייכן אין 1908 און ה. לייוויק האָט געלעבט מיט דער אילוזיע אויף די קולטור־קאָנגרעסן פֿון 1937 אין פּאַריז און 1948 אין ניו־יאָרק. געזוכט תּכלית פֿאַר ייִדיש. פּרץ האָט אין זינען געהאַט דעם שרײַבער און זײַן בוך, דעם פֿאַרשער, דעם לערער, טעאַטער, דעם מאָלער, דעם זינגער, אַלע וואָס שאַפֿן קולטור, און אַט אַ די פּראַקטישע פּראָגעס, האָט ער געוואָלט, זאָלן באַטראַכט ווערן אויף דער ערשטער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, וועלכע האָט באַדאַרפֿט אַ וועלטקאָנגרעס — צו שאַפֿן אַ היים פֿאַר ייִדיש.

אָנשטאָט צו שאַפֿן כאָטש אַן אילוזיע פֿון אַ היים פֿאַר ייִדיש איז אין טשערנאָוויץ לפּחות פֿאָרמולירט געוואָרן די ראָלע פֿון ייִדיש. פּרץ האָט זי פֿאָרמולירט: 1) ייִדיש דאַרף זײַן "אַ גלײַכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן"; 2) "העברעאיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך און ייִדיש אונדזער פֿאָלק־שפּראַך".

לייוויקן איז באַשערט געווען צו לעבן עטלעכע יאָר מיט דער אילוזיע, אַז אינעם לאַנד פֿון דער רעוואָלוציע וועט ייִדיש ווערן מלוכהש גלײַכבאַרעכטיקט. נישט געקוקט אויף די גרויסע אַנטוישונגען, זיך אײַנגעשטעלט און אויסגעשטעלט פֿאַר דער האָפֿענונג, כאָטש זי איז שוין געווען צערונען. געקומען צום קולטור־צוזאַמענפֿאָר אין פּאַריז, נאָר אַז ער האָט געזען, אַז פֿון ראַטנלאַנד איז צום קאָנגרעס קיינער נישט געקומען, כאָטש די רוסלענדישע אידעאָלאָגיע האָט באַדאַרפֿט זײַן די גאַראַנטיע פֿאַר דער אַלוועלטלעכקייט פֿון דעם קאָנגרעס, איז לייוויק גלײַך אין 1937 אַוועק קיין ארץ־ישׂראל און אויפֿן קבלת־פּנים פֿון דער הסתּדרות פֿײַערלעך דערקלערט: "אויך איך בין אַ תּושב בײַ אײַך". זײַנע ווערק, געשפּילט אין העברע־אישע טעאַטערס, האָבן דאָס לאַנג שוין געוויזן.

דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אין 1957, ווען ה' לייוויק איז אויפֿגעטראָטן אין ירושלים, אויף דער אידעאָלאָגישער קאָנפֿערענץ, וואָס האָט געמאַכט געשיכטע. לייוויק האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם קריזיס פֿון וואָרט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור זינט דעם אויפֿקום פֿון סטאַליניזם און נאָך אים — פֿון היטלעריזם, וואָס איז פֿאַר אונדז, ייִדן, און פֿאַר אונדזער ליטעראַטור, סײַ אין עברית, סײַ אין ייִדיש, ניט ווייניקער סכּנהדיק ווי די פֿיזישע קלעפּ וואָס פֿאַלן אויף אונדז.

זינט די דאָזיקע ווערטער זײַנען געהערט געוואָרן אין מדינת ישׂראל, איז ישׂראל געוואָרן די גרעסטע און וויכטיקסטע פּאָזיציע פֿאַר ייִדיש און ייִדישער שעפֿערישקייט. אין ישׂראל דערשײַנען די מערסטע ייִדישע בלעטער און ביכער.

איז אפשר שוין געקומען די צײַט, אַז מדינת ישׂראל, וואָס לייזט פאַרשיידענע לעבנס־פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק, זאָל ווערן די היים פון דער ייִדישער שפּראַך און איר שעפערישקייט?

אַז די ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור ווייסט, וואָס עס איז "דער הויכער פּונקט", וואָס י. ל. פּרץ האָט געפּריידיקט, האָט ה. לייוויק דאָס געוויזן צום בעסטן, ווען ער איז אויפגעטראָטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פּ.ע.נ. ווי דער דעלעגאַט פון ייִדישן פּ.ע.נ.־קלוב. דאָס איז געווען אין בוענאָס־אײַרעס אין 1936, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט שפּאַנונגען פון די בלוטיקסטע מלחמות אין דער געשיכטע. דער אָנהייב איז דעמאָלט געווען די בלוטבאָד אין אַביסיניע. האָט לייוויק גערעדט וועגן דער הייליקייט פון בלוט און פאַרענדיקט זײַן רעדע, פריער אין ייִדיש און דערנאָך אין ענגליש: "בלוט איז הייליק, אפילו ווען דאָס איז בלוט פון אַ ייִדן אָדער אַן אַביסיניער". די דאָזיקע רייד האָבן אויפגעשטורעמט דעם מוניציפּאַלן זאַל: אַזאַ אָוואַציע האָט מען קיין מאָל נישט געהערט אויף אַ קאָנגרעס פון פּ.ע.נ.

ה. לייוויק האָט געשריבן מיט בלוט פון זײַן האַרצן און האָט אַנטפּלעקט דאָס ייִדישע געוויסן, דאָס געוויסן פון וועלטפאָלק און זײַנע אידעאַלן, י. ל. פּרצעס געוויסן.

תמצית פון די אַרבעטן אין העברעאיש

דב נוי: הירש לעקערט אין דער פאָלקס-באַלאַדע און אין לייוויקס דראַמע

דעם 18טן מאַי 1902 האָט הירש לעקערט, אַ חבר פון "בונד", געשאָסן און פאַרוואונדעט אין ווילנע דעם צאַרישן גובערנאַטאָר פאָן וואַל, וואָס האָט געררודפט יידישע אַרבעטער-טוער און געגעבן דעם באַפעל צו שמייסן אַרבעטער וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי.

לעקערט איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטעריש געריכט און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט דורך תליה. אַט דער העראָאישער פאַל געהערט צו די געשעענישן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק און זיינען אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקשאַפונג ווי אויך אין אונדזער ליטעראַרישן שאַפן. אין געזונגענע לידער האָט דאָס פאָלק זיך סאָלידאַריזירט מיטן נקמה-נעמער. באַזונדערס איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָלקס-באַלאַדע "הירש לעקערט", אַ שאַפונג פון אַן אַנאָנימען דיכטער, וואָס איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין פאָלק. אייניקע וואַריאַנטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זאַמלונגען פון יידישן פאָלקס-ליד.

די געשטאַלט פון הירש לעקערט האָט געדינט ווי אַ מאָדעל און מוסטער פאַר לייוויקן וואָס איז אַריינגעטראָטן אין "בונד" דריי יאָר נאָכן דאָזיקן פאַל. די טעמע האָט אים באַשעפטיקט שוין בשעת ער איז געווען אויף פאַרשיקונג אין סיביר. אין יאָר 1920 האָט ער געשריבן אַ ליד וועגן לעקערט, און אין יאָר 1927 האָט ער געשאַפן זיין דראַמאַטישע פּאָעמע אויף דער טעמע. דער מחבר אַנאַליזירט די מקורות אויף וועלכע דער דיכטער שטיצט זיך, און פאַרגלייכט די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דער באַלאַדע, צווישן זיי אויך איר איבעראַרבעטונג צום סוף פון לייוויקס דראַמע.

חיים שוהם: לייוויק אין "אוהל"-טעאַטער

זעקס דראַמעס פון לייוויק זײַנען אויפגעפירט געוואָרן אין די 20טער און 30טער יאָרן אויף די ברעטער פון העברעאישן טעאַטער אין ארץ-ישׂראל. דער מחבר אין זײַן אַרבעט שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף די צוויי דראַמעס וואָס זײַנען אויפגעפירט געוואָרן דורכן אַרבעטער-טעאַטער "אוהל": **שאָפּ** און **סדום**.

דער ציל איז, פאַרשטייט זיך, געווען נישט צו באַפעסטיקן דעם מעמד פון ייִדיש אינעם דעמאָלטדיקן ארץ-ישׂראל, נאָר להיפך: שטיצן דעם שטאַנדפּונקט פון די "קעגנערס", די אָנהענגער פון העברעאיש און אָריגי-נעלע העברעאישע אַרבעטער-קולטור אין קאַמף קעגן ייִדיש, ווי אַ פּראָ-דוקט פון גלות, וואָרעם די דאָמינאַנטישקייט פון העברעאיש איז מיט דער דריטער און פערטער עליה געווען אין סכּנה. די בשותּפותדיקע שפּראַך פון די עולים איז דאָך געווען ייִדיש, און "אוהל" איז געגרינדעט געוואָרן כּדי צו ווירקן לטובֿת דער נײַער העברעאישער קולטור וואָס זאָל דינען ווי אַ פּאַראייניקנדיקע באַזע פאַר דער נײַער ייִדישער ווירקלעכקייט אין לאַנד. אין דעם האָט דווקא געהאָלפן די שאַפונג פון דעם ניט-ציוניסט לייוויק אין דער פאַרשטעלונג **שאָפּ** וואו ס'האָבן זיך באַגעגנט די טענ-דענצן און כּוונות פונעם דראַמאַטורג מיט די באַדערפענישן פון העברע-אישן אַרבעטער-טעאַטער.

די צווייטע דראַמע, **סדום**, האָט אַנטשפּראָכן די צילן פונעם טעאַטער צו רעאַגירן אַקטועל אויף דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט אין דער וועלט. דאָס איז דאָך געווען נאָך דער "קריסטאַל-נאַכט" אין דײַטשלאַנד, ווען די נאַציִשע רדיפות אויף ייִדן זײַנען געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג. די אַנאַלאָגיע איז קלאָר: אייראָפּע, און אפשר די גאַנצע וועלט, איז ווי סדום.

דער תּנ"כישער נאָמען פון דער דראַמע איז אין הסכּם מיט דער טענדענץ פונעם טעאַטער-גרינדער און רעזשיסאָר משה הלוי, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געחלומט וועגן אַ רענעסאַנס פון תּנ"ך אין העברעאישן טעאַטער. אין דעם האָט אים אויך געהאָלפן דער איבערזעצער פון דער דראַמע, דער דיכטער אברהם שלאָנסקי, וואָס האָט לייוויקס שפּראַך פון טאָגטעגלעכן באַניץ פאַרביטן אויף אַ תּנ"כישן העברעאיש.



ה. לייוויק — צילום אחרון לפני שחלה

המדור העברי

דב נוי

הירש לקרט במציאות, בבלדה העממית ובמחזהו של לייוויק

הירש לקרט הוא דמות היסטורית ומעשה הירש לקרט הוא מעשה מן העולם הריאלי, מעשה שהתרחש בזמן מסויים ובמקום מסויים. אך האווירה מסביב למעשה זה ונסיבותיו ספוגות הירואיזם היוצא מגדר הרגיל, נכונות להקרבה, מוות על קידוש המעמד והעם ועוד יסודות מופשטים, כגון כבוד ושמירתו, עמידה בקומה רוחנית זקופה, יחיד מול רבים, יסודות שיש בהם כדי לתת למעשה ההיסטורי־הריאליסטי אופי של אירוע יוצא דופן המעוגן בדמיון, בעל־טבע ובמיסטיקה. אירועים מסוג זה לא זו בלבד שהם נחרתים בזכרונו של העם, אלא שהם גם חיים בו ומשתקפים ביצירתו. הווה אומר: המעשה זוכה לעיבודים ספרותיים ואלה רווחים בעם, הן במסורת שבע״פ — כשירים לעת מצוא, בלדות ואגדות, והן בספרות שבכתב, כאשר סופרים ומשוררים נאחזים בעלילה הדרמטית ומעצבים אותה עיצוב ספרותי־אמנותי, אגב החדרת יסודות פסיכולוגיים, מוטיבציה אידיאו־לוגית וכיו״ב.

במעשה הירש לקרט קיימים שלושת השלבים הבאים:

1. המציאות, כלומר האירוע ההיסטורי;

2. העיצוב הספרותי העממי, כלומר הבלדה העממית על נוסחיה השונים החורגים לא פעם מן העובדות ההיסטוריות;

3. העיבודים הספרותיים בסיפורת, בשירה ובדרמה, אשר המחזה (בלשון המחבר: הפואמה הדרמטית) ביידיש של ה. לייוויק ״הירש לעקערט״ (תרגום עברי; בפסוק) הוא אחד מהם.

בבואנו לדון ביצירה זו של ה. לייוויק במלאת מאה שנה להולדתו, אנו מתכוונים לבדוק את מקורות יניקתו של המחזה מן המעיין ההיסטורי מכאן ומן המעיין העממי מכאן ובו־זמנית לבדוק את הצד התיאורטי של זיקת הגומלין בין שלושת היסודות הנ״ל ושל התמורות שחלו במעשה ההיסטורי והספרותי אגב תהליך פיתוחו ועיבודו. כך ישמשו דיוננו ומסקנותינו גם כמודל בנוגע לתהליך האתנופואטי המצמיח על יסוד אירועים יוצאי דופן המרגשים והמזעזעים את החברה, בלדות עממיות והמשמש גם חומר לעיבודים ספרותיים.

בהתאם לתהליך שאותו ציינו, נתחיל באירוע ההיסטורי ונסיים במחזהו של לייוויק, אם כי אפשר גם, מבחינה מתודית, להפוך את הסדר — להתחיל ביצירה הספרותית וללכת ממנה אחורנית, אל מקורות צמיחתה ויניקתה.

1. הארוע ההיסטורי: ההתנקשות והתלייה

ידועים לנו הפרטים הביוגרפיים העיקריים על חייו הקצרים של הירש לקרט שעלה לגרדום בהיותו בן 22. יליד 1880 בעיירה קטנה בליטה שהיתה אז תחת שלטון רוסי, גדל הירשקה בבית סנדלר עני. העוני הגדול לא איפשר את חינוכו של הילד והוא גדל מבלי לדעת קרוא וכתוב. לא ידועים לנו פרטים רבים על ביתו, שנות ילדותו ונעוריו, אך ברור, שכנער מתבגר מצא את מקום פעילותו וסיפוקו בתנועת ה״בונד״ שנוסדה ב־1897, כלומר בהיות הירשקה בן 17.

במונוגרפיה המקיפה עליו, ביידיש, פרי עטו של י. ש. הערץ, שיצאה לאור בניו־יורק, במלאת 50 שנה להוצאתו להורג של לקרט, מצויים פרטים רבים על ילדותו (הערץ עמ׳ 32־34), והם אופייניים ללידתו ולילדותו של גיבור במיתוסים ובסיפורי־עם.

בהערה 8 (עמ׳ 106) אצל הערץ מתברר, כי נוסף על שנת־הלידה המקובלת של הגיבור (1880), אפשריות גם (״ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן״) שנות־לידה אחרות: 1879 או 1881.

בהערה 9 שם מובאת רשימה של כמה מקומות־לידה המופיעים במקורות ובמסמכים שונים. בני כמה עיירות טענו כי לקרט נולד בהן, וליד שם העיירה האנושישוק, שהיא, כנראה, עיירת־הלידה ההיסטורית שלו, מופיעים גם שמות העיירות אניקשט ויאנישוק.

בספרו הנודע של לורד ראגלאן על דמות ה״גיבור״, מונה המחבר, על יסוד מידגם אוניברסלי הכולל בין השאר את יוסף, משה ואליהו כדמויות מקראיות, 22 נקודות האופייניות לביוגרפיה מיתית של גיבור אידיאלי, בכללן — ידיעות מטושטשות על לידתו (נקודה 4), מותו הבלתי רגיל (18), מקום־קבורתו הבלתי נודע (21) וזכרו החי במקומות רבים ושונים. יסודות אלה מצויים גם באגדת לקרט, כפי שנתגבשה במסורת העממית, ושני הסעיפים הקודמים, על שנת לידתו ועל מקומה, מדגימים את מגמת המיתולוגיזציה והפולקלוריזציה. מן הראוי לציין כי תהליך הטשטוש של העובדות ההיסטוריות בא לביטוי ב״מעשה לקרט״ כבר כעבור דור אחד.

רב היה כוחו של ה״בונד״ בווילנה. יש לזכור כי בעיר זו, ירושלים דליטא, היו כבר ב־1887 חוגי־פועלים ראשונים וכאשר נוסדה כעבור עשר שנים תנועת ה״בונד״, היא קבעה בעיר זו את מקום ועידתה הראשונה.

התנועה קסמה לפשוטי העם אשר אחד מהם היה הירשקה, המתואר ע״י אלה שהכירוהו כבעל־גוף, אך גם כבעל לב יהודי חם. הוא לא ידע קרוא וכתוב (גם בחורים כאלה היו בליטה), אך ה״בונד״ הזקיף את קומתו, כפי שהחסידות הזקיפה את קומתם של יהודים רבים, עמי־הארצות, במקומות אחרים ובנסיבות אחרות, כמה דורות לפניו.

ראשית המאה ה־20, המכונה בספרות הרוסית בשם תקופת "טרם אביב", עוררה תקוות רבות גם ברחוב היהודי. תנועת־הפועלים גואה אז ברוסיה כולה, והרחוב היהודי של העיירה בתחום המושב ושל וילנה העיר אינו שונה בנדון זה מן הרחוב הרוסי והפולני. השביתות הפוליטיות, ההפגנות בתיאטראות ובבתי הכנסת, תהלוכות הרחוב, ימי המועד והעצרת, אשר האחד במאי הוא אחד מהם, — כל האירועים מסוג זה מחזקים את רוחו של העם וממלאים את לבו תקווה וביטחון בעתיד טוב יותר של שויון וצדק.

ה"צד שכנגד", כלומר השלטון הדואג לשליטתו היציבה, עשה הכל כדי לדכא את הצמיחה ולמנוע את ה"אביב". הגוברנטור, כלומר שר־הפלך החדש של וילנה, פון־ואל, החמיר את התקנות, הרבה ברדיפות, במאסרים, בעונשים, אך אלה לא יכלו להפסיק את תהליך התעצמותן של ההפגנות.

לקרט הצעיר והגברתן פעיל בשנים אלה במקומות העימות שברחוב היהודי, הנזקקים למתנת־ידו האלימה. הוא משתתף בהתנגשויות אלימות עם המעבידים, מוריד בכוח את מפירי השביתה ממקומות עבודתם. ביוני 1900 הוא תוקף, בראש קבוצה גדולה, את השוטרים המובילים אסירים פוליטיים ומשחרר אותם. הוא נאסר, מרצה את עוונו בבית־הסוהר, מוגלה ליקאטרינוסלאוו, ושם הוא חי כשנה תחת פיקוחה של המשטרה.

ימים אחדים לפני ה־1 במאי 1902 הוא עוזב שלא ברשות את מקום גלותו וחוזר לווילנה, שבה חיות אשתו הצעירה ואמו האלמנה. הוא התגעגע בוודאי למשפחתו, אך יש לשער, כי השמועות שהגיעו אליו מחבריו לתנועה על ההפגנה הגדולה העומדת להתבצע בקרוב, לא נתנו לו לשבת במנוחה ובחוסר מעש במקום גלותו, וזו בוודאי הסיבה העיקרית של שובו לווילנה.

הפגנת ה־1 במאי 1902 היתה הפגנת פועלי וילנה כולה, והשתתפו בה לא רק יהודים. לרבים מן המשתתפים היתה זו הפגנתם הראשונה. המספר הגדול של המשתתפים והשמעת הסיסמאות בראש חוצות, בגלוי ובקול רם, העניקה למפגינים תחושת עצמה ועוז, והדגל האדום שהונף בידי פועל יהודי, לא קופל, גם כאשר כיסהו דמו החם של המניף, המוכה ע"י שוטרים וחיילים.

כי ברחובות מסביב למקום ההפגנה ארבו למפגינים, בגלוי ובסתר, שוטרים ובלשים, חיילים וקוזקים. כאשר התגברו הקריאות בזכות מיגור העריצות, החופש המדיני, יום־העבודה בן שמונה השעות, ובעיקר כאשר הונף הדגל האדום — סמל המרד, הגיחו מן הסמטאות שמסביב קלגסים שולפי חרב ופרשים על סוסיהם שהסתערו בחימה שפוכה על המפגינים.

רבים היו המוכים והפצועים, אך תחושת אלפי המפגינים היתה תחושת חג וניצחון. הם עמדו בקומה זקופה מול המשתוללים, משטרת הצאר וצבאו. גם הקול היהודי לא נחבא אלא הושמע ברמה, וההמון היהודי נראה צועד בחוצות כשהוא ניצב בלי מורא מול המלכות הרשעה ושליחיה.

כל התחושה הזאת של סיפוק מעמידת־הגבורה הגאה של ההמון היהודי נמוגה למחרת יום ההפגנה. הגוברנטור פון־ואל החליט להעניש עונש גופני ופומבי 28 מאסירי ההפגנה. הם הולקו ערומים בחצר המשטרה, כאשר הגוברנטור קורא את שמות הנענשים לפי התור ומונה את המלקות, והרופא מטעם השלטון מחזיק בידו של הנענש וקובע: "אפשר להמשיך" עד להתעלפותו הגמורה של המולקה על ספסל ההלקאה. המפגינים, האסירים שלא נידונו למלקות, נתחייבו בגזירתו של פון־ואל לעמוד במקום הביצוע של גזר הדין ולראות במו עיניהם את ההתעללות בחבריהם. איש לא ציפה להשפלה כזאת המלווה אין־אונים ודיכאון.

אם כי בין 28 המולקים היו גם ארבעה לא־יהודים, הרי המעשה נתפס לא רק כצעד אנטי־פועלי, אלא גם כצעד אנטי־יהודי. ה"בונד" שהתנגד תמיד לטרור אישי וראה בו, בדומה להשקפת העולם של התנועה הסוציאל־דמוקרטית, גורם המחליש את כוח ההמון ואת חלקו במהפכה הכללית והעממית, פרסם כרוז לפועלים היהודים, ובו נאמר בין השאר: "פון טויזנטער ערלעכע הערצער רײַסט זיך אַרויס איין אַלגעמיינער געשריי: נקמה! ראַכע... ווײַזט איצט נאָך אַמאָל די תּליינים פון צאַר, אַז איר וועט נישט אַריבערטראָגן גלײַכגילטיק זייער שענדלעכע האַנדלונג קעגן אײַך. ווײַזט זיי... אַז אויף די גוואַלט־טאַטן פון די צאַרישע משרתים זענט איר גרייט צו ענטפערן מיט גוואַלט־טאַטן... מיר זײַנען זיכער, אַז פון דער טיפעניש פון יידישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין אַ ראַכע־נעמער, וואָס וועט נקמה נעמען פאַר שענדן זײַנע ברידער. און אויב עס וועט פאַרגאָסן ווערן מענטש־לעך בלוט וועט די אַחריות פאַלן אויפן צאַר און זײַנע ווילדע משרתים" (הערץ עמ׳ 45־46).

בתרגום עברי: מאלפי לבבות ישרים נשמעת זעקה כללית: נקמה!... הראו עתה שוב לתלייני הצאר שעל התנהגותם המבישה כלפיכם לא תעברו לסדר היום. הראו להם... כי על מעשי האלימות של משרתי הצאר אתם מוכנים לענות במעשי אלימות... אנו בטוחים כי מן הפרולטריון היהודי יקום הנוקם שיקום את עלבון אחיו. ואם יישפך דם־אנוש, תחול האחריות על הצאר ועל משרתי־הפרא שלו.

ואכן, נתארגנה קבוצה של ששה חברי "בונד", ביניהם פייבקה המסגר, חברו של וולפקה צייר השלטים, שנשא את דגל ה"בונד" בהפגנה הנ"ל ולא הניחו גם כאשר נפל מתבוסס בדמו, והם החליטו להיפרע מפון־ואל ולשלם לו כגמולו. הירשקה היה אחד מן הששה.

ה"בונד" התנגד, כאמור, לטירור, וגם בכרוז שהזכרנוהו ושדיבר במפורש על נקמה, נאמר בין השאר: "ביז איצט איז אונדזער פּאַרטיי געווען קעגן פּאָליטישן טעראָר. אויך איצט זאָגן מיר זיך אָפּ צו באַנוצן מיט טעראָר ווי אַ קאַמף־מיטל קעגן דער זעלבסטהערשונג". (בעברית: "עד עתה התנגדה מפלגתנו לטרור פוליטי. גם עתה אנו מסתייגים מן השימוש בטרור כאמצעי־לחימה נגד הממשלה").

צעירי החבורה פעלו איפוא על דעת עצמם גם אם חשו בלבם שהם שליחי

התנועה ורבים בה חושבים כמותם. הם רכשו נשק, אימנו ידיהם בקליעה ביערות שמחוץ לעיר, עמדו ערב ערב על המשמר ועקבו יומם ולילה אחרי צעדיו של פון־ואל. הגוברנטור שחרד לנפשו, המעיט לצאת, ובצאתו היה מוקף שמירה מעולה. באחד מערבי הקיץ, ב־18 במאי, 17 ימים אחרי ההלקאה המבישה, בצאת הגוברנטור מן הקרקס, ירה בו הירשקה ופצעו בידו וברגלו. המתנקש נתפס בו במקום ונאסר. משפט צבאי חרץ דינו לתלייה. ב־10 ביוני, כשישה שבועות אחרי מעשה ההתנקשות, הוצא פסק הדין אל הפועל.

יש לציין, כי הן בתקופת מאסרו והן במשפטו התעלה הירשקה למעמד של דוגמה ומופת. הממונים על חקירתו ובראשם הגוברנטור עצמו לא הצליחו להוציא מפיו שום שם של בני חבורתו והמסייעים בידו. הם לא הצליחו לשבור את רוחו והוא צעד בגאון ובשלווה אל המוות. בליל ההוצאה להורג סובבו שוטרים וחיילים ברחובות העיר. בתא הנידונים למוות ביקר את הירשקה ה"רב מטעם", שביקש לשדלו כי יאמר וידוי. הוא נתקל בסירוב גמור. עד נוצרי העיד אחר־כך על לקרט: "הוא עלה לתליה כישו לצלב". גופתו של הירשקה הושלכה לבור שנכרה במקום התלייה (מגרש־אימונים צבאי) והחיילים הרבים (ארבעה בטליונים) שהועמדו על־פני המגרש מארבעת רוחותיו, כשפניהם אל מחוצה לו, עברו על הקבר ויישרו אותו עם פני האדמה. ולא ידע איש את קבורתו.

2. העיצוב הספרותי העממי: הבלדה על הירש לקרט

הדראמה הווילנאית הזאת שנמשכה כשישה שבועות, מן ההתנקשות ועד לתלייה, זעזעה, ככל אירוע של רצח ואכזריות, את החברה הכללית והיהודית כאחת, ומצאה את ביטויה גם בשירים שנתחברו ביידיש, תיארו את האירוע והזדהו עם הנוקם את דם המולקים. בתקופת ההתעוררות הלאומית והחברתית היתה הזדהות ההמונים היהודיים עם הירשקה, בן דלת העם, מלאה ושלמה, והדבר בא לביטוי נאמן בבלדה העממית אשר שם מחברה או מחבריה לא נודע לנו, והיא נפוצה במהירות בקרב העם. ידוע כי את הבלדה שרו לא רק חברי ה"בונד" ובני מעמד הפועלים; היא נפוצה בכל שכבות העם, אולי מפני שלרוב נוסחיה היה אופי כלל־יהודי. המלחינים שהלחינו את השיר (ויש לשער כי מי שחיבר את המלים היה לרוב גם מי שהלחין את הלחן) ונשארו באלמוניותם, התאימו את המלים למנגינות־עם השכיחות בשירים האפיים־היסטוריים מסוג זה, שרווחו הן אצל היהודים והן אצל שכניהם במזרח אירופה.

נבדוק את האלמנטים השונים של נוסחי הבלדה וניווכח שרבים מהם אינם משקפים את המציאות:

ברוב הנוסחים נמסרה שעת ההתנקשות כחצות, בהתאם לזמן הנוסחאי השגור

בבלדה העממית. כך למשל אצל לעהמאן סי' 23ג (הערץ עמ' 93, וינקובצקי עמ' 20, בית 3):

דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגן,
דער פּובליק איז פאַנאַנדער אַהיים.
איז הערשקע פון זײַן אָרט אַוועקגעגאַנגען,
לעבן גובערנאַטאָרס לאַזשע איז ער געבליבן שטיין.

שעת החצות מהווה את הזמן העלטבעי בבלדות כלליות רבות, ובזכות "תיקון החצות" במסורת ישראל היא חדרה גם לספרות העממית היהודית וממלאת בו תפקיד חשוב. מכאן מקומה הנוסחאי גם בבלדה שלנו, אם כי האירוע ההיסטורי של ההתנקשות בתום ההצגה נתרחש כשעתיים לפני המועד הנוסחאי.

גם צוואתו של הירשקה, המגיעה אלינו אחרי תלייתו, אגב הופעתו־פנייתו החזונית כלפי חבריו עם עלות השחר, היא בגדר אירוע עלטבעי מובהק. בנוסחי הצוואה — המשאלה האחרונה שבשיר — משתלבים יסודות אישיים עם יסודות לאומיים־חברתיים: הירשקה מבקש לקרוא לתינוק שייולד לו (אשתו־אלמנתו נשארה בהריון) בשמו, וזאת כדי להשאיר יד ושם לעצמו; כן הוא מבקש גם לנקום את נקמת דמו השפוך. שני יסודות אלה הם בוודאי תוספת מרחיבה של מחבר הבלדה או של אחד המסרנים שלה.

מוטיב המשאלה של מתן שם לתינוק העומד להיוולד מצוי בשירי־עם כלליים ויהודיים. השווה אצל כהן עמ' 59, רמז לשיר אהבה מאוכזבת שראה אור באסופת י. ל. כהן משנת 1912, ובו מבקשת הנערה המודחת והגוססת מאת מי שנטשה לקרוא לתינוק שייולד לאשתו על שם המודחת: "און אַז דו וועסט, דושעניו, דאָס ערשטע קינד געבוירן / אַ נאָמען זאָלסטו געבן נאָך מיר". המוטיב מצוי כבר באסופת גינזבורג־מארעק סי' 149.

אנו מביאים למטה את שלושת הבתים האחרונים של נוסח בן עשרה בתים, אחד מארבעת הנוסחים שנדפסו באסופת לעהמאן (סי' 23ג), כעשרים שנה אחרי האירוע, ומשם אצל הערץ עמ' 92־94 (מקבילה אצל באַסטאָמסקי עמ' 129; השווה כהן עמ' 58). יש לנו עדויות על כך, ששירים על לקרט חוברו והושרו זמן רב לפני פרסום הנוסח הזה (1928), כלומר מייד אחרי הוצאתו להורג, אך ברור כי מחמת הצנזורה הן לא יכלו לראות את אור הדפוס. על התפשטותה ותפוצתה של הבלדה ניתן ללמוד מן העובדה, כי כ־25 שנים אחרי המעשה וחיבור הבלדה ראו אור אצל לעהמאַן סי' 23, ארבעה נוסחים ארוכים ושונים שלה, ובכל אחד מהם 10 בתים לפחות (הבלדות הארוכות הן של 18 ו־15 בתים בני 4 שורות כל אחד):

30. זעקס אַ זייגער פאַרטאָג
וי שטיל איז געווען אויפן פעלד;

— אַ ברידער, איר זענט אַלע געשלאָפן,
מיט מיר האָט מען געטאָן וואָס מ׳האָט געוואָלט.

אַך, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן —
דעם שטריק, וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן איבער מיר;
אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבוירן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אוי ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן —
דעם שטריק, וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן איבער מײַן האַלדז,
אַ צוואה, ברידער, וועל איך אײַך איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

בולט בשלושת הבתים האלה יסוד החזרה: הפנייה המשולשת ל״אחים״ (בכל בית), וכן השורה החוזרת בכל אחד משני הבתים האחרונים והמבליטה את ה״זכור!״ — חבל התלייה מסביב לצוואר. הבקשה האחרונה של הנידון לתליה — ״צוואת המוצא להורג״ נכללת בשמונה השורות האחרונות של נוסח זה. גם הנוסחים המקבילים כוללים את שני המוטיבים המשולבים האלה — המשפחתי (שם לתינוק) והכללי (נקמה).

לפעמים אין השירים העממיים המנציחים את הפרשה המסעירה בגדר בלדה, והם שייכים לז׳אנר אחר. נביא למטה בית מתוך שיר־ערש עממי (הערץ עמ׳ 94) המיוחס לאלמנת הירשקה השרה אותו לבנם שנולד אחרי הוצאת האב להורג; זהו שיר שיש לנו עדות על זימורו בקראקוב הרחוקה מווילנה, שנה אחרי המעשה. האמת היא, כי למלכה, אלמנת הירשקה, נולדה בת (קראו לה צביה, זכר לשם הירש), אך הדמיון העממי היוצר העדיף, כפי שהוא מעדיף תמיד בספרות העממית הנמסרת מדור לדור בעל־פה, את הקשר עם מוטיבים עממיים מקובלים (במקרה שלנו — הצוואה) על האמת ההיסטורית. מוטיב התינוק העומד להיקרא על שם האב שהוצא להורג הוסיף לחיות בשירת העם והפך בה עובדה קיימת, למרות העובדה ההיסטורית כי אלמנת הירשקה ילדה בת...

מוטיב האב הנעדר ידוע משירי־ערש רבים. בשירי פועלים, שירי מחאה, מאבק ומרד, גולה האב הנעדר בסיביר, יושב בבית־הסוהר וכיו״ב, והוא מגיבורי המהפכה והלאום. שיר־הערש שלנו כולל שורות משירי־ערש קדומים יותר, כגון (שו׳ 9): ״אַז דו מײַן קינד וועסט גרעסער (עלטער) ווערן״, והוא מדגיש את הגאווה והכבוד על אהבת החרות ועל הצעידה בקומה זקופה של האב המקריב את חייו על מזבחה. עם זאת מזכיר השיר את שמו של פון־ואל הערץ (שו׳ 5־6: ״דײַן טאַטע האָט זיך באַשלאָסן / צו שיסן פאָן וואַלן דעם טיראַן״), בדומה

לאזכורי־שמות דומים בבלדות עממיות. שמו של לקרט לא נזכר בשיר, אך שמו של פון־ואל אינו מניח ספק בדבר זהותו של האב הנעדר.

בבית הראשון של שירנו הפונה במישרין לילד, מודגשת גבורתו של האב ונרמז כי מעשה "התנגדותו" התרחש מפני ש"העליבו את העבדים" — כינוי האסירים המולקים. כי ידוע, שההלקאה היתה נהוגה בעבר לגבי העבדים בלבד, ועלבון ההלקאה הפומבית היה בהפיכת אדם בן־חורין לעבד, מאה שנים ויותר אחרי המהפכה הצרפתית שחרתה על דגלה את סיסמת השויון וזכויות האדם:

דײַן פֿאָטער האָט געקעמפּט ווי אַ העלד,
פֿאַר פֿרײַהייט און פֿאַר רעכט.
אַלעס (באַבטיפּוס: אַליין ? — ד.נ.) האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט,
ווען מען האָט באַליידיקט די קנעכט.

בבית שלמטה, שהוא הבית השלישי בשיר־הערש שלנו, מתאחדים שני יסודות הצוואה. התינוק והנקמה שלובים בו, והתינוק בערישה נקרא, לכשיגדל, לנקום את דם אביו:

אַז דו מײַן קינד וועסט גרעסער ווערן,
זאָלסט דו זײַן גרייט
צו נעמען ראַכע פֿון די הערשער
פֿאַר דײַן פֿאָטערס טויט.

מן החריזה גרייט — טויט מסתבר, כי הנוסח נתחבר בליטה, אם כי נרשם בגליציה והושר, כנראה, בפעם הראשונה, בקראקוב (הערץ עמ׳ 113, הע׳ 54). המלה "ראַכע" הוחלפה בנוסחים אחרים (לא־גליצאיים? מאוחרים יותר?) ב"רעכענונג" (לעהמאַן סי׳ 20 בית 10, סי׳ 23א בית 14): "רעכענונג זאָלט איר אײַך מיט דער טיראַנישער נאַציאָן".

הבלדה רווחת וחיה גם בימינו והיא מושרת בחוגים רבים, ולא רק ע"י שרידי ה"בונד" וחבריו. תרמה לכך במידה רבה עובדת הכללתה בשתי האנתולוגיות של שירי־עם ביידיש, הנפוצות ביותר בימינו, אחת בעריכת חנה מלאָטעק (ניו־יארק 1972 ומהדורות מאוחרות יותר) עמ׳ 94, ואחת בעריכת אהרון וינקובצקי ואחרים (ירושלים 1983־1987), כרך ד׳, עמ׳ 20־21.

יש לראות בפרסומים אלה שני נוסחים שונים של הבלדה, והשוני בא לביטוי הן במספר הבתים (אצל מלאָטעק 4, אצל וינקובצקי 6) והן בתוכנם. בשני הנוסחים דומים רק שלושה בתים, ורק הבית הראשון זהה. אילו באנו לבנות שיר אקלקטי על יסוד שני הנוסחים האלה, היינו מגיעים לשיר בן שבעה בתים. כי אצל מלאָטעק יש בית שאינו נמצא אצל וינקובצקי, ואצל וינקובצקי יש שלושה בתים שאינם אצל מלאָטעק. מספר הבתים בנוסח האקלקטי קטן בהשוואה למספר הבתים

בנוסחים העממיים אשר ממוצע הבתים שבהם עולה על עשרה. בסכימה שלמטה מציינת הספרה מצד ימין את מספר הבית בנוסח האקלקטי:

1 (משותף לשני הנוסחים): פרידת הירשקה מביתו; בואו לקרקס.
2 (רק וינקובצקי): קניית כרטיס; כניסה לקרקס.
3 (כנ"ל): הדרך אל תא הגוברנטור (בחצות!).
4 (משותף): היריה — ההתנקשות.
5 (רק וינקובצקי): המאסר המיידי ע"י ה"טיראַנען".
6 (רק מלאַטעק): צוואת הירשקה — ייקרא נא בנו העתיד להיוולד לו, על שמו.
7 (משותף): צוואת הירשקה — לזכור ולנקום (אצל מלאַטעק — גם לשיר עליו).

נתייחס לטקסט מקובץ זה מתוך ידיעה כי טקסט כזה לא היה קיים אף פעם, אבל בתיו המצויים בנוסחים השונים של הבלדה היו מושרים במקומות רבים והם משקפים את התייחסות החברה המזמרת אל נושאי השיר. מבחינתנו משמעותית ביותר השוואת המוטיבים שבבלדה אל הנתונים במציאות, וזאת לאור העובדות ההיסטוריות שבידינו, הן על ההתנקשות והן על ההוצאה להורג (**הערץ**, פרק ד': "הירש לעקערטס שאָסן און די תליה"). בדיקתנו מוכיחה כי בסיפור המעשה הריאליסטי חלו תמורות של פולקלוריזציה ומיתולוגיזציה, הן מבחינת הלשון (שימוש בסטריאוטיפים, כגון: טיראַן — עריץ), והן מבחינת התכנים (מועד ההתנקשות, דרך הפציעה, מוטיב הצוואה):

ההתנקשות היתה בשעה 10, אך היא הוחלפה בשיר, כאמור לעיל, בזמן הנוסחאי המצוי בבלדות — חצות.

שני הכדורים שנורו מתוך מאקדח (בראונינג) של לקרט פגעו בידו השמאלית וברגלו הימנית של פון־ואל (**הערץ** עמ' 52). אך בין "השמועות והמעשיות" (כך שם עמ' 54) שהילכו בעם, "סופר" (שם) על פגיעות בחזה ובבטן! אלא שפון־ואל לבש כתונת־שריון שגרמה להתחלקות הכדורים ב"ריקושט" ולפגיעה בחלקי־הגוף אשר המתנקש לא התכוון אליהם.

ידועים לנו הנתונים על רגעיו האחרונים של הירשקה (**הערץ** עמ' 60 ואילך; הדוקומנטציה — בהערות שם). אנו יודעים על שיחתו עם ה"רב מטעם", שבה דחה את הצעת הווידוי, על צעידתו אל עמוד התלייה בקומה זקופה ובגבורה. כן ידוע לנו שהירשקה, שתקן מובהק מטבעו, לא ניסה לנאום או להכריז דבר, בעמדו על מגרש ההוצאה להורג, ובשום עדות של עד־ראייה אין לנו נתונים על צוואה או על הדומה לצוואה (אמרה אחרונה או כיו"ב). מכאן שמוטיב הצוואה חדר לבלדה מבחוץ.

יש נוסחים, כגון זה אצל וינקובצקי, שבהם כולל מוטיב הצוואה רק את נושא הנקמה:

אוי, ברידער, איר זאָלט ניט פאַרגעסן

דעם שטריק וואָס מע האָט פאַרוואָרפן אויף מײַן האַלדז.
אַ צוואה, ברידער, וועל איך אײַך איבערלאָזן,
אַז נקמה זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

מוטיב זהה נמצא גם בבלדה (וינקובצקי כרך ד׳, עמ׳ 23-24) על ברוך שולמאַן שהתנקש בווארשה, באחד במאי 1906 (ארבע שנים אחרי מעשה לקרט), בראש־המשטרה הרוסית, קונסטנטינוב שונא היהודים. יש יסודות משותפים בשתי הבלדות, כגון השימוש בכינוי ״טיראַן״ (עריץ) ועוד. אלא שבלדת שולמאן מסתיימת בהבטחה־נדר מצד החברים, הנתפסת בוודאי כתגובה לפניית־הצוואה של הגיבור אליהם, פנייה שלא נזכרה בגוף השיר:

נקמה וועלן מיר פון די טיראַנען נעמען
פאַר אונדזער חברס פאַרגאָסן בלוט.

עניין ה״זכור״ ו״לא תשכח״ הנרמז בשורה האחרונה של הבית האחרון אצל וינקובצקי מורחב בנוסח של מלאַטעק. ההנצחה המבוקשת ע״י הגיבור בנוסח זה היא בדרך השילוב של החומר והרוח: בבית שלפני האחרון מבקש הירשקה את אחיו (ב״בונד״ היו מעדיפים בימים ההם לקרוא לחברים ולפנות אליהם בכינוי ״אח(ות)״ במקום ״חבר(ה)״; השווה גם בפתיחת ההמנון של התנועה, היא ה״שבועה״ לש. אנסקי: ״ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט״) שלא להיבהל (״איי ברידער, אין זאָלט זיך ניט דערשרעקן״) ולקרוא את בנו, לכשייוולד, על שמו (״אַז מײַן פרוי וועט אַ זון געבוירן, אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר״).

בבית האחרון אצל מלאַטעק נוסף בדברי ה״צוואה״ מוטיב השיר שיושר על לקרט ויפרסם את מעשהו ברחבי העולם: ״...די וועלט וועט מיט מיר נאָך טאָן קלינגען / ...און אַ ליד פון מיר זאָלט איר זינגען״. השווה גם בית 14 אצל לעהמאַן סי׳ 23ב: ״ברידער, שרעקט אײַך נישט איבער / דעם שטריק וואָס מען האָט פאַרוואָרפן אויף מיר. / נאָר אַן אַנדענקונג לאָז איך אײַך איבער, / אַז די ליד זאָלט איר זינגען נאָך מיר״.

המוטיבים האלה חדרו לבלדת לקרט, אגב תהליך המיתולוגיזציה שלה, משירי הפועלים שקדמו לה ורובם נתחברו בארה״ב, בסוף המאה הקודמת, כשירי מאבק ומרי, ע״י ארבעת ״המשוררים הפרולטריים״ (לפי הסדר הכרונולוגי של שנת פטירתם; הכתיב הוא ביידיש, בהתאם לדרך חתימתם): דויד עדעלשטאַדט, 1866-1892; יוסף באָוושאָווער, 1873-1915; מאָריס ראָזענפעלד, 1862-1923; מאָריס ווינטשעווסקי, 1856-1932. שיריהם זכו לפולקלוריזציה באמריקה ובמזרח אירופה כאחת (השווה רובין וכן נוי־פיפע עמ׳ 333-354 — מחקרו של ש״ז פיפע על דרכי הפולקלוריזציה של השיר ״דער אַרבעטער״ לד. אַדלשטאַט); השירים רווחו בעם, וביטויים, שורות ואף בתים שלמים, וכן מוטיבים עלילתיים מתוכם חדרו לנאומים, לשירי־עם, ליצירות משוררים ולמילון המהפכני. נסתפק כאן בבדיקת הביטוי־הכינוי ״טיראַן״ ומוטיב הצוואה המצויים בנוסחי הבלדה של הירש לקרט. הן הביטוי

הסטריאוטיפי והן המוטיב העלילתי היוו חלק אינטגרלי של "השירה הפרולטרית" ביידיש, שבה הם השתלבו בתיאורים על מות הגבורה של הדמות ההירואית.

הכינוי "טיראַן"

המלה "טיראַן" (עריץ) היא אחד הביטויים, שהפכו בשירה המהפכנית שביידיש בכלל ובנוסחי הבלדה על הירש לקרט בפרט, לכינויים סטריאוטיפיים. לא זו בלבד שמשתמשים בכינוי זה כל אימת שנזכר פון־ואל אלא שאפילו "הרב מטעם" המציע לנידון לתלייה לומר וידוי (והפנייה היא בלשון רכה: ילדי, בני) מכונה באחד הנוסחים (בערעגאַווסקי סי' 44: "אַ וואַריאַנט צום הירש לעקערט־ליד", בית 6) "עריץ יהודי":

וי דער קאַזיאָנער ראַבינער איז צו ישקען אַרײַנגעגאַנגען,
"זאָג שוין אָפּווידעניו, מײַן קינד,"
"אָוועק אָוועק, דו ייִדישער טיראַנער,
אוי טו שוין וואָס דו ווילסט מיט מיר".

בנוסח זה (בן 7 בתים) שם הגיבור הוא ישקע. ייתכן כי השם הי(ר)שקה נשתבש בפי העם אגב העברה ותפוצה שמיעתית, אך ייתכן וזהו אחד מסממני העריכה האידיאולוגית באסופה שיצאה לאור ב־1934 בברית־המועצות.

מן הראוי לציין, כי בסוף שנות העשרים היה שמו של לקרט עדיין "כשר" בברית־המועצות: הבלדה ("הירש לעקערט פאָלקסליד") ראתה אור כשיר ראשון באסופת פולונסקי משנת 1930 (המחבר חתם על הקדמתו בשנת 1928), ומחזהו של לייוויק הוצג ביידיש ב־1928 באודיסה וב־1929 במוסקבה, כלומר סמוך לפרסומו ולהצגת הבכורה שלו. המחזה ראה אור בגליון נובמבר־דצמבר 1927 של כתב־העת הקומוניסטי בניו־יורק דער האַמער, והצגת הבכורה שלו היתה ב־6 ביוני 1928, בתיאטרון קאַמינסקי בווארשה; השחקנית המפורסמת לימים, דינה האַלפּרן, שהיתה אָז בת 19, גילמה בו את רייזל, ושרה בסופו את בתי הבלדה על לקרט (השווה זילבערצווייג עמ' 1066).

בשנות ה־30 נמתחה בברית־המועצות ביקורת חריפה על מעשהו של לקרט שלא נהג לפי הקו של לנין המגנה בראשית המאה את הטירור האישי. ייתכן כי האינפורמנט או הרושם־האספן (לאו דוקא העורך!) אצל בערעגאַווסקי הרגישו את עצמם בטוחים יותר, כאשר הזיהוי של הדמות הפועלת עם הירש(קה) לקרט לא היה גלוי לעין. בבית האחרון של נוסח זה נקראת אשתו ההרה של הירשקה טייבעלע, אם כי שמה היה מלכה(לע), ובשם זה היא מופיעה בכל הנוסחים האחרים של הבלדה. ייתכן וגם שינוי זה יונק מסיבות אידיאולוגיות, כי שם בעל "טעם" עברי־"מלוכני", "כשר" פחות משם יידי מקורי. גישה זו מסבירה גם את כינויו של הרב בנוסחנו.

הבית האחרון בשירו המפורסם והנפוץ של דויד אֶדלשטאַט (מת עשר שנים לפני מעשה לקרט) "אין קאַמף" (האתחלתה: "מיר ווערן געהאַסט און געטריבן"; נדפס תחילה בכתב־העת וואַהרהייט, ניו־יורק, 1 במרס 1889. השווה נוי־פיפּע עמ' 334, הע' 3) מתחיל בשורה "איר קענט אונדז דערמאַרדן, טיראַנען" ובתקוות הניצחון והחרות בעקבות המאבק. שיר אחר של אֶדלשטאַט, "וואַכט אויף!", מסתיים: "ברידער, גענוג פאַר טיראַנען צו קניען, / שווערט אַז איר מוזט ווערן פרייַ". כך גם בפתיחת הבית השני של "די שבועה", המנון ה"בונד" לש. אַנסקי (וינקובצקי, כרך ד', עמ' 18): "מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייַהייט און רעכט / מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט". בשירו של בובשובר "עס רירט זיך" (שם עמ' 35) מכונה ה"גביר" (העשיר) "געלטטיראַן" — עריץ־כסף, ושיר אחר שלו (השווה צוקונפט י"א, 1940, עמ' 650) מסתיים בשורה: "פלוך און שילט די טיראַניי!"). בשירו "רעוואָלוציאָן" (ראה אור ב־30 במרס 1894, כאשר לקרט היה בן 14), אומרת המהפכה: "איך קום ווייַל עס האָבן טיראַנען / פאַרוואַנדלט די פעלקער און טראָנען", ויש כאן גם משחק מלים בין "עריצים" ו"כיסאות מלכות" המשמשים אותם. בשיר האהבה של בובשובר משנת 1898 "דאָס לעבן" משתמש המשורר ב"טיראַן" כדימוי לשנאת הזולת (געזאַמלטע שריפטן, ניו־יאָרק 1911, עמ' 81, בית 3): "אָפּט, ווי טיראַנען, האָסן מיר די מענטשן".

מוטיב הצוואה

לאחד השירים של דויד אֶדלשטאַט היתה השפעה רבה על מוטיב הצוואה בשירת־העם המהפכנית ביידיש. זהו השיר "מייַן צוואה" (נדפס תחילה: וואַהרהייט, 22 במרס 1889; האתחלתה: "אָ, גוטע פרייַנד, ווען איך וועל שטאַרבן". השווה מלאַטעק עמ' 92־93, וכן נוי־פיפּע עמ' 334, עה' 4). אמנם, נסיבות הצוואה בשיר הזה הן ריאליסטיות (המצווה מביע את משאלתו האחרונה בעודו בחיים), אך שם השיר ונושאו החדירו את "צוואת הנדון למוות" לשירה המהפכנית. ראה גם את תרגום "רצוני האחרון" של משורר זה אצל רובין עמ' 71, ואת מאמרנו על השירים המולחנים של לייוויק, המתפרסם ביידיש בקובץ שלפנינו, הערה לשיר "אָ, גוטע פרייַנד".

ידוע לנו כי שירי אדלשטאט, וכן שירי שלושת המשוררים הפרולטריים האחרים, היו מושרים הרבה ע"י ראשוני ה"בונד" והיו ידועים יפה לדור היוצרים שחי את חוויית מעשה ההתנקשות והתלייה של לקרט. היוצר(ים) האלמוני(ים) של הבלדה הושפע(ו) בוודאי ע"י הצורות, המנגינות והתכנים של השירים המהפכניים האלה. המוטיבים של "הצוואה מעבר לקבר" ושל "המשאלה האחרונה" (שם אחד השירים של י. בובשובר הוא: "מייַן לעצטער וואונטש") יונקים בבלדה העממית על לקרט ממסורת עממית מושרשת ועשירה של "השיר המהפכני" ביידיש (ראה רובין עמ' 7־14), והם מעין "מוסר השכל" המסיים את השיר.

3. הירש לקרט ביצירת ה. לייוויק

לייוויק שמע בוודאי את הבלדה על הירש לקרט בנעוריו, כחבר ה״בונד״, ואולי אפילו לפני כן, כפי ששמע את שירי־המהפכה שקדמו לה בזמן ורווחו בסביבתו (איהומן — מקום לידתו והמקום הקבוע של מגוריו; ניקולאייב ומינסק — מקומות לימודיו ועבודותיו) ובתנועתו. הוא הצטרף ל״בונד״ בהיותו בן 17, שלוש שנים אחרי ההתנקשות בפון־ואל ותליית הירש לקרט. היתה זאת שנת המהפכה (1905), והנוער הבונדיסטי שגדל לאור דמותו של הירשקה, הרבה בוודאי לשיר את הבלדה בין שירי־המהפכה שרווחו בשנת המהפכה ברחוב היהודי. כל חייו ראה לייוויק את עצמו כ״בעל־חוב״ לגבי הדמות של לקרט, ששימשה לו מופת ומודל לא רק בתקופת התגבשותו האידיאולוגית, אלא גם בתקופת שהותו בבתי־הסוהר ובגלות סיביר. תחושה זו קיימת גם אצל משוררי־יידיש אחרים, בני דורו של לייוויק, שנתחנכו על ״מעשה לקרט״ ורבים מהם הקדישו לפחות שיר אחד ל״גיבור נעוריהם״ (אצל הערץ עמ׳ 86 מצויינים כתריסר משוררי יידיש ששרו על לקרט בשיריהם. אחד השירים עליו נכתב ברוסית ונדפס כמה חדשים אחרי התלייה. ראשיתו: ״אלוהי אבותינו, אל נקמות״).

איך בלעטער מיינס אַ נאָטיצביכל פון די יאָרן, ווען כ'האָב פאַרבראַכט אין דענוווער-סאַנאַטאָריום... עטלעכע פרייַנט... פירן מיך אין די בערג אַריין... אָט קומען מיר צו צום לעצטן לעבנספונקט אויפן דאָזיקן באַרג, צו דער גרענעץ-ליניע. מיר גייען אַרויס פון דער מאַשין. ס'פאַרכאַפּט בייַם אָטעם. אָט זע איך טאַקע מיט די אויגן ווי עס ענדיקט זיך דאָס לעבן אויף דער ערד אויף וועלכער איך שטיי. גראָזן — ניט קיין גראָזן, נאָר עפּעס אויסגעפּליקטקייטן, שיטערע געוויקסלעך; אָט-אָט ציִען זיי זיך, ווילן קריכן נאָך אַ ביסל העכער, נאָך אַ שטיקל ערד פאַרנעמען, אַרום נאָך אַ שטיין אַנקלאַמערן זיך, אָבער — עמיצער פון די קאַלטע הייכן זאָגט: ניין! און די גרעזלעך גיבן זיך אונטער, מידע און פאַרחלשטע זינקען זיי אַראָפּ. אָמפּיינלעכסטן אָבער זעען אויס די ביימער, וואָס האָבן מיט אַלע כּוחות דערגרייכט צום טויטפּונקט. אפשר איז דאָס וואָרט "אָמפּיינלעכסטן" ניט דאָס ריכטיקע וואָרט. אפשר גאָר איז נייטיק צו זאָגן: אָמוואונדערלעכסטן. זיי זייַנען צעדרייט, די ביימער; זיי זייַנען אויסגעדרייט, פונאַנדערגעשפּרייט אין משונהדיקע קרומקייטן; אָט וויל אַ צווייַג נאָך אַ הייב טאָן זיך, און אָט

ווערט ער אַוועקגעשטופּט אין אַ זײַט, פונאַנדערגעפּליקט נאַקעט, איין שטיק פּאַרזעעניש. און אָט רײַסט זיך אַ צווייג יאָ דורך, שטעכט זיך אַרײַן אין דער ווײַטער לײַדיקער קעלט. אָבער וואָס קומט אַרויס פון זײַן דורכ־רײַסן זיך, אַז דער גאַנצער גוף פון דעם בוים, דער גאַנצער שטאַם ליגט צעקרומט, צעקאַרליקט! ער ליגט, אָבער ער גיט זיך ניט אונטער. ער לאָזט ניט אָפּ קיין איין שפּאַן פון זײַן אָרט. ער גיט ניט נאָך. ער שטייט און דערציילט וועגן די וואונדער פון דעם וועלט־באַשאַפער. ער שטייט און ער לאָזט הערן: איך לעב![4]

ייִדיש לשון און ליטעראַטור

...מיר קענען דאָך געוויס ניט אָפּטיילן אונדזער ייִדישע ליטעראַטור פון דער ליטעראַטור פון דער וועלט. — דאָך האַלט איך, ווען איך פאַרטיף זיך אינעם מהות פון אונדזער שעפערישן וואָרט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אין אַ געוויסן זין אַ אַנדערע...[5]

...אונדזער ליטעראַטור, אונדזער ייִדישע פּאָעזיע בפרט, האָט דורכגע־מאַכט אין משך פון אַ קורצער תּקופה אַן אויפגאַנג, אַ גרויסע אַנטוויקלונג, אַ פונאַנדערשפּרייטונג פון כּוחות, אַן אויפקום פון אַ פּאָר דורות וויכטיקע, מיר מעגן זיך ניט שעמען צו זאָגן, גרויסע פּאָעטן. קומט במילא אויף בײַ יעדן ייִדישן מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ייִדישן וואָרט, אַן אָפּטע רגע ווען ער פרעגט זיך: וואָס איז געשען אַזוינס מיט אונדז, וואָס דער ענין פּאָעזיע, דער ענין וואָרט אין מאָדערנעם זין, האָט אונדז אַזוי פאַרכאַפּט אַז ער האָט אונדז אַ סך מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר אַ צושטאַנד ווען מיר זאָלן וואַגן אַ טראַכט צו טאָן אַז אונדזער הײַנטיק וואָרט, אַפילו ווען מיר רופן עס אַן **וועלטלעך** וואָרט, האָט אַ טיפע שײַכות צו אונדזער ייִדישן רעליגיעזן מהות, און איז מעגלעך אַ המשך פון אונדזער אמונה־געמיט אין משך פון טויזנטער יאָרן? —[6]

איך האַלט אַז די הײַנטיקע ליטעראַטור אונדזערע, איבערהויפּט טאַקע די דיכטונג, איז אונדזער המשך. פּאָעזיע, ווי איך פאַרשטיי זי, איז סײַ אַ מין פערזענלעכע השתּפכות הנפש, סײַ אַ מין אויסדרוק פון דערפאַרונגען, בענקשאַפטן, האָפענונגען פון אַ פאָלק; ביידע צושטאַנדן פורעמען זיך

אויס אין די ווערטער, וואָס דער פּאָעט **באַקומט** אַרויס פון דער טיפעניש פון לעבן.[7]

...דער דיכטער באַטראַכט זיך ווי איינער וואָס נעמט זיך דאָס רעכט — דורך אַן אינערלעכער באַשערטקייט — צו גלייבן אין אַ באַרוף, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אי ווי אַ מתּנה, אי ווי אַ גורל-גזר אָפּצושפּיגלען דאָס אייגענע לעבן, וואָס זאָל זײַן אויך אַן אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן אין דער וועלט און איבערהויפּט, אין שײַכות מיט דעם לעבן פון זײַן פאָלק...[8]

...די אידעע פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז תּיכּף אַזוי אַרום געוואָרן: זײַן אַ המשך-כּוח פאַר אונדזער פאָלק-עקסיסטענץ אויף די וועגן וואו דער ייִד האָט אָפּגעווײַכט פון זײַן גלײַכער ליניע צו גאָט, און האָט זיך געלאָזט אויף דעם זיגזאַג-מאַרשרוט מיט דער וואַגנדיקער אײַנשטעלונג אויסצוקומען אַ געוויסע צײַט, מערסטנס, נאָר מיט זיך אַליין, אַנטפּלעקנדיק זיך אַליין, און דערפאַר נעמען אויף זיך זייער אַ שווערע דאָליע: פאַרזוכן דעם טעם פון אײַנזאַמקייט...[9]

...די אידעע פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז, אין תּוך, געווען גלײַך צו געשטאַלטיקן דעם ייִד, אין זײַן פולן לעבן, ביז צו זײַן טיפסטער דערקענטעניש, און אַרויסצוהייבן צו אַ נײַער הייך סײַ זײַן טראַגיזם, סײַ זײַן גאולה-חלום. אַרויסצוהייבן און ניט — אַרונטערצונידערן צו קראַנק-האַפטע, פּערווערזע צעשילדערונגען. — — — דאָס מיינט, אַז דער מהות ייִד, אַפילו אין וואָכעדיקייט, אַפילו אין ירידה-מאָמענטן, מוז געגעבן ווערן אין דערהייבנקייט, ווײַל דער מהות ייִד איז פון גאָט, און ניט פון שׂטן — אַפילו אויף וועגן וואָס זײַנען אויף אַ צײַט אָפּגעווײַכט פון גאָט...[10]

...פאַר אונדז איז ייִדיש... געוואָרן אַ סימבאָל פון אוניווערסאַליזם, אַן אידעאַל וואָס דרינגט אַרײַן אַלץ טיפער אין אונדזער ליטעראַטור.[11]

...איך גלייב אין וואָרט ווי אין אַן אַקטיוון כּוח, וואָס באַשאַפט און באַוועגט זאַכן. גלייב איך געוויס אין דעם וואָרט, וואָס אַקטיוויזירט דעם

יידישן טראַגיזם און וואָס מאַכט אונדז אויפציטערן ווען עס אַנטפּלעקט די באַציאונגען פון דער אַרומיקער וועלט צו אונדז, און נאָך מער — ווען עס אַנטפּלעקט פאַר אונדז אונדזער אייגענע נשמה.[12]

...מיר קענען ניט פאַרגעסן וואו די וויג פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור און קולטור איז געשטאַנען. היינט איז עס פאַר אונדז אַן אָפּגעשניטענע און אַ פאַרשניטענע וועלט. אָבער אַט די וועלט לעבט אין אונדז, ווי אַ ניט-געשטילטע בענקשאַפט צו ערטער וואו אונדזער יידישער גייסט האָט זיך באַזונדערס אויסגעוואָרעמט אין דער טיף פון האַרציקסטער פאָלקישקייט, אונטער דעם חסד פון טייערסטע לעגענדעס און חלומות, אונטער דעם געזאַנג פון גוט-מאַמישע וויגלידער...[13]

קיין שפּראַך האָט ניט דורכגעמאַכט אַזאַ טראַגיק, ווי ס'האָט דורכגעמאַכט, און מאַכט דורך, יידיש: אין סאַמע אויפבלי, פונאַנדערבלי, אין סאַמע העכסטער דערגרייכונג צו קינסטלערישער ריַיפער שיינקייט — קומט אַן אַניאָג פון פאַרניכטנדיקע אַכזריותדיקע ווינטן — סיי פון דרויסן סיי פון אינעווייניק — קומט אַ ביטערער עלנט, ניט געקוקט אויף דער רחבותדיקייט פונעם גאַנצן אַרום, ניט געקוקט אויף דער אייגענער עשירות.[14]

...ניט איין וואָרט אין יידיש האָט צענדלינגער און צענדלינגער וואַריאַציעס, טייטשן און פאַרטייטשן און אויסטייטשן; צוגאַנגען אויפגאַנגען און איבערגאַנגען; צענדלינגער מיינען און חנען...[15]

...וויפל פאַרמען און ניואַנסן יידיש האָט עס אויסגעטראָגן און דורכגעטראָגן דאָס קליינינקע וואָרט גיין, ניט געקוקט אויף אַלע אַוועקגיינס און פאַרגיינס — אויפגיין און פאַרגיין, און אַוועקגיין, און איבערגיין, און אַריבערגיין, און פאַרויסגיין, און ווידער אויפגיין, און נאָך און נאָך. — דער טאָג איז פאַרגאַנגען; דאָס קינד איז פאַרגאַנגען (אין אַ לאַנגן געוויין); ער איז געגאַנגען צום פעלד און פאַרגאַנגען אין וואַלד; עס איז אים פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ; און נאָך און נאָך. — די לבנה איז אויפגעגאַנגען; דער טייג אין מולטער איז אויפגעגאַנגען; דער קאָרן אין פעלד איז אויפגעגאַנגען; דאָס וואָרט איז אויפגעגאַנגען...

הײַנט — גיין אין גלות; גיין צו קינד; גיין אויף קידוש-השם!

...און אָט איצט, אין די טעג פון פסח, גיין אויף פאַר מיר אַלע יידישע מדבר-גייענישן: יידן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איבערגעגאַנגען דעם ים-סוף, משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, און גאָטס קול איז אויפגעגאַנגען איבער די מחנות; אין צווישן זײַנען די מחנות פאַר-גאַנגען אין אַ געוויין ווען ס'איז קיין וואַסער ניט געווען און קינדער זײַנען אויסגעגאַנגען פון דאָרשט; און גאָטס צאָרן איז אַראָפּגעגאַנגען אויפן פאָלק און גוזר געווען, אַז דער מצרים-דור זאָל ניט אַרײַנגיין אין כּנען; און דער גאַנג פון די שבטים איז פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן דורך דעם גאַנג פון די יאָרן, און משהס האַרץ איז צעגאַנגען געוואָרן אין גזר, און ער איז ניט אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן...[16]

...אונדזער ווייסנשאַפט דערציילט אונדז וואָס מיר האָבן איבער-געלעבט אין אונדזער לעבן; אונדזער פּאָעזיע דערציילט אונדז ווי אַזוי מיר האָבן איבערגעלעבט און ווי אַזוי מיר לעבן איבער אויך הײַנט אונדזער לעבן...[17]

...גלייב אין דעם אַנציענדיקן כּוח פונעם יידישן וואָרט, וואָס שאַפט קאָנטאַקט פון מענטש מיט מענטש; גלייב נאָך מער אין יידישער קהל-באַהעפטונג, אין יידישער ציבורדיקייט...[18]

...אַלע האָבן זיי געמאַכט פון זייערע העלדן נאָר אַ לבוש פאַר זייערע (די קינסטלערס) אייגענע אידעען, בענקשאַפטן און חלומות, אַ לבוש פאַר זייער אייגענעם גײַסט.[19]

...די שפּראַכן-פראַגע איז געוואָרן אַ צו שאַרפע פּראָבלעם אין אונדזער לעבן: די שאַרפקייט מוז אָוועקגענומען ווערן. עס דאַרף געפונען ווערן אַ וועג ווי אַזוי ביידע שפּראַכן, ביידע ליטעראַטורן, ביידע קולטורן זאָלן אָנהייבן צוריקווירקן איינע אויף דער אַנדערע פּאָזיטיוו און שעפעריש. זיי זאָלן באַטראַכט ווערן ווי צוויי שטראָמען, וואָס פליסן אַרויס פון איין קוואַל.[20]

דער פּאָעט און זײַן שאַפֿן

יעדע געשעעניש, וואָס קומט מיר אַרויף אויפֿן זינען הײַנט ווי אַ דער־אינערונג פון די קינדער־יאָרן, איז שטאָף פאַר אַ ליד — — —[21]

די גולם־לעגענדע פאַרפאָלגט מיך פון קינדווײַז אָן... די משיח־געשטאַלט וואָס קומט אַרײַן אין דער פּאָעמע איז דאָס ליכט וואָס לויכט איבערן גולם; ...אָן אָט דעם ליכט איז דער גולם גאָרנישט... אויב ער בלײַבט נאָר מיט דער האַק אַליין מוז זיך זײַן לעבן ענדיקן...[22]

...דאָס ליד אין זײַן סאַמע וועזן איז אַ שטרעבונג צוצוגיין וואָס נעענטער, וואָס אינטימער און דירעקטער צו מענטש און זאַך. אָן אינטימקייט קאָן אין גאַנצן קיין ליד ניט זײַן. יעדע מינדסטע מחיצה, יעדע מינדסטע אויסגערעכנטקייט און זײַטיקע כּוונה מאַכט דאָס ליד אומגליקלעך און נידעריק.[23]

...איך (פּאַל) אָן אויף זיך אָפּטמאָל מיט שווערע טאַדלונגען און שילט מיט קללות דעם ליריקער אין זיך, הלמאַי איך בין כּלומרשט פאַר־נומען נאָר מיט זיך און רק מיט זיך און אָבער מיט זיך...[24]

...איך טראַכט: די ייִדישע פּאָעזיע אונדזערע, וואָס האָט אָפּגע־שפּיגלט אין זיך אונדזער קאַטאַסטראָפע, איז טאַקע מערסטנס געגאַנגען אויף דעם דרך פון טיפערן חשבון, פון טראַגישן שולד־געפיל און לײַטע־רונג. אויך דאָס מערסטע פון אונדזער בעלעטריסטיק און עסיי.[25]

...אַ מאָל טראַכט איך נאָך אַלץ, אַז אַלע מײַנע אָנגעשריבענע לידער זײַנען ניט מער ווי אַ פאָרשפּיל צו יענעם ענדגילטיקן ליד, וואָס — איך וועל קיין מאָל ניט אָנשרײַבן.[26]

רעליגיעזע מאָטיוון

...דעם ייִדישן פּאָעט איז דער סימבאָל ״מוזע״ בכלל אַ פרעמדער. ער איז אים ניט צום האַרצן. ער קומט פון אַן אַנדער אַטמאָספערע.

דער יידישער פּאָעט וויל געפינען פאַר דער קליטה פון דער העברעער קראַפט איבער אים אַן אַנדער באַצייכענונג, אַן אַנדער נאָמען, וואָס האָט אַ שייַכות און איז צוגעפּאַסט צו אונדזער גאַנצן היסטאָרישן גאַנג און צו אונדזער טראַדיציע. צי מיר זייַנען פרום, צי מיר זייַנען ניט-פרום אין טראַדיציאָנעלן זין, זייַנען מיר סיי ווי טיף אַריינגעלעבט אין רעליגיעז-יידישע סימבאָלן, וואָס באַהערשן אויך אונדזער הייַנטיקן געמיט.

קומט מיר דעריבער אויס, אַז יידישע דיכטונג איז אָן ספק אויך הייַנט אַן אַרויסשטראַלונג פון דער גאַנצער טויזנט-יאָריקער יידישער מענטאַליטעט און איז אין תּוך אַ רעליגיעזע איבערלעבונג...[27]

איך פיל זיך אַ סך מאָל בייַם שרייַבן אַ ליד, ווי איך וואָלט תּפילה טאָן. איך פיל דאָס ליד גופא ווי אַ תּפילה. איך בין זיכער אַז יעדער פּאָעט פילט זיך אַזוי.

...אין אַזוי מאָמענטן פילסטו אַ רעליגיעזע דערהייבונג ווי אַ ייִד וואָס דאַוונט.[28]

...יעדער מענטש, אָן אויסנאָם, האָט אַ נטיה מתפּלל צו זייַן. דער דיכטער — אַוודאי![29]

...איך האַלט אַז ס'איז דאָ אַן אַנטפּלעקונג אין מענטשלעכן לעבן און אַוודאי און אַוודאי אין דער ספּערע פון וואָרט.[30]

...איך בין אין דעם זין געוויס ניט געווען קיין אויסנאָם. יעדער יידישער ייִנגל וואָס האָט געלערנט... האָט געהאַט די דאָזיקע זעאונגען. מיר רופן זיי הייַנט: גאולה-איבערלעבונגען. זיי זייַנען געווען אין אונדז. מיר האָבן כּמעט ווי רעאַל געטראָגן אין זיך די געשטאַלט פון דעם, וואָס וועט קומען אונדז אויסלייזן. מיר ווייסן, אַז ער איז ערגעץ דאָ און מיר בענקען נאָך אים. איז געווען נאַטירלעך, אַז מיר אַלע זאָלן טיילווייַז איבערטראָגן די דאָזיקע איבערלעבונגען אויך אויף זיך אַליין, מיר זאָלן אַלע ווערן כּמעט ווי שותּפים צו דער דאָזיקער געשטאַלט...[31]

...איך טראַכט נאָך הײַנט: וואָס פֿאַראַ וואונדערלעכע גליקזעליקייט עס ליגט אין דעם "בראש השנה יכּתבון", אין דעם טיפֿן גלייבן, אַז ס'איז אַ געטלעך אויג וואָס זעט אַלץ, און אַ ספֿר, וואו אַלץ וואָס דער מענטש טוט, ווערט פֿאַרשריבן; וואָס אויפֿן סמך פֿונעם פֿאַרשריבענעם ווערט דײַן לעבן און דײַן גורל געמשפּט, און אינעם באַוואוסטזײַן פֿונעם משפּט קערעוועסטו דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון דײַנע טעג.

איך טראַכט אויך: אין וואָס פֿאַר אַן אומגליקלעכער פֿינצטערניש מענטשן און פֿעלקער, מיר אַלע, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן, און פֿאַלן ווײַטער און ווײַטער, ווען פֿון אונדז האָט זיך אָפּגעטאָן די זעאונג, אַז מיר שטייען אַלע גלײַך פֿאַר אַ משפּט, אַז אונדזערע מעשׂים ווערן פֿינקטלעך פֿאַרשריבן, און אַז מיר מוזן פֿאַר אַלע מעשׂים אָפּגעבן דין-וחשבון, אַלע, אַלע, גלײַך.

אָן דער דאָזיקער זעאונג און אָן דעם גלייבן אינעם משפּט איבער אונדז איז די וועלט דערגאַנגען צו גאַז-קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, צום בלוטיקסטן נאַציזם, צו פֿײַנלעכסטער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונעם מין מענטש, צו דער פֿאַרלייקענונג פֿון זײַן פֿרײַהייט און פֿון זײַן פּערזענלעכקייט.[32]

...מיר האָבן גרויס אַכטונג פֿאַר דעם אמתן פֿרומען, פֿאַר דעם אמת-וואַרצלדיקן ייִד, וואָס לעבט ווי אונדז דאַכט זיך, אין אַ האַרמאָנישן געמיט. מיר קענען אָבער ניט אומקערן זיך צום אַלטן ייִדישן נוסח נאָך דערפֿאַר, ווײַל אונדז איז ניט-גוט אין וועלטלעכקייט. מיר קענען ניט, אַפֿילו ווען מיר זאָלן עס וועלן. מיר קענען ניט נעמען גלייבן אין גאָט נאָך דערפֿאַר, ווײַל אָן אַ גאָט איז ניט-גוט. ס'איז אַ באַליידיקונג פֿאַר דער עצם אידעע פֿון גאָט...[33]

פֿון אַלע פֿרומע פֿאַרשטעלונגען, ייִנגלווײַז, האָט צום שטאַרקסטן געווירקט אויף מיר דאָס ימים-נוראימדיקע בילד, וואָס איז אַזוי קלאָר געצייכנט געוואָרן אין די ראש-השנה-און יום-כּיפּור-תּפֿילות, ווי אַזוי די גאַנצע פּמליא של מעלה זיצט אין אָט די פֿאַרכטיקע טעג איבער אַ גרויסן ספֿר-הזכרונות, וואו ס'איז גענוי פֿאַרשריבן דעם מענטשנס מעשׂים פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר, און משפּטן אים — דער מענטשן.[34]

...גאָט איז בפֿירוש דאָ אין אונדזערע לידער. ער איז דאָ אין אַלע אונדזערע געזאַנגען, אַפֿילו אין די וועלכע מיר באַטראַכטן פֿאַר דורכויס

וועלטלעכע. עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ איבערלעבונג און ניטאָ אַזאַ וואָרט וואָס זאָל ניט זײַן אָנגעבונדן אין דער העכסטער קראַפט וואָס איז דאָ אין דער וועלט — אין דעם באַשעפער...[35]

גלות און ארץ־ישׂראל

...דאָ, אויף דער ערד פון ירושלים, זאָג איך — צום ווײפלטן מאָל: גלות איז שלעכט, מיאוס. און מיר דאַרפן פון אים אויסגעלייזט ווערן. אָבער דער ייִד אין גלות איז געווען אַ וואונדער, אַ שיינקייט. און ס׳איז אַ שטאָלץ צו שטאַמען פון אָט דער שיינקייט, אָרעמקייט איז טונקל־פינצטער, אָבער דער **אָרעמאַן** איז לויטערקייט. תּפיסה איז כּולו־חושך, אָבער דער **אַרעסטאַנט**, אויב אַן אומשולדיקער, איז כּולו־דערהייבונג. אינקוויזיציע איז רציחה, מאָרדונג און שענדונג, אָבער דער ייִד אין די קאַמערן פון דער אינקוויזיציע איז געווען הייליק...[36]

יאָ, איך נוץ דעם טערמין גלות און ניט דעם קאַמופלאַזש־טערמין תּפוצה. הגם איך פיגוריר ניט ווי אַ ציוניסט, האַלט איך, אַז אַ ייִד וואָס איז צוליב דער אָדער יענער סיבה ניטאָ אין ארץ־ישׂראל — אין דעם לאַנד וואָס ער אָנערקענט, אַז זײַן פאָלק איז פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן און דאַרף אַהין צוריקגיין — איז אין גלות. אויך אַמעריקע, האַלט איך, איז אויפן פּאַן פון דער ייִדישער געשיכטע דורכויסיקער גלות...[37]

...כל זמן אַ ייִד טראָגט אין זיך אַקטיוו די גורלדיקייט פון דער הײַנטיקער ייִדישער געשיכטע... לעבט אין אים די בענקשאַפט צו ארץ־ישׂראל...[38]

...אַ ייִד וואָס באַפרייט זיך **באַוואוסטזיניק** פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, ער גיט זי באַוואוסטזיניק אויף, ער פאַרלייקנט זי — פאַרלייקנט ער און פאַרלירט דעם עצם פון זײַן נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע, וואָס איז אין תּוך זײַן פּערזענלעכע ביאָגראַפיע...[39]

...אַ ייִד פון אַמעריקע, אַז ער פאָרט קיין ישׂראל, פאָרט ער ניט גלאַט ווי אַ טוריסט — באַווײַזן זיך, אַ שמעק געטאָן, אַ לעב געטאָן און — אַוועק.

אַז ער קומט צוריק פון אַמעריקע, קען ער ניט, אַפילו ווען ער זאָל עס וועלן, אָפּטונקען זיך אין דער פאַרגעסנקייט און, ווי עס וואָלט גאַרנישט געשען, אַריינלאָזן זיך אין זײַן פריִערדיקן אַלטן גאַנג פון לעבן.

אַפילו דער ייִד וואָס האָט נאָך ניט באַזוכט ישׂראל ווייסט און פילט, אַז זײַן ייִדיש לעבן איז הײַנט באַלויכטן און דורכגענומען מיט עפּעס אַ נײַער היסטאָרישער אַנדערשקייט; אַז עפּעס דאַרף ער אין זיך, אין זײַן שטוב, אין זײַן אַרום, איבעררעווידירן, איבעראָריענטירן.[40]

...כ'האָב געזען, וואָס ייִדישע הענט האָבן געטאָן, געבויט, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרוואַנדלט מדבריות אין ישוב, שטיינערנעם באָדן אין ווײַנ-גערטנער; כ'האָב געזען דעם גרויסן שוואונג פון אַרבעט, פון שאַפונג. איבערהויפּט האָב איך געזען, ווי די יוגנט האָט אָפּגעגעבן איר לעבן, האָט זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון ארץ-ישׂראל און אַרויסגעפּישופּט פון זיך אַזוינע פאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס זײַנען מעגלעך נאָר אין מאָמענטן פון גרויסן גלייבן און איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקייט און אין טיפן ווילן איבערצושמידן זיך אַליין און געפינען פאַרן ייִדישן לעבן אַ נײַעם נוסח, אַ נײַעם וועג, אַ נײַעם תּיקון.[41]

...איך בין גליקלעך געווען צו זען, אַז די ייִדישע וועלט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק קען פון זיך אַרויסגעבן אַזעלכע שיכטן וואָס בויען אויף אַזאַ אופן. דאָס האָט אין מיר אַליין געביטן מײַן שטימונג. מײַן אייגענער טרויער איז לײַכטער געוואָרן. צו וויסן און פילן, אַז מיר באַזיצן נאָך אין אונדז אַזאַ כּוח, אַזאַ יוגנט, וואָס לייגט זיך אויפן מזבח און שאַפט און בויט. ווער קען עס פאַרניינען? מיר בענקען דאָך נאָך בויאונג, מיר זאָלן אַליין פלאַנצן און בויען! ווי קען מען עס פאַרניינען?[42]

מלוכה איז ניט מער ווי אַ שוועל צו גאולה, די מלוכהשאַפט אַליין דאַרפן מיר ניט. זי איז ניט מער ווי אַן ערשטער טראָט, וואָס ווייניקער מיר'ן זיך שפּילן מיט דעם וועט זײַן בעסער, דערהויפּט איז — ייִדישע היים, אמתע ייִדישע היימישקייט, אָנונג פון ייִדישער גאַנצקייט, צעבראָכנקייט, וואָס דאַרף ווערן גאַנץ; פאַרטריבנקייט וואָס דאַרף ווערן צוריקקער, צעשפּרייט-קייט וואָס דאַרף ווערן צונויפגענומען.[43]

שואה און שארית הפליטה

...דער ציפער זעקס, און דער אויסדרוק זעקס מיליאָן, זײַנען פון צופיל געברויך היפש אָפּגעריבן געוואָרן. דאָס איז מסתמא געווען אומ-פאַרמײַדלעך... און דאָס איז אויך אַ טייל פון אונדזער טראַגיק. אַ צאָל, וואָס ווען מע זאָל זי שטענדיק איבערלעבן אין איר פולער גרויל און פרישקייט, וואָלט זי אונדז לעבעדיקע, גאָר אײַנגאַנצן צעשטערט. זי וואָלט אונדז אַראָפּגעפירט ממש פון זינען. נעמען מיר און געוואוינען זיך צו צו איר, און זאָגן זי אַרויס אַזוי ווי מע זאָגט אַשרי. איז טאַקע דאָס אַרויס-זאָגן דעריבער אויך אַ טייל פון אונדזער טראַגיק. אָבער די צאָל זעקס איז, אַזוי צי אַזוי, אַרײַן אין אונדזער בלוט און אין אונדזער מוח, און מיר זײַנען שוין מער ניט קיין בעלי-בתּים יאָ אָנצונעמען אָדער ניט אָנצונעמען דעם סימבאָל זעקס. ער באַהערשט אונדז. זײַן שליטה איז דעריבער געוואָרן אומפאַרמײַדלעך.[44]

...געראַטעוועט אונדזער כּבֿוד האָבן די מיליאָנען אומגעקומענע ווי שעפּסן, ניט ווייניקער ווי די אומגעקומענע אין דרייסטן ווידערשטאַנד, ניט ווייניקער — און אפשר נאָך מער... — מיטן עצם פאַקט פון זייער דער-שטיקט זײַן אין גאַזקאַמער, מיט זייער פאַרברענט ווערן אין די פלאַמען פון דער קרעמאַטאָריע. מיט זייער אויפגיין אין די בונקערס פון אַ דאַכאַו, צי אַן אוישוויץ, האָבן זיי דעם אמתן ייִדישן כּבֿוד, דעם כּבֿוד פון קידוש-השם, דערהויבן צו אַלע אייביקע הייכן...[45]

...איך פרעג זיך אַליין: איז דאָס טאַקע אמת, אַז איך — אַ ייִד, אַ ייִדישער פּאָעט, אַ געקומענער פון אַמעריקע, אַ פרײַוויליקער מיטגליד פון דער שארית הפליטה, זיץ אין בערכטעסגאַדען, אין דעם געוועזענעם האַרץ פון היטלערס מאַכט, און שרײַב מיט ייִדישע אותיות?

איז עס ווירקלעכקייט?[46]

...מיט אַלע מײַנע דורכגעגאַנגענע, שוין באַלד, זעקס צענדליק יאָר לעבן, מיט מײַן גאַנצער שרײַבערישער דערפאַרונג פון איבער פערציק יאָר, פיל איך אַז איך קען בשום-אופן שרײַבעריש ניט באַהערשן דאָס, וואָס איך האָב געזען און זע אין די לאַגערן פון אונדזער אומגליקלעכער, נשמה-

צערודערטער שארית-הפליטה אויף דער בלוטיקער, פאַרשאָלטענער ערד פון דײַטשלאַנד.

איך קען אַ סך זאַכן אין די ייִדישע לאַגערן נישט באַנעמען.

מער פון אַלץ קען איך נישט באַנעמען דעם גאַנצן סכום פון ליידן, וואָס איעדער קלענסטער מיטגליד פון דער שארית הפליטה האָט דורכגעמאַכט.

אַנטקעגן דעם מינדסטן ייִדישן קרבן פיל איך זיך שוואַך, אָנמעכטיק און קליין.[47]

...אַז אַ לאַגער-ייִד זאָגט "איך גיי קיין ארץ", אַנשטאָט ארץ-ישׂראל, פילסטו אין דער פאַרקירצונג אַ וואַרעמקייט און אַ צערטלעכקייט — איך גיי מיר אַהיים, הייסט עס. אָט נעם איך און גיי מיר.

וואָס מיר פעלקער, וואָס מיר גרענעצן, וואָס מיר קוואָטעס, וואָס מיר ענגלאַנד? — איך גיי קיין ארץ — און פאַרטיק...

איך גיי מיר אַהיים — און טוט מיר עפּעס![48]

דאָס וואָרט "בלוטיקע" איז אַרײַנגעוואָקסן געוואָרן אינעם וואָרט דײַטשלאַנד נאָך טיפער פון די ציפערן, וואָס זיי, די דײַטשן, האָבן אַרײַנגעברענט אין די הענטלעך פון ייִדישע קינדער. די ציפערן, דורך אַ געוויסן פּראָצעס, קען מען אפשר אַרויסנעמען פון הינטערן הויט אָבער די באַצייכענונג **בלוטיקע** וועט אויף דורות לאַנג נישט קענען אַראָפּגענומען ווערן פונעם שטערן פון דײַטשלאַנד.

די וואָס וועלן אפשר דאָס וועלן טאָן פאַר דער צײַט און אָן אַן אמתער אינערלעכער דורכברענונג און איבערברענונג (פאַראַן שוין אַזוינע מחילה-ניקעס אויך צווישן ייִדן), וועלן באַגיין אַ היסטאָרישן הפקר-אַקט און וועלן אַליין מוזן פאַרצייכנט ווערן ווי קין-שותּפים — — —[49]

מיר זײַנען געפאָרן צו די ייִדן אין די לאַגערן, כּדי מקיים צו זײַן אַן אינערלעכן געבאָט, אויסצופאָלגן אַ רוף. ווער האָט אונדז גערופן? אונדזער אייגן הארץ האָט אונדז גערופן: — גייט צום יסורים-קוואַל.[50]

...דערשיטערן דערשיטערט, למשל, דער טויט פון איין פּשוטן נאָענטן מענטשן מער, ווי דער טויט פון אַ מיליאָן אויף אַ שלאַכט-פעלד. דער

טויט פון אַ מיליאָן באַוועלטיקט דיך נישט מיט קיין פשוטער קראַפט, נאָר מיט שיער-ניט אַ באַוואונדערונג, און דאָס געדויערט נאָר איין רגע. גלייך נאָכדעם ווילסטו שוין אַוועקגיין דערפון. פאַרגעסן. ווייל דו האָסט נישט קיין כוח צו זעצן זיך קלאָגן און באַקלאָגן טויזנט מאָל טויזנט אומקומס, פאָרשטעלן זיך טויזנט מאָל טויזנט טויטן.

דערפאַר, צו אונדזער גרויסן בראָך, איז ניט דערגאַנגען צו דער וועלט דער אומקום פון זעקס מיליאָן ייִדן.[51]

מענטש און מאָראַל

...איך (האָב) אייך דאָ געהערט ריידן וועגן דער שיינקייט פון ריינער קונסט, ריינער פּאָעזיע. אָבער איר האָט פאַרגעסן צו ריידן וועגן דער שיינקייט און הייליקייט פון מענטשלעך בלוט. פּאָעזיע איז שיין, איז פּראַכט-פול, — יאָ, איך ווייס עס. איך פיל דאָ אין זאָל די שיינקייט פון ווערטער, פון שפּראַכן, פון געזאַנגען, פון פעלקער. אָבער ס׳איז צייט צו זאָגן, אַז דער טרויער, די טרערן, די בענקשאַפט, דאָס בלוט פון יעדן מענטשן און פון יעדן פאָלק, פון יעדן אונטערדריקטן הילפלאָזן, רואינירטן פאָלק, צי איז עס אַ ייִד אָדער אַן אַביסיניער, איז מער ווי שיין. עס איז די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן.[52]

...ווען די גאַנצע וועלט וועט חרוב ווערן פון פּאַרראַט, פון מאַכט-האַנדל, פון רויב-מלחמות, פון בלוט-פּראָצעסן, פון טעראָר, פון דיקטאַטור מכל המינים; ווען די גאַנצע וועלט וועט ליגן ווי אַ פגר און ניט קענען אַ ריר טאָן זיך מיט קיין אבר, און דאָס געשטאַנק פונעם פגר וועט זיך טראָגן איבער אַלע וועלטן און הימלען — וועט נאָך אַלץ דער בעל-שם-טוב זיין דער, וואָס וועט מיט זיין אָטעם פּרובירן אַריינהויכן לעבן אינעם פגר און אויסרייניקן אים פונעם געשטאַנק, און ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער וועט נאָך אַלץ זיין דער, וואָס וועט תפילה טאָן צום בורא-עולם פאַר גענאָד און רחמים; און דער ווילנער גאון וועט נאָך אַלץ זיין דער, וואָס וועט שטיין אַ ריינער, אַ געלייטערטער, אַן אויפגעלויכטענער אין דעם ליכט פון נצח.[53]

...די גוטסקייט, וואָס מענטשן, אין זייערע בידנע צוזאַמענשטויסן, פאַרשטיקן אין זיך, דעקן עס צו ווי מיט אַ שווערן שטיין און זיינען גערן

אַז עמיצער זאָל זיי קומען אַנטקעגן און העלפן אַ ריר צו טאָן דעם שטיין פון איבערן האַרץ.[54]

משיח

...אויב משיח האָט עפּעס געמיינט אין אונדזער שפּראַך, אין אונדזער פאַרשטעלונג, אין אונדזער מחשבה — מוז עס היינט מיינען עפּעס בפּועל-ממש. דאָס וואָרט שטייט פאַר דעם אָנקום פון זיין תּיקון — פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. — — —[55]

הערות

אויטאָביאָגראַפיש

1 עפּייען און רעדעס, ז' 9; טאָג, נ"י, 20טן דעצ' 1948, "דריי חנוכה־ליכטלעך".
2 דאָרטן, ז' 20; טאָג, נ"י, אויגוסט 1944, "מיין היימשטעטל איהומען".
3 דאָרטן, זז' 36־37; טאָג, נ"י, 14טן אַפּריל 1952, "פּסח אין עק וועלט".
4 דאָרטן, זז' 38־40; "נייע ייִדישע צייטונג", דאָטע פעלט, "אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט".

ייִדיש לשון און ליטעראַטור

5 דאָרטן, ז' 46; אידישער קעמפער, נ"י, פּסח תשט"ז, 1957.
6 דאָרטן, דאָרטן.
7 דאָרטן, דאָרטן.
8 דאָרטן, דאָרטן.
9 דאָרטן, ז' 71; טאָג, נ"י, יאַנואַר 1944, "צי האָט די ייִדישע ליטעראַטור אַ צענטראַלע אידעע ?"
10 דאָרטן, ז' 71־72.
11 דאָרטן, ז' 124; טאָג, נ"י, יולי 1936, "די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן".
12 דאָרטן, ז' 126; טאָג, נ"י, 15טן מערץ 1938, "וועגן גיין צוריק אין געטאָ".
13 דאָרטן, ז' 132; טאָג, נ"י, 24טן פעברואַר 1951, "אין זכות פון די פאַרשניטענע".
14 דאָרטן, ז' 147; טאָג, נ"י, 4טן אַפּריל 1953, "נאָך ניט צו שפּעט" (וועגן אַ גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך).
15 דאָרטן, ז' 146; דאָרטן.

16 דאָרטן, ז״ 148־149, דאָרטן.
17 דאָרטן, 153; טאָג, נ״י, 17טן יאַנואַר 1942, ״וואָס איז וויסנשאַפט ?״.
18 מיט דער שארית הפליטה, ז׳ 66.
19 עסייען און רעדעס, ז׳ 339; טאָג, נ״י, אָקט׳ 1936, ״מיט אַ וויזע אין ייִדיש־לאַנד״.
20 דאָרטן, ז׳ 347, אידישער קעמפּער, נ״י, 17טן דעצעמבער 1937, ״ניט מלך, נאָר פּאַסטעך״.

דער פּאָעט און זײַן שאַפן

21 דאָרטן, ז׳ 14; טאָג, נ״י דעצ׳ 1949, ״גאָלדענע ווײַנטרויבן״.
22 דאָרטן, ז׳ 62; טאָג, נ״י, 9טן פעברואַר 1953, ״יאָסעלע גולם פון פּראָג״.
23 דאָרטן, ז׳ 331; טאָג, נ״י, אָקט׳ 1936, ״מיט אַ וויזע פון ייִדיש לאַנד״.
24 דאָרטן, ז׳ 337; דאָרטן.
25 דאָרטן, ז׳ 414; טאָג, נ״י, יוני 1943, ״אויף אַ הספּד־אָוונט מיט לאַנדסלײַט״.
26 דאָרטן, ז׳ 58; אידישער קעמפּער, נ״י, פּסח תשט״ז, 1957, ״עיקר־שטריכן פון מײַנע לידער״.

רעליגיעזע מאָטיוון

27 דאָרטן, ז׳ 47; אידישער קעמפּער, דאָרטן.
28 דאָרטן, דאָרטן.
29 דאָרטן, ז׳ 48, דאָרטן.
30 דאָרטן, ז׳ 49, דאָרטן.
31 דאָרטן, דאָרטן.
32 דאָרטן, ז׳ 24; טאָג, נ״י, 23סטן סעפּט׳ 1949, ״בראש השנה יכתבון״.
33 דאָרטן, ז׳ 130; טאָג, נ״י, 15טן מערץ 1938, ״וועגן גיין צוריק אין געטאָ״.
34 דאָרטן, ז׳ 21; טאָג, נ״י, 23סטן סעפּט׳ 1949, ״בראש השנה יכתבון״.
35 דאָרטן, ז׳ 59; אידישער קעמפּער, נ״י, פּסח תשט״ז, ״עיקר־שטריכן פון מײַנע לידער״.

גלות און ארץ־ישראל

36 דאָרטן, ז׳ 113; צוקונפט, נ״י, אָקט׳ 1957, ״דער ייִד דער יחיד״, רעפעראַט אויפן ירושלים־כינוס.
37 דאָרטן, ז׳ 116, דאָרטן.
38 דאָרטן, דאָרטן.
39 דאָרטן, דאָרטן.
40 דאָרטן, 143; טאָג, נ״י, 13טן יאַנואַר 1951, ״וואָס טוט זיך בײַ אונדז ייִדן אין אַמעריקע״.
41 דאָרטן, 363; רעדע, 1937, ״זאָלן די הענט וואָס בויען ניט אויפהערן בויען״.
42 דאָרטן, ז׳ 371; רעדע אין פּאַריז, 1937, וועגן ארץ־ישראל.

שואה און שארית הפליטה

43 דאָרטן, ז׳ 376; טאָג, נ״י, 3טן דעצ׳ 1947, ״אויפן שוועל פון גאולה״.
44 דאָרטן, ז׳ 422; טאָג, נ״י, 5טן אַפּריל 1951, ״זעקס ליכט״.
45 דאָרטן, זז׳ 412־413, טאָג, נ״י, 14טן יוני 1951, ״גבורה פון די געטאָס״.
46 מיט דער שארית הפליטה, ז׳ 10.
47 דאָרטן, ז׳ 11.
48 דאָרטן, ז׳ 14.
49 דאָרטן, ז׳ 16.
50 דאָרטן, ז׳ 21.
51 דאָרטן, ז׳ 26.

מענטש און מאָראַל

52 עסייען און רעדעס, ז׳ 126, טאָג, נ״י, יולי 1936, ״די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן״, רעדע אויפן פען־קאָנגרעס אין בוענאָס־איירעס.
53 דאָרטן, ז׳ 428; טאָג, נ״י 1939, ״פון גרשוני ביז ריבענטראָפּ״.
54 דאָרטן, ז׳ 26; טאָג, נ״י, 1טן אָקטאָבער 1949, ״מחילה״.

משיח

55 דאָרטן, ז׳ 376; טאָג, נ״י, 3טן דעצ׳ 1947, ״אויפן שוועל פון גאולה״.

ה. לייוויק

מאָרגן-ליד אין ירושלימער שפּיטאָל

די גרינע-שוועסטער רעדט זי צו:
חולה שלום עליך. שלום וכו':

שלום, שלום,
אחי —
אין שום, אין שום
דבר. —
די שרעק פֿאַרבײַ,
אחי, אחי,
פֿאַרבײַ אויך די געפֿאַר.

רופֿט ברוך,
ברוך, —
דערהער,
פֿאַרנעם מײַן טעם,
אחי, —
בּרוי,
לשנה הבאה,
וחזק=שלום. —
די צורה — כי בן בני,
כי בן אייניקל פֿון ירושלים.

וויין און צער —
רופֿט ברוכה

ה. לייוויק

מײַנע ייִנגסטע גרויע האָר

מײַנע ייִנגסטע גרויע האָר,
מײַנע טרויעריקע בליען,
איבער די ווענט פֿון מײַן קאָפּ
פֿײַערן נאַראַוועאַנען זיך צוזען.

מײַנע אַבֿרהם־האָרן װאָס
אַפֿילו ווען די פֿאַרבן צעגאַנגען, —
די שפּיצן פֿון זיך אַרויס
בראַזנישע פֿלאַמען.

מדבר ווערט מײַן קאָפּ,
מדבר און המושבֿ דערן, —
גײט שוועלט וואָס אָן און אין זײַן ראָף,
קולות פֿון רחמים און צאָרן.

כ׳שלאָף אײַן. כ׳וואַך זיך אויף —
אין אַלטנײַעם רעדער מדבר־שטורעם
גײט פֿאָרבײַ װאָס װאָלפֿסנײַ מײַן קאָפּ
אין זײַן נײַעם פֿײַערדיקן פֿאָרעם.

ירושלים. ... 1957

וויכטיקע דאַטעס אינעם לעבן פון דיכטער

1888 — וטער דעצעמבער, געבוירן אין איהומען, מינסקער גובערניע, ווײַסרוסלאַנד — עלטסטער פון נײַן קינדער, בײַם פאָטער שאול — דער ״מיידלשער לערער״ אין שטעטל.

1898 — פאָרט אָפּ אין ישיבה אין דערבײַאיקן שטעטל בערעזין; ערשטע קאָנטשאַפט מיט דער וועלט פון ביכער, השׂכּלה און וועלטלעכן וויסן.

1902-3 — מינסקער ישיבה.

1905 — שטייט צו צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

1906 — אַרעסטירט אויף דער בונדישער דעמאָנסטראַציע אין איהומען. נאָכן באַפרייט ווערן העלפט ער אָרגאַניזירן אַ שטרײַק פון דינסטמיידלעך אין מינסק; צום צווייטן מאָל אַרעסטירט און אַריבערגעפירט אין מינסקער טורמע, וואו ער וואַרט אָפּ צוויי יאָר אויף דעם פּראָצעס.

1908 — פאַראורטיילט אויף 4 יאָר קאַטאָרגע אין מינסקער תּפיסה. אָנגעהויבן שרײַבן זײַן ערשטע דראַמאַטישע פּאָעמע ״די קייטן פון משיח״.

1911-1910 — קאַטאָרגע-טורמע בוטירקי אין מאָסקווע.

1912 — פאַרשיקט אויף סיביר, אין אַ דערפל בײַ אירקוטסק; שרײַבט די דראַמע ״דאָרט וואו די פרײַהײַט״.

1913 — אַנטלויפט פון סיביר, אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

1914 — אין פילאַדעלפיע — אַרבעט אין אַ פאַבריק פון קינדער-קליידער. פאַרעפנטלעכט ערשטע לידער אין **יידישע וועלט און צײַטגײַסט**.

1915 — צוריק אין ניו-יאָרק, אַרבעט אין טאַפּעטן-קלעפּערײַ. דרוקט לידער אין **צוקונפט**, דערנענטערט זיך צו דער ליטעראַרישער גרופּע ״די יונגע״. עס דערשײַנט זײַן ערשט בוך **הינטערן שלאָס**.

1916 — געהייראַט מיט שׂרה סולטאַן.

1918 — געבוירן זײַן ערשטער זון, דניאל.

1921 — דעם 6טן דעצעמבער, אויפפירונג פון דראַמע **שמאַטעס** דורכן

מאָריס שוואַרץ-טעאַטער. **פאָרווערטס** דרוקט די דראַמע אין פאָרזעצונגען — אַ זעלטנקייט אין דער ייִדישער פרעסע.

1924 — הייבט אָן מיטאַרבעט אין **פרייַהייט**.

1925 — רייַזע קיין אייראָפּע — ענגלאַנד, פראַנקרייַך, דייַטשלאַנד, פּוילן און סאָוועטרוסלאַנד וואו אָנגעטראָפן אויף קריטיק מצד קאָמוניסטישע שרייַבער; אין זעלבן יאָר פּרעמיערע פון **גולם** אין הבימה אין מאָסקווע.

1928 — געבורט פון זייַן צווייטן זון.

1929 — נאָכן פּאָגראָם פון אַראַבער אויף ייִדן אין חברון, פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע **פרייַהייט** (צוזאַמען מיט מנחם באָריישאַ, אַברהם רייזען א״אַ), פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין וועלכן ער טאַדלט די קאָמוניסטן פאַר באַגריסן די פּאָגראָמען אין ארץ-ישׂראל.

1932 — אין סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנקע אין דענווער ביז 1936.

1936 — אָנהייב פון זייַן שטענדיקער מיטאַרבעט אין **טאָג**, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זייַן לעבן. דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן פ.ע.נ.-קלוב אין בוענאָס-אייַרעס, זייַן רעדע קעגן אויפקום פון נאַציזם מאַכט גרויסן רושם; אָנגעהויבן רעדאַגירן מיט יוסף אָפּאַטאָשו די **זאַמלביכער** (אַכט בענד אַרויס ביזן יאָר 1952).

1937 — צווייטע רייַזע קיין אייראָפּע, און פון דאָרט אויף זייַן ערשטן באַזוך אין ארץ-ישׂראל. אין פּאַריז זיך באַטייליקט אין גרינדונג פון ״איקוף״.

1938 — גרינדונג אין ניו-יאָרק פון אַ יובליי-קאָמיטעט צום דיכטערס ווערן אַ בן-חמישים — פייַערונגען אין דער גאָרער ייִדישער וועלט.

1939 — נאָכן סטאַלין-ריבענטראָפּ אָפּמאַך פאַרלאָזט דעם ״איקוף״.

1946 — באַזוך בייַ דער שארית הפליטה אין די די.פּי.-לאַגערן צוזאַמען מיטן דיכטער ישׂראל אפרת און זינגערין עמאַ שיווער.

1952 — צווייטער באַזוך אין ארץ-ישׂראל, דאַסמאָל אין מדינת ישׂראל.

1957 — רעדע אויפן אידעאָלאָגישן כּינוס אין ירושלים. ווערט קראַנק און פאַרענדיקט זייַן באַזוך אין ירושלים אין שפּיטאָל.

1958 — ערן-דאָקטאָראַט פון רעפאָרם-סעמינאַר ״היברו יוניאָן קאָלעדזש״. ערב ראש-השנה ווערט פאַראַליזירט, ביזן סוף פון זייַן לעבן.

1962 — דעם 23סטן דעצעמבער, געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.

ביבליאָגראַפיע

מיר האָבן זיך באַמיט צונויפֿצושטעלן אַ גענויע רשימה פֿון לייוויקס שאַפֿונגען, כראָנאָלאָגיש אויסגעסדרט אין די דרײַ רובריקן פֿון פּאָעזיע, דראַמע און פּראָזע. די ביכער וואָס באַשטייען דורכאויס פֿון פֿריִער געדרוקטע זאַמלונגען ווערן אָנגעגעבן אין קלאַמערן און ווערן ניט גענומען אין חשבון. יעדע געדרוקטע דראַמע ווערט פֿאַרצייכנט אין אַ באַזונדערן נומער, דאָקעגן קריגט בלויז איין נומער די 4 ניט־געדרוקטע דראַמעס וואָס דערשײַנען אין איין באַנד אונטער דעם זעלבן נאָמען. די צוויי בראָשורן אין דער אָפּטיילונג פֿון פּראָזע, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס באַזונדערע אויסגאַבעס, קריגן צוויי נומערן, כאָטש זיי באַשטייען בלויז פֿון עטלעכע צענדליק זײַטלעך.

ביכער פֿון ה. לייוויק

א. פּאָעזיע

1 הינטערן שלאָס — ד״ר ק. פֿאַרענבערג, ניו־יאָרק 1918, 191 זז׳.

2 ליעדער — אינזל, ניו־יאָרק 1919, 195 זז׳.

3 אין קײנעמס לאַנד — לידער און פּאָעמעס, קולטור־ליגע, וואַרשע 1923, 181 זז׳.
(שניי אַראָפּגעפֿאַלענער — אויסגעקליבענע לידער, שול און לעבן, מאָסקווע 1925, 160 זז׳, א. נ. לייוויק האַלפּער).

4 דורך זיבן טויטן — לידער, שול און לעבן, קיִעוו 1926, 92 זז׳.
(פֿריִערדיקע געדרוקטע לידער מיטן צוגאָב פֿון אייניקע ציקלען וואָס זײַנען ניט אַרײַן אין די שפּעטערדיקע זאַמלונגען און אַ צאָל אין אַנדערע וואַריאַנטן אָדער מיט אַן אַנדער קעפּל).

5 לידער — פּרײַנט, ניו־יאָרק 1932, 300 זז׳.

6 לידער פֿון גן־עדן — מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ 1937, 157 זז׳.

7 אַלע ווערק פֿון ה. לייוויק — ה. לייוויק־יובילײ־קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1940 (באַנד 1: לידער און פּאָעמעס, 667 זז׳. צוזאַמען אין בוכפֿאָרעם, 5 נײַע ציקלען; ״לידער צו דער באַרעמהערציקער שוועסטער״, ״דאָרט וואו די צעדער״, ״היטלער נעכט־מאָטיוון״, ״דערמאָנונגען״, ״לידער וועגן דער געלער לאַטע״ — באַנד 2: דראַמאַטישע פּאָעמעס, זע נומ׳ 11, 18, 19, 20).

8 **אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען** — לידער און פּאָעמעס, לייוויק־יובילײ־פאָנד דורכן ציקאָ, ניו־יאָרק 1945, 347 זז׳.

9 **אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים** — לידער, קיום, בוענאָס־אײַרעס 1955, 370 זז׳.

10 **לידער צום אייביקן** — דער קוואַל, ניו־יאָרק 1959, 160 זז׳.

ב. דראַמע

11 **דער גולם** — דראַמאַטישע פּאָעמעס אין אַכט בילדער, ניו־יאָרק 1921, 222 זז׳ (אויך אין "אַלע ווערק", באַנד 2, 234 זז׳).

12 **אָרעמע מלוכה (בעטלער)** — דראַמע אין 4 אַקטן, ב. קלעצקין, אין באַנד 3 פון די "געקליבענע ווערק", ווילנע 1927, 141 זז׳.

13 **באַנקראָט** — דראַמע אין 3 אַקטן און 4 בילדער, אין באַנד 4 פון "געקליבענע ווערק", ב. קלעצקין, ווילנע 1928, 170 זז׳.

14 **שמאַטעס** — דראַמע אין 4 אַקטן, אין באַנד 4 פון די "געקליבענע ווערק", ב. קלעצקין, ווילנע 1928, 118 זז׳.

15 **שאָפּ** — דראַמע אין 4 אַקטן, אין באַנד 5 פון די "געקליבענע ווערק", ב. קלעצקין, ווילנע 1928, 138 זז׳.

16 **הירש לעקערט** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 6 בילדער, אין "געקליבענע ווערק", ווילנע 1931, 113 זז׳.

17 **קייטן** — ב. קלעצקין, ווילנע 1931, 101 זז׳.

18 **די גאולה־קאָמעדיע (דער גולם חלומט)** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 סצענעס, 11 בילדער, ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ 1934, 226 זז׳ (אויך אין "אַלע ווערק", באַנד 2, זז׳ 191־391).

19 **אַבעלאַר און העלואיז** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 סצענעס, פאַרוואַרט נ. מייזיל ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1936, 93 זז׳ (אויך אין אַלע ווערק באַנד 2, זז׳ 419־498).

20 **די קייטן פון משיח** — דראַמאַטישע פּאָעמע, געדרוקט צוערשט אין "אַלע ווערק", ניו־יאָרק 1940, באַנד 2, 395־418 זז׳.

21 **מהר״ם פון ראָטענבערג** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 7 בילדער, ציקאָ, ניו־יאָרק 1945, 186 זז׳.

22 **די חתונה אין פערנוואַלד** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 11 סצענעס, ציקאָ, ניו־יאָרק 1949, 186 זז׳.

23 **אין די טעג פון איוב** — דראַמאַטישע פּאָעמע אין 7 בילדער, ציקאָ, ניו־יאָרק 1953, 210 זז׳.

24 **ניט געדרוקטע דראַמעס** — קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס 1973, 320 זז׳. 4 דראַמעס: "איוב דער צווייטער" ("אַ נשמה אין גיהנום") — יום־כּיפּור פּאָעמע ; "אַנדערש" — דראַמע ; "פּראָפעסאָר שעלינג" ("ווער איז וועך") — דראַמע אין 3 אַקטן ; "דער נס אין געטאָ" — דראַמע אין 3 אַקטן.

דראַמעס אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס

25 די עקידה — ביבלישע דראַמע אין 5 בילדער, "די צוקונפט", ניו־יאָרק אויגוסט־דעצעמבער 1935.

26 סדום — ביבלישע דראַמע אין 4 אַקטן מיט פּראָלאָג, "די צוקונפט", ניו־יאָרק מאַי־אויגוסט 1937.

27 דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד — דראַמע אין 3 אַקטן, "זאַמלביכער", באַנד 3, ניו־יאָרק 1938.

28 דאָרט וואו די פרייהייט — דראַמע אין 4 אַקטן, "אידישער קעמפער", ניו־יאָרק אַפּריל 1952.

29 גזר — ביבלישע דראַמע וועגן אַלטן דור יוצאי מצרים, 3 אַקטן, "אידישער קעמפער", ניו־יאָרק פּסח־זאַמלבוך תשי"ג (1953).

ג. פּראָזע

36 ביים ראַנד פון אַנהייב (וועג־איינדרוקן) — קיעוו 1925, 31 זז'.

31 ה. לייוויק וועגן ארץ־ישראל — קולטור־געזעלשאַפט ביים צענטראַלן פּראָפּעסיאָנעלן פאַרלאַג נ. סירקין, וואַרשע 1938, 22 זז'.

32 מיט דער שארית הפליטה (טאָגבוך־פאַרצייכענונגען פון אַ רייזע איבער די יידישע לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד) — ה. לייוויק יובליי־פאָנד, דורכן ציקאָ, ניו־יאָרק 1947, 300 זז'.

33 אויף צאַרישער קאַטאָרגע — י"ל פּרץ, תל־אביב 1959, 478 זז'.

34 עסייען און רעדעס, קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1963, 451 זז'.

לייוויקס דראַמעס אין טעאַטער

(נישט פולע רשימה)

שמאַטעס

1921 — אויפגעפירט אין אַמעריקע דורך דעם קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ.
1922 — דורך יצחק דײַטש אין ווינער "פרײַע יִדישע פאָלקסבינע".
1922 — אין וואַרשע, "ווילנער טרופּע", רעזשי ל. קאַדיסאָן.

אַנדערש

1922, סעפּטעמבער, אין קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ.

אָרעמע מלוכה (בעטלער)

1923 — אין מאָריס שוואַרץ קונסט־טעאַטער.
1928 — אין "דראַמאַטישן ווינקל" אין ווילנע, רעזשי ב. באָריסאָוו. אין דער "פאָלקס־בינע", ניו־יאָרק.

דער גולם

25סטן דעצעמבער 1925 — ערשטע אויפפירונג אין העברעאיש אין מאָסקווע. רעזשי ב. י. ווערשילאָוו, געשפּילט געוואָרן בעת אַלע אויפטריטן פון הבימה אין דער וועלט.
אַפּריל 1927 — ערשטע נישט פּראָפעסיאָנעלע אויפפירונג אין יִדיש דורך דער סטודיע "פרײַקונסט" אין מאָסקווע, די זעלבע ווערסיע ווי די העברעאישע אויפפירונג.
יאַנואַר 1928 — פּראָפעסיאָנעלע אויפפירונג אין פּויליש אין לובלינער שטאָט־טעאַטער. איבערזעצט און רעזשיסירט פון אַנדזשיי מאַרק (מאַרק אַרנשטיין).
פעברואַר 1929 — ערשטע אויפפירונג אין יִדיש, אין קראָקעווער יִדישן טעאַטער, לויט דער אינסצעניזאַציע פון מאַרק אַרנשטיין אין ווילנער אַנסאַמבל.
אויגוסט 1930 — "ווילנער טרופּע" אין לאָדזשער שטאָט־טעאַטער, רעזשי פון דוד הערמאַן.
מאַי 1929 — אין ענגליש אין שיקאַגער גודמאַן־טעאַטער.
נאָוועמבער 1931 — אין ניו־יאָרק אין דער אויספירונג פון יִדישן "אַנסאַמבל־טעאַטער", אין דער רעזשי פון עגאָן ברעכער, מוזיק יוסף אחרון. ספּעציעלע באַאַרבעטונג פון מחבר.
מערץ 1962 — אין ניו־יאָרק ווי אַן אָפּערע אין ענגליש, אין סיטי־טעאַטער.

שאָפ

דעצעמבער 1926 — ניו־יאָרקער "אורווינג פּלייס־טעאַטער", רעזשי׳ יעקב בן־עמי און יעקב מעסטעל.
אויגוסט 1927 — דורכן טעאַטער "אוהל" אין תל־אביב, אין דער איבערזעצונג פון אברהם שלאָנסקי. אין 1982 אין דער "פאָלקסבינע" אין ניו־יאָרק.

הירש לעקערט

יוני 1928 — אין קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע, רעזשי משה ליפּמאַן.
אין זעלבן יאָר געשפּילט אין פאַרשידענע אַמאַטאָרישע אַנסאַמבלען אין אייראָפּע, סאָוויעט־רוסלאַנד און דרום־אַמעריקע. אין די פופציקער יאָרן אין דער "פאָלקס־בינע", ניו־יאָרק.

קייטן

פעברואר 1930 — אין "קונסט־טעאַטער" פון מאָריס שוואַרץ, אין זײַן רעזשי און הויפּטראָל.
מאַי 1932 — אויפגעפירט דורך דער דראַמאַטישער סעקציע בײַ "צוקונפט" אין וואַרשע, טעאַטער אַטענעאום.
סעפּטעמבער 1931 — א"נ כבלים, אין הבימה־טעאַטער אין תל־אביב.

סדום

1939 — אין העברעאיש אין "אוהל"־טעאַטער, איבערזעצונג אַ. שלאָנסקי, רעזשי משה הלוי.

מהר"ם פון רוטענבערג

אין די זעכציקער יאָרן אין פאָלקסבינע ניו־יאָרק אין דער רעזשי פון דוד ליכט, און אין די זיבעציקער יאָרן אין דער ישראל־טעלעוויזיע אין עברית מיט ישראל בעקער אין דער הויפּט־ראָל.

דער גולם חלומט

1935 — אין הבימה, אין העברעאישן נאָמען חלום הגולם.

פּראָפעסאָר שעלינג — ווער איז ווער ?

אויגוסט 1939 — אין העברעאישן נוסח אין הבימה מיטן נאָמען מי האיש.

די חתונה אין פערנוואַלד

אין "פאָלקסבינע" אין ניו־יאָרק.

באַנקראָט

אין "פאָלקסבינע" אין ניו־יאָרק.

די מחברים וואָס באַטייליקן זיך אין דער זאַמלונג

ישראל חיים בילעצקי
געבוירן 1914 אין קאָברין, ווײַסרוסלאַנד, געענדיקט תרבות־גימנאַזיע. אין 1934 עולה געוועזן קיין ארץ־ישראל. שטודירט אויפֿן העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און באַקומען דאָקטאָראַט פֿאַר דיסערטאַציע וועגן לייוויקס משיח־דראַמעס. מחבר פֿון אַ פּאָר צענדליק ביכער — פּאָעזיע און ליטעראַטור־קריטיק ווי אויך עסייען־זאַמלונגען אין העברעאיש. לעקטאָר פֿון תל־אביב אוניווערסיטעט און שפּעטער אין דער ייִדיש־קאַטעדרע בײַם בר־אילן אוניווערסיטעט.

אביבה בערלינסקי־טל
געבוירן אין 1947 אין בערגען־בעלזען. צוזאַמען מיט דער משפּחה עולה־געוועזן אין יאָר 1952. ב.א. באַקומען אין העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אויך אַ לערער־אַטעסטאַט (תעודת הוראה) פֿון זעלבן אוניווערסיטעט. מיטגליד אין לערער־פּערסאָנאַל פֿון דער ייִדיש־קאַטעדרע בײַם בר־אילן, וואו זי זעצט אויך פֿאָר אירע מ.א.־שטודיעס.

עמנואל ס. גאָלדסמיט
געבוירן אין ניו־יאָרק 1935. ב.א. פֿון סיטי־קאָלעדזש, דאָקטאָראַט — אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט און סמיכה אויף רבנות פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. פּראָפֿעסאָר פֿאַר ייִדיש אין קווינס־קאָלעדזש ניו־יאָרק. מחבר פֿון מאָדערנע ייִדישע קולטור (ענגליש), מיטרעדאַקטאָר פֿון באַנד עסייען וועגן מרדכי קאַפּלאַן (ענגליש), פֿאַרעפֿנטלעכט אַרבעטן אין ענגלישע, ייִדישע און העברעאישע זשורנאַלן.

אַנאַ דרעסנער
געבוירן אין קאָלאָמיי, גאַליציע, 1922. געענדיקט ייִדיש־מלוכהשע מיטלשול און פֿילאָלאָגיע פֿון רוסישער ליטעראַטור אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין 1946. רעפּאַטריאירט קיין פּוילן און אין 1964 עולה־געוועזן קיין ישראל. שטודירט ייִדישע ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און שפּעטער דאָרט געוועזן לערערין פֿון ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַרנומען זיך מיט פֿאַרשאַרבעטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און איבערזעצט ייִדישע שרײַבער

אויף פויליש. אין די לעצטע יאָרן אָנגעפירט מיט קורסן פאַר ייִדישע ליטעראַטור בײַם אוניווערסיטעט אין באר־שבע. געשטאָרבן אין ירושלים אין 1989.

גרשון ווײַנער

געבוירן 1922 אין ווידז, ווילנער געגנט. פון אַכט יאָר אָן אין טאָראָנטאָ. געלערנט אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן אין ניו־יאָרק, דאָקטאָראַט פון מישיגען שטאַט־אוניווערסיטעט און סמיכה פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דעקאַן פון הרצליה־ייִדישער לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, פון 1970 אין ישראל. פּראָפעסאָר פאַר ייִדישער ליטעראַטור אין בר־אילן און הויפּט פון דער ייִדיש־קאַטעדרע. מחבר פון אַן ענגליש בוך וועגן דעם ציוניסטישן געדאַנק, פּובליצירט עסייען אין ייִדישע, ענגלישע און העברעאישע אויסגאַבן. רעדאַקטאָר פון אַ צאָל זאַמלונגען אויף ייִדישע ליטעראַטור־טעמעס.

מרדכי יושקאָווסקי

געבוירן אין 1961 אין וויניצע, אוקראַינע. פון 1978 ביז 1983 שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט און באַקומען דעם צווייטן טיטל אין עקאָנאָמיק. פון 1986 פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, אַרטיקלען, ליטעראַרישע איבערזעצונגען אין "סאָוועטיש היימלאַנד", וואו געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע. אין 1989 עולה־געווען קיין ישראל מיט זײַן משפחה, שטודירט אין דער ייִדיש־קאַטעדרע פון בר־אילן פאַרן דאָקטאָראַט אין ייִדישער ליטע־ראַטור.

דב נוי

געבוירן 1920 אין קאָלאָמיי, מזרח־גאַליציע. פאַרענדיקט די פוילישע גימנאַזיע און עולה־געווען קיין ארץ־ישראל (1938), כדי צו שטודירן אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט. פּראָפעסאָר פון פאָלקלאָר און ליטעראַטור אין ירושלים. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין דער בריטישער אַרמיי, שפּעטער אָנגעפירט מיט חינוך־טעטיקייטן אין די ציפּערן־לאַגערן. פאָלקלאָר־דאָקטאָראַט באַקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גאַסט־פּראָפעסאָר אין אַ גרויסער צאָל אוניווערסיטעטן. זינט 1985 פּראָפעסאָר פון ייִדיש־פאָלקלאָר אין בר־אילן אינווערסיטעט. העברעאישע ביכער און פּובליקאַציעס, דער עיקר וועגן אגדות חז״ל און וועגן דער פאָלקס־שאַפונג פון ייִדישע עטנישע גרופּעס. אויך אָפּהאַנדלונגען אין ייִדיש וועגן דעם פאָלקלאָר פון די אַשכנזישע ייִדן.

שמואל ראָזשאַנסקי

געבוירן אין וואַרשע 1902. ליטעראַטור־פאָרשער, פּובליציסט, רעדאַקטאָר. 1912 געענדיקט קאַוואַלסקיס גימנאַזיע אין וואַרשע. אין 1923 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע. מיטגרינדער און לאַנגע יאָרן פאָרזיצער פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע, ייִוואָ און אַנדערע ייִדישע אינסטיטוציעס, פון 1925 לערער און דירעקטאָר פון ייִדישע שולן.

פון 1949 ביז 1973 פראָפעסאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר, שפּעטער מדרשה. זינט 1923 פאַרעפנטלעכט סקיצן, דערציילונגען און טעאַטער־קריטיק אין דער פּרעסע. מחבר און רעדאַקטאָר פון אַ צאָל ביכער, און באַזונדערס פון די 100 בענד מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור.

לוי שאַליט

פאַרקירצט פון שאַליטאַן. געבוירן אין רוסלאַנד 1918, געלערנט אין טעלזער און סלאָבאָדקער ישיבות, אין אַ דייטשער שולע אין מעמעל, שטודירט יוריספּרודענץ אין מינכענער אוניווער־סיטעט. דורכגעמאַכט שאַוולער געטאָ, דאַכאַו־קאַצעט. פון די גרינדערס פון דער אונטער־גרונט־אָרגאַניזאַציע מפדה. נאָך דער מלחמה טעטיק ביי דער שארית הפליטה אין דייטש־לאַנד, פון 1952 אין יאָהאַנעסבערג, און די לעצטע יאָרן זיך באַזעצט אין תל־אביב. אָנגעהויבן שרייבן אין קאָוונער צייטונגען, געגרינדעט און רעדאַגירט אונזער וועג אין מינכען, אָרגאַן פון דער שארית הפליטה. רעדאַקטאָר פון דער אַפריקאַנער יידישער צייטונג. מחבר פון עטלעכע ביכער פובליציסטיק, לידער און סקיצן.

חיים שוהם

געבוירן אין 1936 אין ארץ־ישראל. פּראָפעסאָר פאַר העברעאישער ליטעראַטור און פאַרגלייך־ליטעראַטור אין אוניווערסיטעט פון חיפה. שטודירט אין בר־אילן־אוניווערסיטעט און אין היידעלבערג. פאַרנעמט זיך מיט פאָרשונג פון העברעאישן טעאַטער און דראַמע, ווי אויך די באַציאונגען צווישן דער העברעאישער ליטעראַטור און דייטשער ליטעראַטור אין דער תקופה פון השכלה. צווישן אַנדערן אַרויסגעגעבן אין העברעאיש: די דראַמע פון דור אין לאַנד, נתן דער קלוגער, טעאַטער און דראַמע זוכן פּובליקום, די הסתדרות און אוהל — צום מהות פון אַן אַרבעטער־טעאַטער.

TABLE OF CONTENTS

YIDDISH

Introduction 9
Gershon Winer — The Poet and his Image 13
Emanuel S. Goldsmith — The Confluence of Spiritual and Poetic Quests 18
Anna Dresner — "Maharam of Rothenburg" 34
Dov Noy — The Poems Set to Music 45
Gershon Winer — Mystic and Metaphysical Components 90
Aviva Berlinski-Tal — The Israel Motif 97
Mordecai Yushkovsky — Leivick in the Soviet Yiddish Press 102
J. Ch. Biletzky — Dominant Themes in the Major Works 109
Levi Shalit — With Holocaust Survivors in Germany 124
Shmuel Roschanski — Leivick and Peretz 131
Summaries of Hebrew Papers 135

HEBREW

Dov Noy — Hirsh Lekert in Reality, in Ballad and in Leivick's Drama 139
Haim Shoham — The Two Dramas in the Ohel Theatre 156
Summaries of Yiddish Papers 166
Leivick's Works in Hebrew Translation 174

ADDENDA

Thus Sayeth Leivick — Excerpts 177
Facsimile of Two Poems 194
Significant Dates in the Life of the Poet 196
Definitive Bibliography of his Works 198
Annotated List of Dramas Produced in the Theatre 201
Participants in the Volume 203

The publication of this book was made possible by

YECHIEL and RACHEL OBARZANEK

STUDIES IN LEIVICK is a collection of papers read at the Lord Fisher of Camden Colloquium at Bar-Ilan Univesity in December 1988, in observance of the H. Leivick centenary. To these have been added studies especially commissioned for this volume. The papers and essays were presented in Yiddish, with the exception of two in Hebrew. Summaries in both languages are included.

The Rena Costa Chair has published to date the following Yiddish volumes:

Yesterday, Feuilletons by B. Yeushson (Yiddish publicist of pre-World War II Warsaw).

Literary Essays by Aharon Raskin (Soviet Yiddish critic), edited by G. Winer and E. Shedletzki.

The Yiddish Idiom: A Mirror of Light, by Abraham Keren.

Yehuda Elberg: Essays on his Literary Works, edited by G. Winer.

Yiddishe Folklieder in Russland, by S. M. Ginzburg and P. S. Marek (reproduction of 1901 edition), edited by Dov Noy.

Anthology of Yiddish Literature (for seminars in the U.S.S.R.), edited by G. Winer.

Studies in Leivick, edited by G. Winer.

STUDIES IN LEIVICK

edited by Gershon Winer

The Rena Costa Chair in Yiddish Language and Literature

Bar-Ilan University

Ramat-Gan 1992